3 1761 08392545 3

Lieberman, Hayim
Dikheter un eveleten

PJ
5124
L5
1923
c.1
ROBA

Digitized by the Internet Archive
in 2026 with funding from
University of Toronto

https://archive.org/details/dikherunelen0000lieb

חיים

3 1761 04793312 2

PJ
5124
L5
1923
c.1
ROBA

:opyright of this edition is purchased for continental circulation only,
:he volumes may therefore not be introduced into the United States.

דער פארקויף פון דעם בוך אין דער ג׳יסשטאטונג, איז אין אמעריקע געזעצליך פארבאטען

VELUT ARBOR ÆVO

Presented to the
LIBRARY *of the*
UNIVERSITY OF TORONTO
by
JOSEPH B. SALSBERG

חיים ליעבערמאַן

דיכטער און וועלטען

Printed in Germany

זאַץ־אָרדנונג פֿון ישראל לאָנדאָן / שער־בלאַט און די געצייכנטע אותיות
פֿון ג. גאָניאָנדסקי / דאָס בוך איז געדרוקט אין בערלין אין חודש
מאַי 1923 ביי לוטצע און פאָגט ג.מ.ב.ה. / דאָס רעכט
פֿון איבערדרוקן און איבערזעצן געהערט דעם
מחבר / דאָס שער־בלאַט איז ליטאָגראַ־
פֿירט ביי סענש און שותּפֿים

Copyright 1923 by
Herman Lieber-
man, New
York

Printed in Ge[illegible]

דעם אָנדענק
פון דאָס װאָס האָט
געקענט אַזוי שעהן זיין
און איז צו שעהן געװען
צו זיין

LIBRARY
MAR 24 1999
UNIVERSITY OF TORONTO

באַגלייט־וואָרט

די עסייען, וואָס קומען אַריין
אין דעם פאָרליגענדען ווערק,
זיינען כּמעט אַלע געשריבען גע־
וואָרען אין די יאָהרען 1921-1922
אינמיטען פון דער רוטינע און
דעם געפילדער פון צייטונגס־
אַרבייט. דאָס דערקלערט, ער־
שטענס, וואָרום די עסייען זיינען
קליין אין פאַרנעם, כאָטש די באַ־
רירטע טעמעס זיינען אַזוי גרויס
אין וויכטיגקייט; צווייטענס, פאַר־
וואָס די טעמעס האָבען ניט
קיין שטייפערען צוזאַמענהאַנג:
אַנאַטאָל פראַנס, וואונדט, דאַנטע...

די אַלע שרײַבער זײַנען באַהאַנדעלט געװאָרען, ניט װײל איך האָב גראָד דעמאָלט געלעבט מיט זײערע װערק, נאָר װײל זײ זײַנען גראָד דעמאָלט געװען אַ צײַטונגס־טעמע, — יעדער בײ זײן באַזונדער געלעגענהײט. אָבער דאָס איז דער שיקזאַל פון דער אידישער קריטיק.

נױאָרק, 1922

פֿון דער וועלט-ליטעראַטור

אַנאַטאָל פראַנס
דער באַפרייער

ס׳איז דאָ אויף דער וועלט איין שטיל ווינקעל, איין שטילער, באַרוהיגענ־דער פּלאַץ: די ווערק פון אַנאַטאָל פראַנס.

עס איז מערקווירדיג: אין דעם דאָזיגען פּרט שטעהט פראַנס איינציג און אַליין אין דער אייראָפּייאישער ליטעראַטור. די אייראָפּייאישע ליטעראַטור האָט אַן אייגענשאַפט: זי איז אַ ליטעראַטור פון אומרוה, פון שטורם און דראַנג, פון דראַמאַטישער געשפּאַנטקייט, פון טראַגישער אָנשטרענגונג. זי איז אַ ליטעראַטור פון זוכען. נאָר זי זוכט: זי זוכט גליק, זי זוכט גאָט, זי זוכט אַ זין אין דער וועלט, זי זוכט סאָציאַלען יושר, זי זוכט מאָראַלישען יושר. זי איז אין אייביגען געיעג נאָך — דער אילוזיע.

בלויז אַנאַטאָל פראַנס יאָגט זיך ניט: ער געהט געלאַסען, ער געהט שפּאַצירען. „אין זיינע ווייטסטע זוכונגען — זאָגט פראַנס וועגען זיין העלד, דעם אבעי קואַנאַר — איז ער שטענדיג געבליבען דער שטילער שפּאַצירגעהער“. און אין דעם סקעפּטישען און איראָנישען קואַנאַר האָט פראַנס, ווי באַוואוסט, זיך אַליין פאַרקערפּערט. דער שטילער, אַליין־באַאָבאַכטענדער שפּאַצירגעהער — אָט דאָס איז פראַנס אין דער אייראָפּייאישער ליטעראַטור. ער יאָגט זיך ניט, ווייל ער ווייס: עס איז ניטאָ נאָך וואָס זיך צו יאָגען. ער האָט זיינס נאָך ביים אָנהויב פון וועג געפונען. ער האָט געפונען די — דיסאילוזיע.

געפונען, אַז אַלץ איז אומזיסט, אַלץ איז הבל הבלים.

און אין דעם באַשטעהט דער אונטערשייד פון אַנאַטאָל פראַנס פון איין זייט, און דער גאַנצער אייראָפּייאישער ליטעראַטור פון דער אַנדער זייט: יענע זיינען דאָס טראַגישע זוכען, ער — דאָס טראַגישע געפינען.

פראַנס׳עס טראַגעדיע און רוהיגקייט, איז די טראַגעדיע און רוהיגקייט פון — „נאָך אַלעמען“. פראַנס האָט געזוכט און געפונען — דעם גאָרניט. עס

האָט איינער געזאָגט וועגן דער פילאָזאָפיע: זי איז אַ בלינדער, וואָס זוכט ביינאַכט אין אַ פינסטערן צימער אַ שוואַרצע קאַץ, וואָס איז דאָרט ניטאָ. דאָס איז אַנאַטאָל פראַנס׳עס וועלט־אַנשויאונג. גליק, גאָט, אמת, אַ לעבענס־זין — אומזיסט דאָס זוכען. עס איז אַ שוואַרצע קאַץ אין אַ בלינדער נאַכט.

פראַנס איז דער פעסימיסטישסטער גייסט אין דער מאָדערנער צייט. און אפשר, ווי אַ קריטיקער דריקט זיך אויס, זינט די וועלט שטעהט. דעם סקעפּטיציזם פון אונזער צייט האָט קיינער ניט אַזוי טיעף איינגעזויגען ווי ער. איינגעזויגען און — אָנגענומען. אַנדערע האָבען זיך געפּרואווט וועהרען. טאָלסטאָי האָט דעם סקעפּטיציזם געוואָלט גובר זיין; דאָסטאָיעווסקי, מעטער־לינק, אַנדרעיעוו האָבען געפּרואווט שטורמען די „טויבע וואַנט"; ראָמען ראָלאַן האָט געזוכט אַ רעטונג אין אַ מענשליכען אידעאַל, אין דעם קאָסמאָפּאָליטיזם. ניט אַזוי אַנאַטאָל פראַנס. זיין דיסאילוזיע איז ברייטער — זי איז אויסגעשפּרייט אויף וועלט און מענש צוגלייך; זי איז טיעפער — ווייל זי איז אַבסאָלוט. פראַנס זוכט ניט צו אַנטלויפען פון איהר. ער נעהמט זי אָן. ער ווייס, עס איז קיין אנטרינונג ניטאָ. עס איז „נאָך אַלעמען".

וואָס איז דאָס לעבען? פרעגט אַנאַטאָל פראַנס, און ער ענטפערט: אַ שפּאַס, אַ פאַרס, אַ גרויזאַמער אַבסורד. שעפּט אַרויס אַ טראָפּען פון פראַנס׳עס ווערק און איהר האָט פאַר זיך דעם גאַנצען ים, דעם ים פון דעם לעבענס־אַבסורד. עס באַגעגענען זיך „ער" און „זי", געליעבטער און גע־ליעבטע, צום ערשטען מאָל און געהען צום זינדיגען צימער. אַ זינדיג צימער — ווייל זי איז אַ פרעמדענס ווייב. זיי געהען און ווער קומט זיי אַנטקעגען? אַ לויה; זיי קומען אין צימער אַריין — קוקט דאָס פענסטער אַרויס אויף אַ בית־עולם; זי אַנטבלויזט איהר פרישען לייב—און פון אַ וואַנט־בילד קוקט אויף איהר אַראָפּ אַ פ אַ ר וו ע ל ק ט ע שעהנהייט; זיי פאַרוויקלען זיך אין לייב און ליעבע — שמייכלען אויף זיי פון וואַנט־פּאַפּיר קאָמישע פיגורען אַראָפּ. אָט דאָס איז אַ טראָפּען פראַנס, און ווי דער טראָפּען אַזוי דער ים.

קיין וואונדער ניט, אַז ווען איין העלד ביי פראַנס׳ן זאָגט: „אָבער מיר מוזען דאָך אין עפּעס גלויבען, עס וואָלט דאָך געווען צו טרויעריג, ווען עס זאָל ניט זיין קיין גאָט, ווען אונזערע נשמות וואָלטען ניט געווען אונשטערבליך",

קריגט ער דעם ענטפער: „מיר ווייסען ניט, וואס צו טאָן מיט ד ע ם קורצען לעבען און דו ווילסט נאָך אַן אַנדערען, אַן אייבּיגען“.

און וואס מיט אונז, דאָס מיט דער גאַנצער וועלט. וואָס איז דען די וועלט? „אונזער ערד איז נאָר אַ שפּריץ בּלאָטע, אונזער זון איז נאָר אַ בּלעזעל גאַז אין אונענדליכען רוים“. און „אין די הימלען פּונקט ווי אויף אונזער ערד, שלינגט איין מין דעם אַנדערען, הערשט דאָסזעלבּע געזעץ פון שטרייט און קאַמף“.

און דער מענש אַליין — דאָ איז אויך קנאַפּ טרייסט פאַראַן. „די מענשען — זאָגט פראַנס — זיינען נאָך ערגער, ווי זיי זעהען אויס“. און נאָט איז אַן עדות, אַז זיי זעהען אויס שלעכט גענוג. און ער זאָגט: „איך האָבּ קיינמאָל ניט אַן עפען געטאָן אומגעריכט אַ טיר, אַז איך זאָל ניט דערזעהן עפּעס, וואס האָט אַרויסגערופען בּיי מיר רחמנות, עקעל, אָדער שרעק“.

און פראַנס האָט זיין גאַנץ לעבען געטאָן נאָר איינס: טירען געעפענט...

עס איז געוועזן איין האָפנונג אין אייראָפּא — דער מענשליכער פאַרשטאַנד און דער „אמת“, וואס ער וועט געפינען. אָבּער זוכען דעם „אמת“ — דאָס איז דאָן־קיכאָטסטווע. זשיאָוואַני, אין „דער מענשליכער טראַגעדיע“, איז דער דאָן־קיכאָט פונ׳ם אמת. דער מאָנאַך ענדיגט זיין זוכעניש מיט אַ חלום. ער זעהט אַ ריזיגע פייעריגע ראָד, אויף די ספּיצעס אויסגעשטעלט: מלכים, גלחים, חכמים, פּראָסטע מענשען, בּיי יעדען אין מויל אַ מגילה, יעדע מגילה פון אַן אַנדער קאָליר, און טראָגט ד ע ם אמת. יעדע — א י ה ר אמת, וואס ווידערשפּרעכט אַלע איבּעריגע. וועלכען זאָל זשיאָוואַני אָננעהמען? ער וואַרט אויף אַן ענטפער. עס הויבּט זיך אָן צו דרעהען דאָס ראָד, אַלע קאָלירען גיסען זיך צונויף אין איין קאָליר — אין וויים. על פּי פיזיקע. וויים, הייסט עס, איז דער אמת. אָבּער וואס איז עס פאַר אַן אמת?

דער אמת איז — אַלע ו ו י ד ע ר ש פּ ר ו כ ע ן אינאיינעם.

אין אָט דעם בּילד איז דער סך הכּל פון טויזענטער יאָהרען אמת־זוכעניש.

ניטאָ קיין אמת, ניטאָ נאָרניט.

און דוכט זיך קיינער אין דער מאָדערנער ליטעראַטור האָט ניט אַזאַ רעכט געהאַט ווי אַנאַטאָל פראַנס אַרויסצוטראָגען אויף אַלץ דעם פּסק פון הבל

II

הבלים. וואָרום קיינער האָט אַזוי פיעל ניט געוואוסט און געזעהן ווי פראַנס. אייראָפּאַ האָט ווייניג מענשען אַרויסגעגעבען מיט אַזאַ ברייטער געלערנטקייט. קיין זאַך איז פראַנס'ן ניט פרעמד געבליבען. ער טראָגט אין זיך דעם גאַנצען קלאַסישען אַלטערטום, די גאַנצע קריסטליכע קולטור, די גאַנצע מאָדערנע פילאָזאָפיע און וויסענשאַפט. ער איז אַליין: ער איז גריך, ער איז איד-קריסט, ער איז מאָדערנער. דאָס אַליין אַלס קרוין אויף אַ הויכען געניוס. „דער חכם פון אייראָפּאַ“ — אַמאָל האָט דער טיטעל געהערט געטהע'ן, היינט געהערט ער פראַנס'ן. פראַנס האָט געגרונטעוועט טיעף אין מענשליכען ים און האָט אַרויפגעבראַכט אין האַנט — אַ פוסטע שעל.

וואָס זשע בלייבט צו טאָן? אַ סך האָבען געשטעלט די פראַגע און אַ סך האָבען זי געענטפערט: „נירוואַנאַ“, האָט געענטפערט בודהא; „גאָט“, האָט געזאָגט איוב; „וויין און ווייב“ האָט געזונגען אָמאַר קאַיאַם.

פראַנס האָט אַן אַנדער ענטפער, אַ וויכערען געגעבען. און עס איז גוט, וואָס פראַנס האָט געפונען עטוואָס, מיט וואָס זיין פעסימיזם צו וויכערען און זיין איראָניע צו מילדערען. וואָלט פראַנס זיין גאַנצען רויהען פעסימיזם און איראָניע אַרויסגעלאָזט אויף דער מענשהייט, וואָלט די מענשהייט אונטער זיי דערשטיקט געוואָרען. ווי וואָלט זי געקענט אויסהאַלטען דאָס שווערע געוויכט פון אַזאַ ריזיגער גענִיאַליטעט? ער וואָלט אונז דעם הימעל אויף אייביג פינסטער געמאַכט.

צוויי איינפלוסען אָבער האָבען זיין פעסימיזם און איראָניע געמילדערט. מיר האָבען אויבען געזאָגט: פראַנס טראָגט אין זיך דעם קלאַסישען אַלטערטום און די אידיש-קריסטליכע קולטור. אין די דאָזיגע צוויי פייערען האָט זיך פראַנס איבערגעבּרענט.

גריכענטום איז — שעהנקייט. קוקט פראַנס אויף דער ליידיגער שעל, אויף דאָס מולטערל, וואָס ער האָט אַרויפגעשעפּט פון וועלט-ים און ער זעהט: עס איז שעהן. זאָגט ער: אַ צאַצקע, פאַרוואָס זיך ניט שפּילען מיט איהר?

די וועלט און דאָס לעבען זיינען טראַגיש, זיי זיינען אָבער אויך שעהן! דאָס שפּיל אין שעהנקייט — אָט דאָס איז פראַנס'עס ענטפער אויפ'ן לעבענס-פּראָבלעם. דאָס איז זיין רעטונג פון דער לאַנגוויילל און דער האַרטקייט פון דער וועלט. אַליין איז ווערטלאָז, נאַריש, אומווירדיג. אָבער וויבאַלד עס

זיינען דאָ קונסט־ווערק אויף דער וועלט: סקולפּטורען און מאַלערייען אָנצוזעהן, אינטערעסאַנטע ביכער צום לייענען, פּראַכטפולע געביידעס צו באַוואונדערען, איז עס נאָך צו דערליידען.

פּראַנס האָט זיך פאַרשפּילט, דער גאָט פון איראָניע האָט זיך פאַרקוקט אויף שעהנע צאַצקעס: מיר זיינען גערעטעט.

פּראַנס איז ניט קיין עסטעט אין דעם ראָדענ׳ישען זין. ראָדען, דער באַריהמ־טער סקולפּטאָר, פלעגט זאָגען וועגען זיך, אַז ער נעהמט ניט קיין שטיין אויס־צוהאַקען דערפון אַ קערפּער, נאָר פון יעדען שטיין דוכט זיך איהם קומט איהם אַ קערפּער אַנטקעגען, וועלכען ער העלפט זיך אַרויסשיילען. אַזאַ שעהנהייטס־גייסט, וואָס באַלעבט פון זיך זיין סביבה מיט קונסט, איז פּראַנס, דוכט זיך, ניט. אָבער פּראַנס איז אויף אַזוי פיעל גריך: ער דאַרף לעבען צווישען קונסט־ווערק. ער דאַרף זיי, צו פאַרברענגען מיט זיי, צו זיין חבר מיט זיי. ער דאַרף די קונסטווערק, סטאַטוען, מאַלערייען, שעהנע געביידען, גרויסע ביכער ווי די נאַטור אַלייך. ווארום שעהנקייט, די קונסט, איז העכער ווי מענש, העכער ווי נאַטור. „די שעהנקייט איז די איינציגע זיכערע רעאַליטעט", זאָגט פּראַנס. די שעהנקייט איז העכער אפילו פון אמת. „צווישען אמת און שעהנקייט — זאָגט פּראַנס — וואָלט איך אויסגעקליבען די שעהנקייט".

דערפאַר האָט פּראַנס די מערקווירדיגע כאַראַקטעריסטיק: ער באַשרייבט מענשען און—קונסטווערק. אַ געזימס ערגעץ אויף אַ קונסט־טויער אין פּאַריז איז פאַר איהם פונקט אַזוי אינטערעסאַנט ווי אַ לעבעדיגע פּאַריזערקע. זיינע ביכער זיינען מעהר ווי ביכער: זיי זיינען קונסט־מוזייען. אין ערגעץ, אַפילו ניט אין דער גריכישער קלאַסישער ליטעראַטור, אָטעמט ניט די קונסט אַזוי לעבעדיג אַרויס פון די בלעטער ווי אין פּראַנס׳עס ווערק. פּראַנס באַשעפטיגט זיך מעהר מיט דער קונסט ווי מיט דער נאַטור. עס איז ווי ער וואָלט געזאָגט: די נאַטור זאָל דער מאַלער אָפּמאָלען און איך וועל באַשרייבען די מאַלערישע בילדער.

דערפאַר אויך זיינען צווישען זיינע העלדען פאַראַן אַזוי פיעל: קינסטלער, קונסט־הענדלער, בוך־זאַמלער, בוך־הענדלער. מען הערט אָפט די ערקלערונג: עס איז דערפאַר וואָס פּראַנס איז געווען דער זוהן פון אַ בוכהענדלער. אָבער דאָס איז אַן אויבערפלעכליכע ערקלערונג. די אַלע העלדען באַשעפטיגען זיך מיט קונסט און בוך, ווייל בלויז מיט קונסט און בוך איז אינטערעסאַנט צו לעבען

אויף דער וועלט. סילוועסטער באָנאַר — ער איז מעהר ווי אַ ביבליאָפיל: נעהמט ביי איהם צו די מאַנוסקריפּטען און זיין לעבען ווערט פאַרדאַרט.

קונסט אַלס לעבענס־זין, קונסט אַלס לעבענס־רעטונג — דאָס איז פראַנס׳עס נריכישע ירושה. און ווען פראַנס זעהט די לעצטע טראַגעדיע פון דער מענשהייט, ווען די זון איז אויסגעלאָשען און די ערד אָפּגעקיהלט און די מענשהייט אויסגעפראָרען, טרויערט ער: „און די ערד וועט זיך דרעהען און דרעהען און וועט דורך די שטילע רוימען טראָגען מיט זיך — די אַש פון דער מענשהייט, די פּאָעמען פון האָמער און די גלענצענדע רעשטלעך פון די גריכישע מאַרמאָר־ווערק, צוגעפראָרען צו דער אויבערפלאַך פון אייז".

מענשהייט און — די פּאָעמען פון האָמער, מענשהייט און קונסט — איינס אַנטקעגען אַנדערען, גלייך אויף גלייך.

דאָס איז פראַנס׳עס קלאַסישע ירושה. ער האָט נאָך אַ ירושה געקראָגען, אַ אידישע, דורכ׳ן קריסטענטום, די ירושה פון — רחמנות. „צוויי עדות דאַרף די מענשהייט, — זאָגט אַנאַטאָל פראַנס אין זיין „עפּיקורייער גאָרטען" — איראָניע און רחמנות. רחמנות — כדי דאָס לעבען זאָל ניט ווערען צו טרויעריג; איראָניע — כדי די מענשען זאָלען ניט ווערען צו לעכערליך". ניטאָ אַזאַ איראָניקער ווי פראַנס אין דער מאָדערנער ליטעראַטור; ניטאָ אַזאַ בעל־רחמים ווי פראַנס אין דער מאָדערנער ליטעראַטור.

דער זיסטער טעם פון אַנאַטאָל פראַנס׳עס דיכטונג ליגט אין אָט דער מערקווירדיגער מישונג זיינער פון חוזק און בּאַרמהערציגקייט, פון שמערץ און הייזלונג, פון שטראָף און פאַרגעבונג. זיין האַנט איז די האַנט פון דעם געשיקטען כירורג וואָס שניידט, אָבער נעהמט דוכט זיך צו דעם וועהטאָג מיט די הענט איהר לייענט איהם, און יעדעס בלעטעל איז אַן אָפּעראַציע אויף אייער נשמה, אָבער דער וועהטאָג איז אַ זיסער וועהטאָג. עס איז פאַראַן אַזאַ ואָך ווי אַ פאַרגעניגען פון שמערץ. פראַנס׳עס איראָניע איז אַזאַ פאַרגעניגען.

„דער מענש איז דער אינגסטער פון אַלע חיות: ער איז געקומען דער לעצטער; מען דאַרף ניט פאַרלאַנגען צופיעל פאַרנינפטיגקייט פון איהם" — אָט דאָס איז פראַנס׳עס איראָניע, און דאָס איז זיין רחמנות. ווי שעהן פראַנס דרעהט דאָ איבער דעם געדאַנק, אַז דער מענש איז דער קליגסטער פון אַלע חיות! און ווי צאַרט באַהאַלטען עס איז דאָ די אָנצוהערעניש אַז דער מענש

איז ערגער ווי די חיה אין וואַלד, און ווי ברייטהערציג די מחילה: מען דאַרף ניט פאַרלאַנגען צופיעל...

און אין אַן אַנדער אָרט: „מענשען באַנעהען פאַרברעכענס פונקט ווי היות: זיי זיינען ביידע ניט שולדיג; שולדיג איז די נאַטור: זי האָט באמת זייער לעבען צו שווער געמאַכט“.

שולדיג איז ניט דער מענש, נאָר די נאַטור — אָט דאָס איז דער גרויסער זכות וואָס פראַנס לערנט אויפ'ן מענשען. טהערעזע, אין „דער רויטער לילי“, פאַרראַט איהר מאַן און גיט זיך אָפּ אַ געליעבטען. „זי האָט עס געוואָלט אַזוי ווי דער שטיין וויל פאַלען“ — אַזוי ערקלערט פראַנס די סיבה און אַזוי פאַר־צייהט ער איהר. באַשולדיגט מען טהערעזען דאַרף מען אויך שולדיג האַלטען דעם שטיין פאַרוואָס ער „וויל פאַלען“.

פראַנס איז דער גרויסער בעל־מחילה אין דער מאָדערנער ליטעראַטור. דעם דאָזיגען נאָמען האָט געוויינליך דאָסטאָיעווסקי. דאָסטאָיעווסקי האָט אויך אַריינגעקוקט אין די נשמות פון די שולדיגע און זיי מוחל געווען. אָבער ער האָט זיי געלאָזט טייער באַצאָהלען דערפאַר: ער האָט זיי פריהער געלאָזט זיך ליי־טערען אין גיהנם, אין גיהנם פון *געוויסענביסע*. ניט אַזוי פראַנס. איך ווייס ניט פון קיין העלד ביי פראַנס'ן וואָס ליידט פון געוויסענביסע. עס איז ווי עס וואָלט זיי אינגאַנצען דער חוש געפעהלט. זיי ליידען ניט, ווייל *זיי זיינען ניט שולדיג*. ביי פראַנס'ן אין די אויגען זיינען ניטאָ קיין שולדיגע. ער ווייס נאָר פון *שוואַכע*.

ניט דאָסטאָיעווסקי, ניט טאָלסטאָי זיינען די אמת'ע בעלי־רחמים. פראַנס איז עס.

איוב, בודהא, דעמאָקריט, ראַבעלעי, וואָלטעיר, שאָפּענהויער — סקעפּ־טיקער אַלע; אָבער זייער סקעפּטיציזם איז אַ דערדריקענדער. פראַנס איז דער סקעפּטיקער *באַפרייער*. פראַנס האָט געוואַנט וואָס קיינער פאַר איהם האָט ניט געוואַגט: צו באַפרייען דעם מענשען פון שרעקליכסטען געפיהל, דעם *געפיהל פון שולד*.

פראַנס איז דער בעל־מחילה, דער בעל־רחמים, דער באַפרייער. דערפאַר איז ער דער *באַרוהיגער*.

פראַנס, דער זשעני, וואָס עס האָט גענומען צוויי קולטורען איינצוזאַמען.

דאַנטע
דער געפאַנגענער

דאַנטע —
אַן אייביג טראַגישער סימבאָל, דער סימבאָל פון דעם — געפאַנגענעם זשעני.

זשעני און געפאַנגען — דאָס זיינען צוויי הפכים. די ערשטע עסענץ פון דער זשעניאַליטעט איז — פרייהייט. עס איז אָט די פרייהייט פון דער זשעניאַליטעט, איהר באַדערפניש פאַר ברייטקייט, פאַר רוימיגקייט, פאַר שוואונג, וואָס צוברעכט עס אַלטע צאַמען, וואָס פאַרשווענקט אַלטע ברעגען. אונזערע קען־צייכענס פון דעם זשעני זיינען אייגענטליך נאָר די — וויפיעל חורבן ער האָט אין דעם אַלטען אָנגעמאַכט, וויפיעל שטח פון דעם נייעם ער האָט פאַרכאַפּט. וואָס גרעסער דער חורבן אַלץ גרעסער די זשעניאַליטעט.

ניט אַזאַ זשעני אָבער איז דאַנטע געווען. ער האָט זיך געלאָזט פאַנגען, פאַנגען אין אַ דאָגמע, אין אַ פאָרמול, אין אַ סעקטאַנטישען אני־מאַמין. די דאָגמע — דאָס קריסטענטום, די פאָרמול — דער קאַטויליציזם, די סעקטע — רוים.

דאַנטע איז דער איינציגער קינסטלערישער גניום, וואָס האָט זיך אַזוי געלאָזט באַצווינגען. דערפאַר זיינען אַנדערע זשעניען געווען אָנפאַנגער פון נייע עפּאָכען, און דאַנטע — אַ פאַרענדיגער, אַן אָבשליסער.

וואָרום דאָס איז דאַנטע׳ס אייגענטליכע פּאָזיציע אין דער קולטור: ער האָט אָבגעשלאָסען דעם מיטעלאַלטער, איהם פאַר׳חתמ׳עט, פאַרזיגעלט.

דערפאַר איז דאַנטע אַזאַ ליעבלינג ביי היסטאָריקער. דאַנטע איז די בעסטע קוועלע פאַר דער געשיכטע פון דער פּאָליטיק, פון דער וויסענשאַפט, פון דער פילאָזאָפיע, פון דעם געמיט פון דעם מיטעלאַלטערליכען יאָהרטויזענד. אָבער דעם היינטיגען מענשען פון פלייש און בלוט איז ער פרעמד. זאָגאַר ניט פאַרדייהליך. עס איז ריכטיג באַמערקט געוואָרען: אין דער „געטליכער

קאָמעדיע" זיינען פאַרקערפּערט די פילאָזאָפיע פון אַריסטאָטעל, די סכאָלאַסטיק פון אקווינאַס, די געאָגראַפיע פון היפּאַרקוס, און די אַסטראָנאָמיע פון פּטאָלעמיי. און מיט אַן איבערראַשענדער אויסשעפּליכקייט, מיט אַ וואונדערליכער פּינקטליכקייט און גענויאיגקייט. עס איז אַן אמת'ער טעקסט־בוך, אַ טעקסט־בוך פון דער מיטעלאַלטערליכער קולטור. און אַזוי האָט עס טאַקע דאַנטע'ס און דער נאָך־דאַנטישער דור פאַרשטאַנען. די „געטליכע קאָמעדיע" איז באַוואונדערט געוואָרען מעהר אַלס „מופת פון וויסענשאַפט" ווי אַלס ווערק פון קונסט.

ווייל מען איז עס ניט שווער צו זעהן ווי אַזוי דאַנטע האָט געקענט ווערען דער „שפּיגעל" פונ'ם מיטעלאַלטער. דאַנטע אין זיין צייט האָט באַוויזען דעם וואונדער וואָס אַריסטאָטעל אין זיין צייט, — אַריינצונעהמען אין זיך דעם גאַנצען גייסטיגען פאַרמעגען פון דער מענשהייט. און ביידע האָבען עס באַוויזען — ווייל די מענשהייט האָט פאַר אַריסטאָטעל'ן באַדייט — גריכענלאַנד, פאַר דאַנטע'ן — די רוימיש־איטאַליענישע וועלט. דערצו איז, ווי עס איז ריכטיג אָנגעוויזען געוואָרען, דער דרייצעהנטער יאָהרהונדערט, דאַנטע'ס יאָהרהונדערט, געווען מערקווירדיג דערמיט: ער איז געווען דער יאָהרהונדערט פון איינשטימיגקייט. קיינמאָל אין אייראָפּא, ניט פריהער און אודאי ניט שפּעטער, האָט ניט געהערשט אַזאַ איינשטימיגקייט, ווי אין יענער עפּאָכע: איין רעליגיאָן — דער קאַטוילִיציזם, איין פילאָזאָפיע — אַריסטאָטעל, איין קולטור־שפּראַך — לאַטיין, און איין וועלט־אידעאַל — די הייליגע רוימישע אימפּעריע. פאַר דעם מענשען פונ'ם דרייצעהנטען יאָהרהונדערט איז אַלץ געווען קלאָר, אי די וועלט אי יענע.

אין אַזאַ איינפאַכער און אַזאַ גוטגעאָרדענטער וועלט איז עס דאַנטע געבאָרען געוואָרען. דעריבער האָט ער זי געקענט אינגאַנצען אַריינגעהמען, אַריינגעהמען און זי פאַרגליווערען אין זיך ווי אין אַ קלאָרען קרישטאָל, אויף אייביג פאַר'ן מענשען אָנצוקוקען. וואָס עס בלייבט אָבער ניט פאַרשטענדליך איז: ווי אַזוי אַזאַ גייסט ווי דאַנטע האָט זיך איהר געקענט אַזוי אונטערטעניג מאַכען, אַזוי פאָלשטענדיג פאַרשמאָלצען ווערען אין איהר.

ניט אָבפרישען, ניט באַפרוכפּערען און באַנייען די וועלט מיט זיין זשעני האָט ער געזוכט, נאָר זי צו — קאָנסערווירען.

די וועלט פונ'ם דרייצעהנטען יאָהרהונדערט איז פאַר דאַנטע'ן געווען די

וועלט — אויף אייביג. און, ווי אַטלאַס, האָט ער זיין רוקען אונטערגעשטעלט, זי אונטערצושפּאַרען, איהר קיום אויף אייביג זיכער צו מאַכען.

דאָס איז די דאַנטע רעטעניש. קיין זשעני איז נאָך קיינמאָל ניט געווען אַזוי פּאָלקאָם אַ קינד פון זיין צייט.

דערפאַר, לייענט מען דאַנטע, ווערט מען געפיינינט פון אַ מאָדנער ערפאַרונג: אין יעדער שורה — אַ ריזיגע, כּמעט איבערמענשליכע קראַפט; אין דעם גאַנצען ווערק — קיין נייקייט, קיין אָריגינאַליטעט. איהר ווייסט עס, איהר האָט עס שוין אַלץ ביי אַריסטאָטעל׳ן געזעהן, ביי די „היילינע" געלייענט. און עס טוט אייך וועה: אַ גייסט וואָס האָט אַ רבי נעקענט זיין איז אַ תּלמיד ביי קלענערע פון זיך, פון אַ האַר — אַ קנעכט.

און דער עיקר: אַ קנעכט צו דער דאָגמע.

נעהמט כאָטש דאַנטע׳ס קונסט־פאָרמע, אָדער בעסער — פורעם. דאַנטע׳ס גאַנצע קונסט איז אויסגעגאָסען אין אַ פורעם פון — דריי. די „געטליכע קאָמעדיע" האָט דריי טייל. רעכענט מען דאָס ערשטע געזאַנג פאַר אַן אַריינפיהר צו דער גאַנצער קאָמעדיע, באַשטעהט יעדער טייל פון דריי און דרייסיג געזאַנגען. דער פּערז איז — די טריאַדע. בעאַטריצע איז ערשינען אין דער ניינטער שעה, אין ניינטען מאָנאַט, אין ניינטען יאָהר, אין ניינטען יאָהרצעהנט פון דעם יאָהרהונדערט. ביי דער ערשטער באַגעגעניש איז ער ניין יאָהר אַלט, ביי דער צווייטער זי — אַכצעהן. און אַזוי ווייטער. און דאָס אַלץ — אַנטקעגען דער היילינער דריי־איינגקייט.

דאַנטע איז אַ מאַטעמאַטיקער. אַלץ, די גאַנצע וועלט, די און יענע, גענוי באַרעכענט, אויסגעמאָסטען. הימעל און ערד, גיהנם און גן־עדן — אַלץ איינגעטיילט אין קאָמפּאַרטמענטען. אַפילו זינד און מצוות, שכר און עונש — קלאַסיפיצירט לויט די פיינסטע גראַדאַציעס.

אַזוי האָט געאַרבייט דער מיטעלאַלטערליכער מוח, און אַזוי אויך דאַנטע׳ס. מאַטעמאַטיש און — סימבאָליש. נסתּר — דאָס איז געווען ניט נאָר דער מיטעלאַלטערליכער סטיל, נאָר דער מיטעלאַלטערליכער אמת. אַזוי האָט געלערנט די קירכע: דער אמת איז ניט דאָס אָפענבאַרע אין דער ביבעל, דאָס וואָס ליגט אין דעם אויבען־אויפיגען זין פון די ווערטער, נאָר דאָס באַהאַלטענע הינטער די ווערטער. דאָס ווירקליכע, איז נאָר אַן אָרימע קאָפּיע פון דער אמת׳ער

2*

„ווירקליכקייט“, פון דער „אידעע“. און דעריבער איז „איצט אַז דער ווערטערלי=
כער זין איז שוין גענוג ערקלערט — שרייבט דאַנטע — איז עס צייט אַריבער=
צוגעהן צו דער אַ ל ע ג אָ ר י ש ע ר און א מ ת ׳ ע ר אָבטייטשונג“.

דער אמת איז די — אַלעגאָריע.

איז דאַנטע׳ס „געטליכע קאָמעדיע“ ניט דאָס וואָס זי איז, נאָר דאָס וואָס
זי איז — באַהאַלטען. און עס וועט אַפּנים קיינמאָל ניט פאַרענטפערט ווערען
די פראַגע צי איז בעאַטריצע געווען אַ שעהן מיידעל אָדער נאָר — די טעאָ=
לאָגיע!

אַ זשעניאַלער גייסט — ווי האָט ער געקענט, אָהן געוואַלט איבער זיך
אַליין, זיך איינשרומפען אין אַזעלכע פאָרמולען?

דערפאַר איז עס דאַנטע, אפילו קינסטלעריש, אַזוי פרעמד אונזער דור,
אַ דור ניט פון אַלעגאָריע, נאָר פון דירעקטקייט און רעאַליזם און פון פ ר י י ע ן
פ ע ר ז.

און ווי די פאָרם איז געקינסטלט לויט דעם גייסט פון זיין צייט, אַזוי איז
דאַנטע׳ס אינהאַלט דער אינהאַלט פון זיין צייט — די קאַטוילישע אידעע. ניט
די רעליגיעזע אידעע אין אַלגעמיין. דאָס וואָלט דער „געטליכער קאָמעדיע“
געגעבען אַן אוניווערזאַלע באַדייטונג. אַזאַ באַדייטונג האָט „איוב“, צום
ביישפיל, „פאַוסט“. אָבער די „געטליכע קאָמעדיע“ האָט ניט יענע אַל=
געמיין=מענשליכע געלייטערטקייט. זי איז ד אָ ס ל י ע ד פ ו ן ד ע ם
ק אַ ט ו י ל י צ י ז ם.

דעם קאַטוילִיציזם — מיט זיין גאַנצער ענגהערציגקייט. ווי טראַגיש עס
זעהט אויס פאַר אונז, זעקס הונדערט יאָהר שפּעטער, טראַגיש ביז קאָמיזם,
דער „לימבּוס“ אין דאַנטע׳ס גיהנם! די קאַטאָליקען האָבען געהאַט אַ דאָגמע:
בלויז קריסטען קענען אַריין אין גן=עדן, די גע׳כשר׳טע, מיט׳ן הייליגען וואַסער
באַשפּריצטע. וואָס אָבער מכח די ניט=זינדיגע היידען, מיט די חסידים וואָס
האָבען געלעבט פ אַ ר ׳ ן קריסטענטום? קיין גיהנם=שטראָף קומט זיי ניט,
אין גן=עדן אַריין טאָרען זיי ניט. האָט זיי דאַנטע אָבגעגעבען — לימבּוס. אַן
אָרט צווישען גיהנם און גן עדן, אַן אָרט — ניט אַהין און ניט אַהער. און אַהער
האָט ער אַריינגעזעצט: אַריסטאָטעל, פּלאַטאָ, סאָקראַטעס, העראַקליטוס, יוקליד
— די זונען פון דער אַמאָליגער וועלט, די זונען אין וועמעס ליכט ער, דאַנטע

אַליין, האָט זיך געוואַרימט! און ווירגיל׳ן, וועלכער איז געווען זיין וועגווייזער דורך די צוויי גיהנם׳ס, לאָזט ער שטעהן אין דרויסען, ווען ער טרעט ענדליך אַריין אין גן־עדן; ווירגיל׳ן, דעם מייסטערזינגער, דעם חכם פון דער היידנישער וועלט — צוריק אין לימבוס! און מחמד׳ן, — ער איז שוין געווען נאָך קריס־טוס׳ן, ער האָט שוין געהאַט די וואַהל זיך צו שמד׳ן — מאָלט דאַנטע אין גיהנם אין אַ שרעקליכען געשטאַלט: ער געהט אַרום — דעם בויך צושניטען, און די קישקעס שלעפען זיך איהם פאַר די פיס!

ברררך!

דערפאַר אָבער זיצט אין גן־עדן, אין דער זון, אין פיערטען הימעל (זיי זיינען דאָ ניין) אַ גראַמאַטיקער, ווייל —

ווייל גראַמאַטיק איז געווען אַ וויכטינער שטודיום אין מיטעלאַלטער!

אָט דאָס איז דער כח פון דער דאָגמע.

פאַרזונקען אין דער דאָגמע זעהט דאַנטע ניט די סתירה וואָס ליגט אין זיין פילאָזאָפיע, ווי אין דער פילאָזאָפיע פון יעדער רעליגיאָן. דאַנטע, דער דיכטער, דער סענזיטיווער גייסט, געהט דורך צוויי גיהנום׳ס און קוקט־צו די טיפע מענש־ליכע ליידען דאָרט, און עס קימערט איהם ניט דאָס, וואָס איז שטענדיג אָבגע־פרעגט געוואָרען אויף גאָט און קיינמאָל ניט פאַרענטפערט געוואָרען. וואָס איז דער זין פון די ליידען — איז אייביג געשטעלט געוואָרן די קשיא; גאָט דער פאָלקאָמענער — פאַרוואָס האָט ער באַשאַפען אַן אומפאָלקאָמענעם מענשען אין אַן אומפאָלקאָמענער וועלט?

צו־וואָס די זינד און צו־וואָס די שטראָף פאַר זיי?

מיר זיינען געוויינט צו דענקען וועגען זשעניען אַלס באַפרייער פון דעם מענשען, זיינע סניגורים, פראָטאַגאָניסטען פון זיינע רעכט אַנטקעגען גאָט. אַזוי וואָלט אין גיהנם אויפגעטראָטען איוב, שעקספיר, געטהע, בייראָן. די דאָ־זיגע וואָלטען דעם גיהנם גאָט אין געזיכט אַריין געשליידערט. ניט אַזוי אָבער דאַנטע. ער האָט אָנגענומען די פילאָזאָפיע פון דער קירכע. ניט דער מ ע נ ש ג ע ג ע ן גאָט, נאָר ג אָ ט א י ב ע ר ׳ ן מענשען.

און ער האָט אונז געגעבען די „אינפערנאָ“ און די „פורגאַטאָריאָ“ — די גרויזאַמסטע שילדערונג פון מענשליכע ליידען. און זעלטען ווען עס גיט זיין האַרץ אַ ציטער פון אמת׳ען מיטלייד. ער איז דער שטרענגער מאָראַליסט, דער

קאַלטער ריכטער. וויל מען זעהן דעם אמת׳ן דאַנטע דאַרף מען קוקען אויף זיין בילד אין דאָרע׳ס אילוסטראַציעס צו דער „געטליכער קאָמעדיע“: דער קינסטלער האָט דאַנטען אויפגעפאַסט ביז׳ן תהום פון זיין נשמה: קיין ציטער מיט אַ ליפּ, קיין טרער מיט אַן אויג, קיין אויסדרוק פון צער און מיטלייד. קאַלט, שטרענג, פינסטער קוקט ער אויף אַליץ, און אויף אַליץ איז ער מצדיק את הדין.

דאַנטע — דער זשעני פון גרויזאַמקייט.

וואָס קען דען זיין גרויזאַמער ווי זיינע גליהינ=געהייצטע קברים, אין וועלכע די היץ איז אַזוי גרויס אַז „אַרייצוואַרפען זיך אין געשמאָלצענעם גלאָז וואָלט געווען אַ דערפרישונג“; אָדער די ווסטעניש מיט גייסטער וואו עס רעגענט אייביג פייער און וואו „ווילד איז דער געפלאַטער פון טויזענטער הענט“ אַראָפּצושאַרען דעם פייער פון זיך; אָדער דער באַריהמטער „וואַלד פון זעלבסט=מערדער“, וואו — אַ בראָך אַ צווייגעל און עס גיט זיך אַ גאָס בלוט און עס דערהערען זיך קרעכצען פון דעם בוים. וואָס קען זיין גרויזאַמער דערפון?

אַן אָנזאָג אויף דער אינקוויזיציע, אויף דעם אויטאָ=דע=פע.

אַזעלכע בילדער דריקען זיך אויף אייביג איין אין מאַרך. און אין דעם באַשטעהט דער סוד פון דאַנטע: דאַנטע׳ס כח ליגט אין דעם בילד. קיינער פאַר איהם און קיינער נאָך איהם האָט אַזוי בילדער ניט געמאָלען. און מיט די דאָזיגע בילדער האָט ער זיך איינגעפּרעסט אויפ׳ן מאַרך פון דער גאַנצער מענשהייט. ניט דער מענשהייט׳ס דיכטער איז ער, ניט איהר פּראָטאַגאָניסט, ניט איהר פירשפּרעכער. אָבער ווער ווייס ניט פון דאַנטען, ווער האָט ניט עפּעס אַ פאָרשטעלונג פון איהם? ווער האָט זיין בילד ניט געזעהן, ווער קען ניט בעאַטריצע׳ן? מען לייענט איהם ניט, אָבער ער לעבט מיט אונז. עפּעס האָט זיך אָפּגעטיילט פון זיינע ווערק און שפּאַצירט אַרום צווישען אונז. דאָס איז דער פּאָעטישער גייסט, די זשעניאַלע קראַפט, וואָס איז אַפילו פון דער דאָגמע ניט דערשטיקט געוואָרען, און געהט אַרום זוכען אַ תיקון.

און דערפאַר איז מעגליך אַזאַ ערשיינונג: דער זעקס=הונדערטער יאָהרצייט דאַנטע׳ס — אין זעקס הונדערט לענדער געפייערט, כאָטש, אויסער איטאַליען, זיינען קיין זעקס הונדערט דאַנטע=לעזער אין אַ לאַנד ניטאָ.

די וועלט, הייסט עס, אָנערקענט דעם זשעני, פייערט דעם מענשליכען גייסט אין איהם, אָבער — ווייזט צוריק זיין דאָגמע.

פון זיין רעליגיעזיטעט, פון זיין קאַטויליִשער דאָגמע — ווער ווייס היינט? אָבער זיינע בילדער — אַלע קענען זיי. און עס קען ניט זיין קיין גרעסערע שטראָף פאַר דאַנטע דעם טעאָלאָג ווי דאָס, וואָס זיין בעאַטריצע, זיין סימבאָל פון טעאָלאָגיע, האָט די מענשהייט פאַר אַ פשוט׳ער מיידעל אָנגענומען. אַ היילינג מיידעל, אַ מלאך, ריינקייט און ווייסקייט, אָבער דאָך אַ מיידעל פון בלוט און פלייש.

די מענשהייט וויל מענשליך זיין.

און דאָס איז דאַנטע׳ס טראַגעדיע.

צום לאַנגען צעטל קרבנות וואָס זיינען געפאַלען אויפ׳ן מזבח פון קאַטוי־ליציזם דאַרף צוגעשטעלט ווערען נאָך איינער —

דאַנטע...

דאָסטאָיעווסקי און מיר

מען שטעלט געוויינליך די פּאָעזיע און פילאָזאָפיע איינע ג ע ג ע ן דער אַנדערער: די ערשטע פליהט אין די הימלען, די אַנדערע — געהט און צעהלט די טריט; איינע איז — אינטואיציע, די אַנדערע — שכל; די איינע — גאָלע האַרץ, די צווייטע — ריינער פאַרשטאַנד: אַלטע, טראַדיציאָנעלע שונאים. און דאָרט וואו ביידע האָבען זיך צונויפגעטראָפען האָבען זיי שלעכט געהויזט: אין פלאַטאָ׳ן, וואָס איז געווען ניט ווייניגער דיכטער ווי דענקער, האָט דער פילאָזאָף גובר געווען דעם פּאָעט: אין זיין אוטאָפּיסטישער „רעפּובליק" געפינט פלאַטאָ קיין פּלאַץ ניט פאַר פּאָעטען. ער טרייבט זיי אַרויס פון דאָרט. אין טאָלסטאָי׳ן, זאָגט טאָלסטאָי דער פילאָזאָף זיך אָפּ פון טאָלסטאָי דעם דיכטער און איז איהם מבטל. און ניטשע, וואָס האָט געשריבען אַז „זאַראַטהוסטראַ איז אויך אַ דיכטער", האָט ערקלערט: „אַלע דיכטער זאָגען ליגען, ווייל זיי ווייסען אַזוי ווייניג"...

דאָך איז עס מערקווירדיג: דער גרעסטער פילאָזאָף און דער גרעסטער דיכטער פון אונזער צייט האָבען זיך ביידע צוזאַמענגעטראָפען און באַגעגענט אויף — אַן איין איינציגען פּינטעל.

— איך מיין דאָ קאַנט און דאָסטאָיעווסקי.

עס איז באַוואוסט קאַנט׳ס אויפטו: ער האָט פאַרניכטעט די וועלט און זי באַשאַפען צוריק — הינטען אַרום. ביידע צדדים אין דער פילאָזאָפיע זיינען גערעכט, האָט ער גע׳טענה׳ט. די ראַציאָנאַליסטען זיינען גערעכט, אז דער עמפּיריציזם באַווייזט גאָרניט, און די עמפּיריקער זיינען גערעכט, אַז דער ראַציאָנאַליזם לאָזט אונז גאָרניט צו הערען. ביידע קענען אונז ניט גאַראַנטירען, אַז עס איז ווירקליך דאָ אַ וועלט און — אַ גאָט. איין זאַך איז אָבער יאָ און זיכער פאַראַן: דאָס געוויסען, דער קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו, דער „באַפעהל" וואָס

זיצט ביי אונז אין האַרצען און טורקעט אונז: טו דאָס גוטע, דאָס מאָראַלישע, דאָס עהרליכע.

„יעדער דייטש טראָגט זיין אייגענעם זשאַנדאַרם אין האַרצען“.

און איז דאָ געוויסען הייסט עס: עס איז דאָ פרייע וואַהל, וואַהל צווישען גוטס און שלעכטס. און איז דאָ פרייע וואַהל מוז זיין: פון וואָס צו וועהלען, וואו צו וועהלען און פאר וועמען צו וועהלען. הייסט עס, עס איז דאָ וועלט און גאָט.

אַריינגעלאָזט גאָט — דורך אַ הינטער־טיר.

אויפ'ן זעלבען אופן געווינט אויך דאָסטאָיעווסקי ז י י ן וועלט צוריק.

עס ווערט געהאַלטען, און מיט רעכט, אַז דער תמצית פון דאָסטאָיעווסקי'ס שאַפען איז אַנטהאַלטען אין זיין קליינער ערצעהלונג „דער חלום פון אַ קאָמישען מענשען“. דער קאָמישער מענש איז שוין דערגאַנגען ביז'ן לעצטען ראַנד פון ליידען, ביים ראַנד וואו לעבען און טויט זיינען שוין אַזוי ענג צונויפגעפלאָכטען, אַז „עס איז שוין אַלץ איינס“ צי ס'איז לעבען צי ס'איז טויט. דער „קאָמישער מענש“ האָט שוין לאַנג באַשלאָסען צו באַגעהן זעלבסטמאָרד, אָבער, מיט אַ טיעפקייט וואָס דערמאָנט אָן די אַלטע פעסימיסטען פון כינא און אינדיען, לאָזט איהם דער דיכטער צעגערען, הענגען אויף אַ האָר, זיך וויגען צווישען טאַט און אומטאַט, צווישען לעבען און טויט. ווארום זיינען זיי דען שוין איצט, נאָכ'ן באַשלוס, ניט אַלץ איינס?

נאָר אָט האָט ער שוין באַשטימט די נאַכט און די שטונדע. ער געהט אַרוים צום לעצטען מאָל אָנקוקען די וועלט: אַ פינסטערע, אַ חשכ'יע. פלוצלינג לויפט פון ערגעץ צו אַ קליין מיידעלע, אָפגעדיסען, אָפגעשליסען: „קום ראַטעווע, די מאַמע געהט אויס!“ נאָר וואָס געהט עס איהם איצט אָן, איצט אַ מאָמענט פאַר'ן טויט? טרייבט ער דאָס מיידעלע אַוועק. אין האַרצען גיט אָבער דאָך אַ טיאָכקע: דאָס געוויסען גיט אַ רעד.

און פאַר'ן „קאָמישען מענשען“ ווערט דער דאָזיגער „ביס פון געוויסען“ אַ נייער אויסגאַנגס־פונקט: וואָס באַטייט עס? עס איז דאָך מיר „אַלץ איינס“, מיר דעם לעבעדיג־טויטען, פאַרוואָס האָט זיך אָבער דאָס האַרץ דאָך אַ רודער געטאָן, פאַרוואָס האָב איך זיך שפעטער געשעמט, געשעמט פאַר'ן קליינעם מיידעלע?

געוויסען, וואָס איז עס דאָס געוויסען?

אין אַזעלכע שווערע רעיונות שלאָפט
ומזיע פון אַן אַנדער וועלט, אַ וועלט פון די
ער כאַפּט זיך אויף אַ נייער מענש און הויבט
אָן פאַר זיך און לאָזט זיך אַוועק איבער די
אַנדערע.

ער האָט געפונען זיין ערלעזונג, געפונע
עס איז קאַנט'ס „קאַטעגאָרישער אימפּ
עס איז דאָסזעלבע פינטעל, אַן איינציג
אין דעם גאַנצען אומענדליכען וועלטאַל, ז
אָט דאָס איז די טראַגעדיע פון דעם זוכער,
חען מען נעהמט אַלץ פאַר רעכט אָן, האָט מ
דערשלאָגט מען זיך קוים צו אַ פינטעל.

קאַנט איז צום פינטעל דערגאַנגען מיט
האַרצען. דיכטער און פילאָזאָף האָבען זיך
באַשטעטיגט, געשטאַרקט.

און אין אָט דעם „פינטעל“ ליגט דער
פען. וויל מען אין דעם וועזען פון דאָסטאָיע
מען נאָכגעהן די זיגזאַגען, נאָכפאָלגען די
לאָרענע וועגען אויף וועלכע ער איז געגאַנגען ז
אין דער וועלט.

שטעגען וואָס פיהרען דורך פינסטערע
וועגען מיט נשמה־וועהען פאַרוועהט.

די באַדייטונג פון אָט דעם „זשאַנדאַרם
הערק קען מען אַם קלאָרסטען זעהן אין ראַכ
ברעכען און שטראָף“. מיט דעם דאָזיגען
איבערמענשען וואָס ער האָט באַשאַפען. מ
באַשאַפער פון דעם „איבערמענשען“, און
די „אָרימע מענשען“, פון די „ערנידעריגטע
ניט ריכטיג. ניט ניטשע, נאָר דאָסטאָיעוו
מענשען“ באַשאַפען. ניט אומזיסט האָט ני

אין אַזעלכע שווערע רעיונות שלאָפט ער איין און זעהט אַ חלום, אַ וויזיע פון אַן אַנדער וועלט, אַ וועלט פון ליעבע, פון ריינקייט, פון אומשולד. ער כאַפּט זיך אויף אַ נייער מענש און הויבט אָן אַ ניי לעבען. ער הויבט עס אָן פאַר זיך און לאָזט זיך אַוועק איבער די גאַסען צו פּרעדיגען עס אויך פאַר אַנדערע.

ער האָט געפונען זיין ערלעזונג, געפונען זי אין געוויסען, אין ליעבע.

עס איז קאַנט׳ס „קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו“.

עס איז דאָסזעלבע פּינטעל, אַן איינציג פּינטעל אין דעם גאַנצען קאָסמאָס, אין דעם גאַנצען אומענדליכען וועלטאַל, זיך אָפּצושטעלען, זיך אָפּצורוהען. אָט דאָס איז די טראַגעדיע פון דעם זוכער, פון דעם גריבלער. זוכט מען ניט, חען מען נעהמט אַלץ פאַר רעכט אָן, האָט מען די גאַנצע וועלט; זוכט מען — דערשלאָגט מען זיך קוים צו אַ פּינטעל.

קאַנט איז צום פּינטעל דערגאַנגען מיט׳ן מוח, דאָסטאָיעווסקי — מיט׳ן האַרצען. דיכטער און פילאָזאָף האָבען זיך פאַראייניגט, איינער דעם אַנדערען באַשטעטיגט, געשטאַרקט.

און אין אָט דעם „פּינטעל“ ליגט דער צענטער פון דאָסטאָיעווסקי׳ס שאַפען. וויל מען אין דעם וועזען פון דאָסטאָיעווסקי׳ס נשמה אַריינדרינגען, דאַרף מען נאָכגעהן די זיגזאַגען, נאָכפאָלגען די בלאָנדזשענדע שטעגען און פאַרלאָרענע וועגען אויף וועלכע ער איז געגאַנגען זוכען דעם דאָזיגען קאַרגען אָנשפּאַר אין דער וועלט.

שטעגען וואָס פיהרען דורך פינסטערע וועלדער פון מענשליכע ליידען, וועגען מיט נשמה־וועהען פאַרוועהט.

די באַדייטונג פון אָט דעם „זשאַנדאַרם אין האַרצען“ אין דאָסטאָיעווסקי׳ס ווערק קען מען אַם קלאָרסטען זעהן אין ראַסקאָלניקאָוו, דעם העלד פון „פאַרברעכען און שטראָף“. מיט דעם דאָזיגען „זשאַנדאַרם“ צוברעכט ער דעם איבערמענשען וואָס ער האָט באַשאַפען. מען האַלט געוויינליך ניטשע׳ן פאַר׳ן באַשאַפער פון דעם „איבערמענשען“, און דאָסטאָיעווסקי׳ן פאַר׳ן סניגור פון די „אָרימע מענשען“, פון די „ערנידעריגטע און באַליידיגטע“. דאָס איז אָבער ניט ריכטיג. ניט ניטשע, נאָר דאָסטאָיעווסקי האָט דעם ערשטען „איבערמענשען“ באַשאַפען. ניט אומזיסט האָט ניטשע געזאָגט: „דאָסטאָיעווסקי איז

דער איינציגער פּסיכאָלאָג בײַ וועמען איך האָב זיך געקענט עפּעס אויסלערנען". רעבעלען, רעבעלען געגען גאָט — קיין שטאַרקערע, ווי אין דאָסטאָיעווסקי'ס ווערק, קען מען, דוכט זיך, אין ערגעץ ניט געפינען. און אפילו זיינע „אָרימע" און „באַליידיגטע" זיינען אויך ניט קיין געוויינליכע בשר-ודם'ס. דאָסטאָיעווסקי'ס ווערק זיינען, שיינט מיר, די איינציגע וואָס אַן „אָרימער" קען לייענען מיט זעלבסטווירדע. אַנדערע ווערק וועגען די נידריגע שיכטען, איבערהויפּט אין דער רוסישער ליטעראַטור, זיינען געשריבען געוואָרען צופיעל מיט אַן אויג אויף די הויכגעשטעלטע, אויף די זאַטע, צו וועקען אין זיי רחמנות, צו ווייזען זיי, אַז „יענע" זיינען אויך מענשען. דאָסטאָיעווסקי'ס „אָרימע" זיינען אַנדערש. זיי זיינען אַלע אזעלכע שטאָלצע, איך-זיך-איינגעגלויבטע. זיי אַרט ניט אַזוי די אָרימקייט, ווי די נידריגקייט צו וועלכער זי ברענגט, די באַליידיגונג פאַר דער פּערזענליכקייט, פאַר'ן „איך". קיין וואָרט הערט מען ניט אַזוי אָפט פון זייער מויל ווי: שאַנדע. אַז „אָרימקייט איז ניט קיין שאַנד" איז ניט זייער פילאָזאָפיע און ניט זייער טרייסט. דער העלד פון „אָרימע מענשען" טראַכט אפילו ניט פון די הונדערט רובל וואָס דער גענעראַל גיט איהם און וואָס ער האָט אַזוי נויטיג געדאַרפט: פאַר איהם איז דער עיקר דאָס, וואָס דער גענעראַל האָט איהם די האַנט געגעבען און צוריק זיין מענשליכע ווירדע אויפגעהויבען.

דאָסטאָיעווסקי'ס אָרימע זיינען ניט קיין אָרימע: זיי זיינען שטאַרקע, זיי זיינען — טיראַנען. עס איז די „טיראַניי פון די שוואַכע", פון וועלכע ניטשע האָט אַזוי פיעל גערעדט.

אָבער ראַסקאָלניקאָוו איז שוין דער אמת'ער איבערמענש, דער קלאָר-אויסגעשפּראָכענער, דער איבערמענש מיט אַ פּראָגראַם. ער ו ו י י ס, ער האָט אַ ט ע אָ ר י ע: עס זיינען דאָ צוויי קלאַסען מענשען: געוויינליכע און אויסערגעוויינליכע. די ערשטע דאַרפען לעבען אין געהאָרכזאַמקייט און טאָן וואָס דער טאַטע הייסט, וואָס די מאַמע הייסט, און וואָס גוטע און פרומע מענשען הייסען צו טאָן. די אויסערגעוויינליכע אָבער — זיי האָבען אַ רעכט איבערצוטרעטען דאָס געזעץ. ווען ניט, ווען זיי וואָלטען זיך אויך געהאַלטען ביי דער נאָרמע, ביים אַלטען, וואָלט דאָך קיין פּאָרטשריט ניט מעגליך געווען. זיי זיינען „מענשען פאַר וועלכע עס עקזיסטירט ניט קיין געזעץ", זאָגט ער, און עס דוכט זיך אייך איהר הערט זאַראַטהוסטראַ'ן ריידען.

עס איז דער איבערמענש מיט אַלע פּיטשעווקעס. ניט ניטשע, נאָר דאָסטאָיעווסקי האָט איהם דער ערשטער באַשאַפען, אָבער בשעת ניטשע באַשאַפט איהם — צו באַהערשען די וועלט, באַשאַפט איהם דאָסטאָיעווסקי, ווי דער מהרי״ל דעם גולם: איהם אומצוברענגען, איהם צו פאַרניכטען, נאָכדעם ווי ער וועט אָבדינען זיין, דעם שעפער׳ס, צוועק. און דער צוועק דאָסטאָיעווסקי׳ס איז געווען, צו ראַטעווען די מאָראַל.

וואָרום וואָס איז ראַסקאָלניקאָוו׳ס סוף? ער באַגעהט דעם שווערען מאָרד און טראָץ אַלע זיינע איבערמענש-טעאָריעס פאַלט ער אַריין אין די הענט פון זיין „זשאַנדאַרם“. ניט אין די הענט פון דעם אמת׳ען, דעם ערדישען, פּאָליציייסקען זשאַנדאַרם: פאַר די איז ראַסקאָלניקאָוו צו שאַרף, צופיעל איבערמענש. נאָר פון דעם אייגענעם זשאַנדאַרם ביי זיך אין האַרצען, זיין געוויסען, קאַנט׳ס קאַטעגאָרישען אימפּעראַטיוו. געגען דעם איז קיין איבערמענש ניט גענוג שטאַרק. און ראַסקאָלניקאָוו וואָס האָט אָנגעהויבען מיט דער טעאָריע, אַז ער שטעהט איבער׳ן געזעץ, ענדיגט דערמיט, וואָס ער בויגט זיך אונטער דעם נייעם טעסטאַמענט. און „פאַרברעכען און שטראָף“ צופאַלט זיך אין צוויי העלפטען: די ערשטע העלפט — דער שטאָלצער, העזה׳דיגער צוג פון געוויסען און טעסטאַמענט, די צווייטע — דער געשלאָגענער צוריקצוג צום געוויסען און טעסטאַמענט.

דאָסטאָיעווסקי האָט געזעהן דאָס אָנקומען פון דעם איבערמענשען און האָט פאַר איהם מורא געהאַט. איז ער אַרויס מלחמה האַלטען געגען איהם מיט אַ דאָפּעלטען כלי-זיין: געוויסען און ביבעל.

געוויסען — וואָס איז אָבער דאָס דאָזיגע געוויסען? ווער שטעהט הינטער איהם, פאַר וועמען איז ער עס פאַראַנטוואָרטליך? וואו איז די גאַראַנטיע פאַר׳ן געוויסען, פאַר דער מאָראַל?

און דאָס דאָזיגע פּראָבלעם ווערט דאס צענטראַלע פּראָבלעם פאַר דאָסטאָיעווסקי׳ן. אויב די מאָראַל איז דער מיטען-זייל פון דער מענשליכער געזעלשאַפט, איהר פעסטונג געגען דעם אַנדראַנג פון די ראַסקאָלניקאָוו׳ס, דאַן דאַרף די דאָזיגע פעסטונג געשטעלט ווערען אויף אַ זיכערען, אויף אַן אייביגען פונדאַמענט.

אַזאַ פונדאַמענט איז אייביג געווען — גאָט.

וואָרום אויב עס איז קיין גאָט ניטאָ — לאָזט ער איינעם פון זיינע העלדען אויסשרייען — טאָ ווי קען איך זיין קאַפּיטאַן?

אויב עס איז קיין גאָט ניטאָ — שרייט אויס אַן אַנדער העלד — דאַן מעג מען דאָך אַלץ!

עס מוז אַ גאָט געפונען ווערען... אָהן איהם קען דער קאַפּיטאַן קיין קאַפּיטאַן, און דאָס לעבען קיין לעבען ניט זיין...

און אַזוי האָבען מיר פאַר אונז די צוויי וויכטיגסטע פּראָבלעמען אין דאָסטאָיעווסקי׳ס שאַפען: געוויסען און גאָט.

די צוויי זיינען אין איינעם פאַרבונדען, ניט צו צורייסען.

ווי ביי קאַנט׳ן. נאָר אומגעקערט: קאַנט האָט פון דער מאָראַל געזוכט אַ גאַראַנטיע פאַר גאָט; דאָסטאָיעווסקי האָט פון גאָט געוואָלט ציהען אַ גאַראַנטיע פאַר׳ן געוויסען, פאַר דער מאָראַל.

אָבער דעם דיכטער׳ס אויפגאַבע איז געווען אַ שווערערע ווי דעם פילאָזאָפ׳ס. וואָרום אָפטמאָל פלעגט זיך איהם דוכטען, אַז די צוויי, גאָט און געוויסען, זיינען זיך צוויי גאַנץ באַזונדערע זאַכען, געהען ניט האַנט אין האַנטראַנאָזשין בייט זיך מיט׳ן „אידיאָט“ מיט די צלים׳לעך, און בשעת מעשה וועבט ער אין האַרצען דעם פּלאַן איהם צו טויטען, — צלם און מאָרד... לעבעדיעוו, אַן אויסוואורף, שטעלט זיך אויף די קניה מתפּלל זיין — פאַר אַן אַנדער אויסוואורף, אַן אויסגעלאַסענע, ערגיץ אין פאַריז: תּפילה און אויסגעלאַסענקייט... איינער געהט ביינאַכט הרג׳ענען זיין בוזים־חבר כדי צוצונעהמען ביי איהם דעם זיינערל, און צלם׳ט זיך איבער איידער ער שטעכט איהם אַריין דעם מעסער אין רוקען...

עס שטימען ניט די צוויי זאַכען, הער מעסער מיט׳ן צלם... דאָס שאַרפער איז דאָס פּראָבלעם, דאָס נויטיגער די גאַראַנטיע...

און ווידער: אויב גאָט זאָל גאַראַנטירען די מאָראַל, איז די פראַגע: וואו איז אָבער די גאַראַנטיע פאַר *גאָט*? „איך בין אַ קינד פון היינטיגען דור — שרייבט דאָסטאָיעווסקי אין איינעם פון זיינע בריעף — אַ קינד פון אומגלויבען און סקעפּטיציזם, און וועל שוין מסתמא אַזוי בלייבען ביז׳ן סוף פון מיינע טעג“.

עס איז אַ טעות די מיינונג, אַז דאָסטאָיעווסקי איז געווען רעליגיעז. ניט דער גלויבען נאָר דער *צווייפעל* איז דאָסטאָיעווסקי׳ס הויפּטשטריך, ניט

די רעליגיאָן נאָר די בענקשאַפט נאָך איהר. זיינע שטאַרקסטע און טיעפסטע העלדען זיינען יענע וואָס ווערען צוריסען פון ספקות.

„ווי שרעקליך זי מאַטערט מיך, אָט די בענקשאַפט נאָך גלויבען — שרייבט דאָסטאָיעווסקי אין אַן אַנדער אָרט — אַ בענקשאַפט, וואָס איז נאָך שטאַרקער דורך די באַווייזען וואָס איך האָב דאַגעגען... „מיין גאַנץ לעבען האָב איך זיך, באַוואוסטזיניג אָדער אומבאַוואוסטזיננט, געמאַטערט אויפ'ן פּראָבלעם פון דער עקזיסטענץ פון גאָט"...

ווי האָט ער דאָס פּראָבלעם געלעזט? וואָס איז דאָסטאָיעווסקי'ס גאַראַנטיע פאַר גאָט?

די גאַראַנטיע האָט דאָסטאָיעווסקי ניט געקענט געפינען, ווי עס האָט עס קיינער ניט געקענט און וועט מסתּמא ניט קענען. אָן אייביגער צווייפעל. אָבער אויב אַ צווייפעל האָט דאָסטאָיעווסקי באַשלאָסען צו נעהמען זיך „די בענעפיט אָוו די דאוט".

„אויב עמיצער זאָל מיר איבערצייגען, — שרייבט ער — אַז קריסטוס שטעהט אויסערהאַלב דעם אמת, און אַז דער אמת שליסט אויס קריסטוס'ן, וואָלט איך בעסער געבליבען מיט קריסטוס'ן, און ניט מיט'ן אמת".

אויב אפילו עס זאָל זיין אמת — הייסט עס — אַז קיין גאָט איז ניטאָ, וואָלט ער, דאָסטאָיעווסקי, אַזאַ אמת סיי־ווי־סיי ניט אָנגענומען... וואָרום די וועלט ווי דאָסטאָיעווסקי האָט זי געזעהן אָדער געוואָלט זעהן מוז האָבען אַ גאָט, זי קען אָהן איהם קיין קיום ניט האָבען. זי מוז האָבען אַ גאָט וואָס זאָל גאַראַנטירען די אַלטע, גוטע, אויסגעפּרואווטע מאָראַל.

ווערט, הייסט עס, פאַר דאָסטאָיעווסקי'ן די מאָראַל — ממילא אמת; ווערט די מאָראַל — ממילא גאָט.

ווי ביי קאַנט'ן.

דער אמת אָהן גאָט, דעם איבערמענשען'ס אמת, איז צו געפערליך, צו שרעקליך.

דערפאַר האָט ער ראַסקאָלניקאָוו'ן געלאָזט זיין ערלעזונג אין דעם „נייעם טעסטאַמענט" געפינען, און דעם „קאָמישען מענשען" — אין דעם פינטעל, אין דעם געוויסען'ס בּים.

דאָס איז געווען דאָסטאָיעווסקי'ס פּראָבּלעם און דאָס — איהר לעזונג. פון דאָסטאָיעווסקי'ן אָן אָבּער זיינען שוין אַ סך וואַסערען פאַרפלאָסען: שטירנער, ניטשע, די עוואָלוציאָנס־טעאָריע אָנגעווענדט אויף דער מאָראַל. פאַר דאָסטאָיעווסקי'ן איז נאָך דער „נייער טעסטאַמענט" געווען אַ קוואַל פון ערלעזונג, פאַר ניטשע'ן — אַ זאַך צו וועלכער מען קען זיך אָהן הענטשקעס ניט צוריהרען; פאַר דאָסטאָיעווסקי'ן איז דאָס געוויסען געווען אַ שטיין־פינטעל, טאַקע ניט מעהר ווי אַ פינטעל, נאָר דאָך אַ שטיצע: אָבּער פאַר אונז, היינטיגע, מאָדערניסטען, עוואָלוציאָניסטען, פאַר וועמען געוויסען איז אויך ניט מעהר ווי א קינסטליך־געשאַפענע זאַך, אַ סאָציאַלער פּראָדוקט, וואָס געהט ניט ווייטער ווי די געזעלשאַפטליכקייט און עקזיסטירט נאָר מיט איהר און דורך איהר, — אויף וואָס קענען מ י ר זיך שטיצען, אַן וואָס זאָלען מ י ר זיך אָנהאַלטען?

אַרכימעדעס האָט געזוכט אַ פינטעל אויסער דער וועלט, פון וועלכער, ער האָט געזאָגט, ער וואָלט די וועלט געקענט אומדרעהען. אַלע האָבּען געזוכט נאָר אַן איינציגען פינטעל: דער וויסענשאַפטסמאַן, דער פילאָזאָף, דער פּאָעט. ווי אָבּער אַז דאָס איינציגע פינטעל, דאָס לעצטע, האָט זיך אונז פּלוצלינג פון אונטער די פיס אַרויסגעגליטשט?

דאָסטאָיעווסקי — אַ גרויסער קינסטלער, אַן אומשטערבּליכער, אַן אייבּיגער. דער בּעמיקער וואָס האָט די מענשליכע נשמה אויף איהרע עלעמענטען צולעגט. אָבּער דער וועגווייזער, דער ליכטיגער פיהרער, דער ערלעזער פאַר א ו נ ז — דאָס איז ער ניט...

מאָל
דער נ

אין שעקספּיר'ס „מאַקבּעטה"
קעניג אין שלאָף, וואַשט זיך ד
געקענט ריכטען, אַז דער אַלטער מאַ
ווען טאָלסטאָי, דער נביא פו
איצט געלעבּט מיט אונז און וואָלנ
די וועלט מיט האַס פאַרטרונקען,
הענט און געמורמעלט צו זיך אַליין
שען ליגט אַזוי פיעל שלעכטס פאַר
און אין דעם ליגט די טראַגעד
טאָלסטאָי איז געשטאָרבּען א
צוויי געדאַנקען האָבּען געקעמ
טען יאָהרהונדערט, צוויי אַנשאַוי
פאַרטראָטען געוואָרען פון די צוו
זשעניען: טאָלסטאָי און ניטשע; ד
היפּך.
די מענשהייט האָט שטענדיג
וואָס האָט איהר געקניפּט אין בּעק
נישט שולדיג", דער איז געווען
דעם קריטיקער, אָבּער, דעם בּייזען
האָט מען — פאַרשטיינערט.
טאָלסטאָי און ניטשע.
בּיידע, אי טאָלסטאָי אי ניט
דער אייראָפּייאישער קולטור. זיי
איז געווען דערזעלבּער. אַ ר ו י ס ג

טאָלסטאָי
דער בעל-טעות

אין שעקספּיר׳ס „מאַקבעטה“ געהט אַרום די מערדערין פון דעם אַלטען קעניג אין שלאָף, וואַשט זיך די הענט, און מורמעלט: „ווער האָט זיך געקענט ריכטען, אַז דער אַלטער מאַן האָט אַזוי פיעל בלוט אין זיך?“.

ווען טאָלסטאָי, דער נביא פון ליבע, דער אַפּאָסטאָל פון פרידען, וואָלט איצט געלעבט מיט אונז און וואָלט צוגעזעהן דעם חורבן פון דער מענשהייט, די וועלט מיט האַס פאַרטרונקען, וואָלט ער אַרומגעגאַנגען, זיך געבראָכען די הענט און געמורמעלט צו זיך אַליין: „ווער וואָלט זיך געריכט, אַז אין דעם מענשען ליגט אַזוי פיעל שלעכטס פאַרבאָרגען?“.

און אין דעם ליגט די טראַגעדיע פון דעם טאָלסטאָיזם.

טאָלסטאָי איז געשטאָרבען אין 1910, זיין לערע — איז 1914.

צוויי געדאַנקען האָבען געקעמפט פאַר אויבערהערשאַפט אין דעם נייצענטען יאָהרהונדערט, צוויי אַנשאויאונגען וועגען דעם מענשען. ביידע זיינען פאַרטראָטען געוואָרען פון די צוויי גרעסטע זשעניען פון אונזער דור. די זשעניען: טאָלסטאָי און ניטשע; די געדאַנקען: דער מענש איז גוט, און—דער היפּך.

די מענשהייט האָט שטענדיג ליב געהאַט מען זאָל זי חנפ׳ענען. דער וואָס האָט איהר געקניפּט אין בעקעל און געזאָגט: „ביסט אַ גוט קינד, ביסט נישט שולדיג“, דער איז געווען דער גוטער, דעם האָט מען ליב געהאַט. דעם קריטיקער, אָבער, דעם בייזען רבי׳ן, דעם וואָס האָט גוט גע׳שנצ׳ט, דעם האָט מען — פאַרשטיינערט.

טאָלסטאָי און ניטשע.

ביידע, אי טאָלסטאָי אי ניטשע, זיינען געווען די ביטערע קריטיקער פון דער אייראָפּייאישער קולטור. זייער צוגאַנג צום אייראָפּייאישען פּראָבלעם איז געווען דערזעלבער. אַרויסגעגאַנגען אָבער זיינען זיי פון צוויי באַזונ-

3

ראָבלעם און דאָס — איהר לעזונג,
אַ סך וואַסערען פאַרפלאָסען: שטיר-
געווענדט אויף דער מאָראַל. פאַר
טאַמענט“ געווען אַ קוואַל פון ער-
ר מען קען זיך אָהן הענטשקעס ניט
ג געוויסען געווען אַ שטייך-פינטעל,
אָך אַ שטיצע: אָבער פאַר אונז,
פאַר וועמען געוויסען איז אויך ניט
אָציאַלער פּראָדוקט, וואָס געהט ניט
קזיסטירט נאָר מיט איהר און דורך
טיצען, אַן וואָס זאָלען מיר זיך

ויסער דער וועלט, פון וועלכער, ער
אומדרעהען. אַלע האָבען געזוכט
טסמאַן, דער פילאָזאָף, דער פּאָעט.
עצטע, האָט זיך אונז פלוצלינג פון

ער, אַן אומשטערבליכער, אַן איי-
כע נשמה אויף איהרע עלעמענטען
יכטיגער פיהרער, דער ערלעזער

דערע שטאַנדפּונקטען: טאָלסטאָי האָט קריטיקירט די קולטור; ניטשע דעם מענשען. אַלע איבּלען פון אונזער געזעלשאַפטליכען לעבען האָט טאָלסטאָי געזעהן אַלס — פאַרבּלאָנדשעניִשען, אָבּטרעטונגען פונ׳ם גלייכען וועג. די ציווילִיזאַציע, איהרע פאָרמען, איהרע אינסטיטוציעס, איהרע עקצעסען — דאָס זיינען אַזוי פיעל אָבּווייכונגען פונ׳ם „דרך הישר“. אָבּער דער דרך הישר איז אין פּרינציפּ פאַראַן. ער הויבּט זיך אָן אינ׳ם מענשען גופא, אין זיין האַרצען. ווארום דער מענש איז לכתחלה גוט, זיין האַרץ איז ריין. ער איז אין דער נאַטור ליבּענד, ערליך, פרידליך. דאָס גאַנצע פּראָבּלעם באַשטעהט נאָר דערין, אַז דער מענש זאָל וועלען צוריקגעפינען דעם גראַדען וועג, פון וועלכען ער האָט זיך אַרויסגעשלאָגען. און טאָלסטאָי׳ן איז נאָר געגאַנגען אין דעם — צו געפינען דאָס מיטעל צו ברענגען די מענשהייט צום דאָזיגען גוטען „ווילען“. ער האָט געדענקט ער האָט דאָס מיטעל געפונען אין דעם וואָרט, אין דעם כח פון דער דרשה, אין דער פּראָפּאַגאַנדע: ווען די קונסט, די קונסט פון וואָרט, פאַרבּ און שטיין, זאָל נאָר ווערען אַ מאָראַלישע קונסט, אַ פּרייִדיגעריִן פון עטישע אידעאַלען...

האָט טאָלסטאָי׳ן די וועלט ליבּ געהאַט. ניט דערפאַר, וואָס ער איז געווען אַ גרויסער קינסטלער: דאָסטאָיעווסקי איז אַ גרעסערער קינסטלער געווען. מען האָט איהם ליבּ געהאַט דערפאַר, וואָס ער האָט באַשאַפען אַ שעהנע אילוזיע, — די אילוזיע פון דעם גוטען מענשען. אין אַ וועלט, וואָס איז געווען האַרט, קאַלט, בּייז און זינדיג האָט ער אַריינגעבּראַכט די ווייכע סענטימענטאַליטעט פון קריסטענטום און געזאָגט: „דאָס קעניגרייך פון גאָט איז אין אייך“.

דעם־היפך האָט געלערנט ניטשע. פאַר ניטשען איז די קולטור געווען שלעכט דערפאַר, וואָס דער מענש איז שלעכט. ווארום, וואָס פאַר אַ בּוים אַזאַ פרוכט. „וואָס פאַר אַ פּנים האָט די מאַלפּע אַנטקעגען דעם היינטיגען מענשען?“ — האָט ער געפרעגט, און געזאָגט: „פּונקט אַזאַ פּנים וועט דער היינטיגער מענש האָבּען געגען דעם מענשען פון דער צוקונפט“. פאַר ניטשע׳ן איז דער מענש ווי ער איז איצט אין תוך נאָר — אַ מיאוס׳ע זאַך, עטוואָס אין דער בחינה פון דער מאַלפּע לגבי דעם מענשען. די איבּלען פון דער געזעלשאַפט זיינען ניט סתם פאַרווירונגען פונ׳ם שטן; זיי וואָרצלען אין דער מענשליכער נאַטור. און זיי וועלען נאָר דעמאָלט געהיילט ווערען, ווען די מענשליכע

נאַטור וועט אַ טיפע טראַנספאָרמאַציע דורכמאַכען, די טראַנספאָרמאַציע פון מענשען אין — „איבערמענשען“.

אַנטקעגען טאָלסטאָי׳ס „דאָס קעניגרייך פון גאָט איז אין אייך“ האָט ניטשע געזאָגט: דאָס קעניגרייך פון טייפעל איז אין אייך. גענען טאָלסטאָי׳ס **פרומער דרשה** האָט ניטשע אַרויסגעשטעלט די גרויסע און מוראָ׳דיגע אויפגאַבע: **די איבערנעשטאַלטונג פונ׳ם מענשען** אַלס מענשען.

דערפאַר האָט מען יאַסנאַיאַ פאָליאַנאַ געמאַכט פאַר דער מאָדערנער מעקאַ, און פאַר ניטשע׳ן, האָט מען געזאָגט, איז דאָס משוגעים־הויז דער פאַסינער פלאַץ.

דאָך איז ניטשע דער טיפערער און גערעכטערער געווען. וויל מען פאַרשטעהן טאָלסטאָי׳ן דאַרף מען קענען ניטשע׳ן. דער לעצטער איז ווי אַ כעמישע שטאָף, וואָס העלפט דעם קלאָרען בילד פון דעם ערשטען אַרויסצוטרעטען. און ביי דער זייט פון ניטשע׳ס פורכטבאַרער ניכטערקייט דערזעהט מען קודם־כל טאָלסטאָי׳ס סענטימענטאַלע פאַרנעפּעלטקייט. וואָרום טאָלסטאָי, אין דער קונסט אַ רעאַליסט, איז אין דער סאָציאַלער פילאָזאָפיע געווען אַ מיסטיקער. צוויי עלעמענטען האָט ער געזעהן אין דעם מענשען: קערפער און גייסט. דער גייסט איז גוט, דער קערפער איז שלעכט. די צרה מיט אונזער ציוויליזאַציע איז דאָס, וואָס זי איז איננאַנצען דער פּראָדוקט פונ׳ם קערפער, בלוט פון זיין בלוט און פלייש פון זיין פלייש. קען די ערלעזונג קומען נאָר דעמאָלט ווען דער קערפער וועט געשטעלט ווערען אונטער דער ממשלה פונ׳ם גייסט. דער קערפער דאַרף פאַרניינט, פאַרלייקענט ווערען: זיך אָבזאָגען פון תענוגי עולם הזה, זיך איבערגעבען צו אייפאַכקייט און נזירות, זיך אָבזאָגען פון געשלעכט.

אָבער ניטשע איז דער טיפערער און גערעכטערער געווען. ניטשע האָט ניט געוואוסט פון אַזאַ דואַליזם פון קערפער און גייסט. דערויף איז ער געווען צופיעל רעאַליסט, צופיעל מאָדערנער, ער האָט צו גוט די וויסענשאַפט געקענט, וואָס טאָלסטאָי האָט אַזוי מבטל געווען. פאַר ניטשע׳ן איז נשמה און לייב איינע און דיזעלבע זאַך. נשמה איז נאָר אַן אויסדרוק, אַ מאַניפעסטאַציע פונ׳ם לייב, אַזוי ווי די נאַכטליכע גליהונג איז ניט דער „גייסט“ פונ׳ם שוועבל, נאָר זיין אַטריבוט און עמאַנאַציע. קערפער און גייסט — ביידע איינס, ביידע שלעכט.

און נאָך אַ גרונט־אונטערשייד איז פֿאַראַן צווישען טאָלסטאָי און ניטשע אין זייער בליק אויפ׳ן מענשען. טאָלסטאָי האָט געהאַלטען פֿונ׳ם סטאַטישען פּרינציפּ, אַז דער מענש איז אַ פֿאַרענדיגטע זאַך. אַזוי האָט מען שטענדיג געקוקט אויפ׳ן מענשען, אַזוי איז אייביג געווען דער רעליגיעזער בליק. אין דעם דאָזיגען פּרט איז טאָלסטאָי געווען אַפילו „אויסגעהאַלטענער״ ווי די רעליגיע, וואָרום די רעליגיע האָט געגלויבט אין דעם „זינד־פֿאַל״: דער מענש איז לכתחילה פֿאָלקאָמען געווען, נאָר ער איז אַרונטערגעפֿאַלען צו זיין זינדיגקייט. אַן אנטוויקלונג אויף צוריק. טאָלסטאָי האָט אין דעם זינדפֿאַל ניט געגלויבט. דער מענש איז פֿאַר איהם אין גרונט אַ פֿאָלקאָמענע זאַך.

ניטשע האָט, פֿאַרקערט, געהאַלטען פֿון דעם עוואָלוציאָניסטישען פּרינציפּ בנוגע צום מענשען. ער איז געוואָרען דאָס וואָס ער איז, און קען ווערען — דאָס וואָס ער איז נאָך ניט. „וואָס פֿאַר אַ פּנים האָט די מאַלפּע געגען דעם היינטיגען מענשען?״ אַ שפּאַס, אַ שאַנדע. „פּונקט אַזאַ פּנים וועט דער היינטיגער מענש האָבען געגען דעם מענשען פֿון דער צוקונפֿט״.

ביי ביידען, אי ביי טאָלסטאָי׳ן, אי ביי ניטשע׳ן, שטעהט דער מענשליכער קערפּער אין צענטער פֿון זייערע לערען. נאָר ביי דעם איינעם איז דער קערפּער אַ שאָלעכץ — אַרויסצוואַרפֿען, ביי דעם אַנדערן איז עס אַ פּרוכט — אומצושאַפֿען.

נישט אַ נייע ציוויליזאַציע, נאָר אַ נייער מענש דאַרף געשאַפֿען ווערען.

עס קלינגט מאָדנע, כמעט גייסטערהאַפֿט, אָבער דאָס איז אייגענטליך דער זין פֿון ניטשע׳ס גאַנצער לערע: ער האָט געהייסען דער וועלט זיך אַן אַנדער מענשען מאַכען... אַן אַנדער מענשען מיט אַן אַנדער נשמה...

פֿון דעם מענשען דאַרף ווערען דער איבערמענש...

אַלץ וואָס איז נויטיג איז — מיר זאָלען זיך אָנהויבען שטאַרק פֿיינט האָבען. פֿון דאַנען — ניטשע׳ס ביטערע קריטיק. ניטשע׳ס איז מעהר ווי קריטיק: עס איז האַס. און ווען מיר וואָלטען נאָר אָנגעהויבען זיך האַסען ווי מיר זיינען עס ווערט, וואָלטען מיר פֿון דער הויט געקראָכען — פֿון אונזער הויט אַרויסצוקריכען, מיר וואָלטען געזוכט אויסצוטהאָן אונזער קערפּער פֿון זיך, ווי די שלאַנג טהוט אויס איהר העמד, און מיר וואָלטען זיך אין אַ נייעם גוף אַריינגעזעצט, אין אַן אָבגעקליבענעם, אַ בעסערן, אַ פֿאָלקאָמענערן...

איז דען דאָס ניט דער וועג פון דער נאַטור ? איז דען דאָס ניט די מעטאָדע מיט וועלכער די נאַטור האָט אונז פאַרוואַנדעלט פון דער מאַלפּע צום מענשען?

זאָל דער מענש זיך אַליין — צום א י ב ע ר מענשען פאַרוואַנדלען...

יענער פאַרשטעהט ניטשע׳ס לערע פון׳ם איבערמענשען איינזייטיג ווער עס פאַרשטעהט זי נאָר אין גייסטיגען זין, אַלס סימבאָל, אַלס משל. ניטשע׳ס איבערמענש דאַרף פאַרשטאַנען ווערען אין ריין ביאָלאָגישען, אין דאַרוויניסטישען זין,

דער מענש זאָל זיין אייגענער מייסטער ווערען.

וואָס זאָל אָבער דאָס ווערק זיין ? וועלכען גוף זאָלען מיר זיך אויסוועהלען ?

און ניטשע ענטפערט: ניט דעם ווייכען, סענטימענטאַל קראַנקען; נאָר דעם שטאַרקען, דעם — האַרטען און גרויזאַמען.

ניט וויל ניטשע האָט די האַרטקייט און גרויזאַמקייט אידעאַליזירט. קיינמאָל איז אַ מענש און אַ לערע ניט ערגער מיספאַרשטאַנען און גע׳משפט געוואָרען ווי ניטשע און זיין לערע פון גרויזאַמקייט. עס האָט קיינמאָל אפשר קיין ווייכערער און מעהר גוטהערציגער מענש אויף דער ערד ניט געלעבט ווי ניטשע. אָבער ניטשע האָט אין זיין סיסטעם די גרויזאַמקייט אַריינגענומען צו דערפילען אַ געוויסע סאָציאַלע פונקציע. ניטשע האָט געקוקט אויפ׳ן פראָבלעם פון אַ בעסערער מענשהייט ווי דער דאָקטאָר אויף אַן אָפּעראַציע: מען מוז זיין האַרטהערציג און ש נ י י ד ע ן אויב מען וויל דעם קערפער ראַטעווען. אָבער די האַרטהערציגקייט איז ניט אַ צוועק אין זיך אַליין. זי איז נאָר אַן איבערגאַנגסמיטעל. דער צוועק, דער אידעאַל איז: אַ מענש מיט דער גוטסקייט און ערליכקייט פון אַ קינד.

„דריי פאַרוואַנדלונגען פון גייסט זעה איך פאַר׳ן מענשען — זאָגט ניטשע אין אַ זאַץ וואָס דריקט אוים זיין גאַנצע פילאָזאָפיע — דער גייסט ווערט אַ קעמעל, און דער קעמעל — אַ לייב, און דער לייב — אַ קינד“.

דער ענדליכער אידעאַל איז — דאָס קינד.

„איהר זייט מיר לעכערליך און פרעמד, איהר מענשען פון היינט, צו העלכע עס האָט ערשט ניט לאַנג מיין האַרץ געצויגען; איך בין פאַרטריבען פון׳ם לאַנד פון אונזערע פאָטערס און מוטערס. אָבער איך ליב נאָך דאָס לאַנד פון אונזערע קינדער, וואָס איז נאָך ניט אַנטדעקט און וואָס ליגט אין ווייטען ים; דאָס דאָזיגע לאַנד וועל איך הייסען מיינע זעגלען זוכען“.

„מיט אייערע קינדער זאָלט איהר פאַרגיטיגען דאָס וואָס איהר זייט אייערע פאָטערס קינדער“.

אין טאָלסטאָי׳ס געדאַנקען־סיסטעם איז חתונה אַ זינד. דאָס געשלעכטליכע לעבען איז — די אונטערטעניגקייט פון דעם גייסט צום קערפער. דאָס טאָר ניט געשעהן. דערלאָזט מען נאָר איין מאָל דעם קערפער געניסען עולם־הזה, דאַן איז דער גאַנצער בנין אין געפאַהר. וואָרום דער בנין איז געבויט — פון אויבען גייסט און אונטען אַן אנטזאגטער, אַ פאַרלייקענטער קערפער. דאָס פיהרט נאַטירליך דעם טאָלסטאָיזם צו זעלבסט־פאַרניכטונג. וואָרום, אויב ניט קיין הייראַט, אויב ניט קיין געשלעכטליכעס לעבען, טאָ, פון וואַנען וועט זיך נעהמען די מענשהייט אויף צו לעבען?

ביי ניטשע׳ן אָבער איז די הייראַט אַ הייליגע זאַך. „איך רוף אָן הייליג— זאָגט ער אין איין אָרט — די פאַראייניגונג פון צוויי מענשען מיט׳ן צוועק צו באַשאַפען איינעם, וואָס איז בעסער פון זיי“. הייראַט איז הייליג מיט אַ תנאי: דער פראָדוקט, דאָס קינד דאַרף זיין בעסער ווי די עלטערען, אַ בעסערער, אַ העכערער טיפּ מענש.

טאָלסטאָי׳ס אידעאַל איז אַ מענש, וואָס זאָל פון ליבע און האַס אויס־ קלייבען ליבע. ניטשע׳ס אידעאַל איז אַ מענש, וואָס קאָן נאָר נישט האַסען. ער איז גאָלע ליבע. וואָרום ניטשע׳ס מענש ווערט ספּעציעל אָבגעקליבען מיט ליבע אין אויסקוק. פונקט ווי פיה־ציכטער קאָנען דורך אָפּקלייבען באַשאַפען אַ שנעלער לויפענדען מין פערד, פונקט ווי פון דעם פאַרצוקענדען וואָלף איז דורך אַ לאַנגזאַמען פּראָצעס פון אָפּקלייבען געוואָרען דער פרידליכער הויז־הונט, אַזוי קאָן דער בייזער מענש פאַרוואַנדעלט ווערען אין אַ גוטען, אין אַ וויינהערציגען.

טאָלסטאָי׳ס מאָראַל האָט אַ מאָטיוו: „זייט גוט, האָט ליב אייער מיט־ מענשען, וואָרום בלויז אין אַזאַ ליבשאַפט צו אַנדערע וועט איהר געפינען אייער אייגען גליק“. פאַר ניטשע׳ן איז אַזאַ מאָראַל אוממאָראַליש. אַ מצוה וואָס ווערט געטאָן צוליב׳ן שכר איז קיין מצוה ניט. די העכסטע מאָראַל איז די ניט־מאָטיווירטע, וואָס האָט ניט קיין כונה. ניטשע טרעט צו צו מאָראַל פון דעם שטאַנדפונקט פון פיזיאָלאָגיע: דער קערפער דאַרף זיין אַזאַ, וואָס זאָל אומפעהיג זיין אויף האַס און שלעכטסקייט; פון וועלכען עס זאָל אַרויסשטראָמען די גוטסקייט פון זיך אַליין, ווי דער ריח פון דער בלום.

ניטשע׳ס מאָראַל איז אַלזאָ, אין אמת׳ן, אַ העכערע, אַן איידלערע ווי טאָלסטאָי׳ס.

טאָלסטאָי אָבער איז געוואָרען דער צדיק הדור; ניטשע — דער שעיר לעזאזל.

ווער איז גערעכט געבליבען ? · וועמען האָט די געשיכטע באַשטעטינט ? „ווער האָט זיך געקענט ריכטען אַז דער אַלטער מאַן האָט אַזוי פיעל בלוט אין זיך ?“.

ווען טאָלסטאָי וואָלט געלעבט אין אונזערע טעג און געזעהן די בייזע שנאה אין דער וועלט, די געפאַלענקייט פון דעם דור, די בעסטיאַליטעט וואָס איז נאָך קיינמאָל ניט געווען אין וואַלד און פעלד, וואָלט ער — אַ ניטשע־אַנער געוואָרען.

טאָלסטאָי — דער גרויסער בעל־טעות.

דע
ניספולע
מענשהיי
באַגריף
און מנהג
גריף צור
ליכען בּ
אָבּ
געפונען.
גרינדער
דורך
ווי פון ד
וועזען פון
שען, איהו
אָן וועלכ
שלאָגען א
לעם איז
זאָפיע קאָן
אָבּער
שאַפט נע
שיקזאַל פ
סיענטאָרום
זאָפיע זיך
ניטאָ אַ פר
פאַרענטפער

ווילהעלם וואונדט

דער געיעג נאָך דער נשמה, דאָס שטרעבען צו באַגרייפען יענעם געהיימניספולען אינהאַלט אין אונז, וואָס איז אונזער „גייסט“, איז אַזוי אַלט, ווי די מענשהייט. די אַנטראָפּאָלאָגיע לערט אונז, ווי אַלט עס איז דער נשמה־באַגריף ביי מענשען. דורך די שפּורען פון אַלטע מיטאָלאָגיעס, אַלטע זיטען און מנהגים, דורך די עדות פון אַרכעאָלאָגישע רעשטלעך איז דער נשמה־באַגריף צוריקגעפיהרט געוואָרען צו די פריהסטע' צייטען, צום אָנפאַנג פון מענשליכען באַוואוסטזיין.

אָבער אַ צוטריט צו דער נשמה האָבען מיר ערשט אין אונזער צייט געפונען. דאָס איז דער פאַרדינסט פון ווילהעלם וואונדט, דעם פאָטער און גרינדער פון דער עקספּערימענטאַלער פּסיכאָלאָגיע.

דורך דער גאַנצער געשיכטע פון דער וועלטליכער פילאָזאָפיע, אַזוי גוט ווי פון דער רעליגיעזער, איז די נשמה דאָס צענטראַלע פּראָבלעם געווען. דאָס וועזען פון דער נשמה, איהרע אייגענשאַפטען, איהר וואוין־אָרט אין דעם מענשען, איהר אורשפּרונג און איהר אויפלעזונג — אָט דאָס איז געווען דער פעלז, אָן וועלכען די כוואַליעס פון מענשליכען געדאַנק האָבען אָהן אויפהער געשלאָגען און — זיינען אָהן אויפהער צעשלאָגען געוואָרען. דאָס נשמה־פּראָבלעם איז דאָס פילאָזאָפישע פּראָבלעם „פּאַר עקסעלאַנס“. די גאַנצע פילאָזאָפיע קאָן איבערגעשריבען ווערען פון דעם שטאַנדפּונקט פון דער נשמה.

אָבער דאָס, וואָס די פילאָזאָפיע האָט אומזיסט געזוכט, האָט די וויסענשאַפט געפונען. לכל הפּחות דעם וועג דערצו. דאָס איז שוין שטענדיג דער שיקזאַל פון דער פילאָזאָפיע, איהר שיקזאַל און — טראַגעדיע. „סיענטאַ סיענטאָרום“ — די וויסענשאַפט פון אַלע וויסענשאַפטען — האָט די פילאָזאָפיע זיך שטאָלץ גערופען, אָבער ניטאָ אַ פאַקט, וואָס זי האָט פעסטגעשטעלט, ניטאָ אַ פראַגע, וואָס זי האָט פּאָזיטיוו פאַרענטפערט. און דאָס, וואָס איז יאָ פאַרענטפערט געוואָרען, האָט אויפגעהערט פילאָזאָפיע צו זיין און איז געוואָ־

רען וויסענשאַפט. אַזוי איז עס געווען מיט די עלעמענטען פון דער נאַטור — אַן אַלטער מעטאַפיזישער ענין, — וואָס איז די כעמיע געוואָרען. אַזוי איז עס געווען מיט דער „נאַטור־פילאָזאָפיע“, וואָס איז געוואָרען די ניוטאָנישע פיזיקע. און אַזוי איז עס איצט מיט דער נשמה, וואָס איז די פסיכאָלאָגיע געוואָרען. פראָבלעם נאָך פראָבלעם, געביט נאָך געביט איז ביי דער פילאָזאָפיע צוגענומען געוואָרען, און געבליבען איז איהר ווייטער נאָר דאָס אייביגע פרעגען, דאָס אייביגע צווייפלען...

און אפשר איז דאָס טאַקע איהר איינציגע פונקציע...

מען דאַרף זיין באַקאַנט מיט דעם גאַנצען גייסט פון דער פילאָזאָפיע, כדי צו באַגרייפען, וואָס פאַר אַ זשעניאַלע משוגעת עס איז געווען דער געדאַנק פון וואונדט צו נעהמען שטודירען די מענשליכע נשמה מיט דער הילף פון אינסטרומענטען. דער געדאַנק איז ווירקליך צו זשעניאַל, אַז ער זאָל קענען איינפאַלען איין מענשען. און פונקט ווי די דאַרוויניסטישע טעאָריע האָט ווי אַ טונקעלער נעבעל זיך אַרומגעטראָגען אין דעם אייראָפעאישען דענקען לאַנג פאַר דאַרווינ׳ען, אַזוי האָט אויך דער וואונדט׳ישער געדאַנק זיך אַרומגעטראָגען ביי אייניגע פאָרגענגער פון וואונדט. עס איז געווען פעכנער, וועלכער האָט דער ערשטער גענומען דענקען וועגען דער מעגליכקייט אָנצעווענדען די מאַטעמאַטיק צום שטודיום פון דער נשמה. הערבאַרט און לאַטצע האָבען אויך בייגעטראָגען צום זעלבען געדאַנק. אָבער וואונדט האָט דעם דאָזיגען געדאַנק ווייטער אַנטוויקעלט, האָט געגרינדעט די ערשטע פסיכאָלאָגישע לאַבאָראַטאָריע, ערפונדען די ערשטע אינסטרומענטען, געמאַכט די וויכטיגסטע עקספערימענטען און אויך אַנטדעקט די ערשטע פסיכאָלאָגישע געזעצען.

פעכטער האָט וואונדט׳ן געליפערט די נויטיגע טעאָריע און בעיקאָן די מעטאָדע. עס איז געווען פעכנער, וועלכער האָט אין דער מחלוקת פון „גייסט“ און „מאַטעריע“ דער ערשטער אָנגעווענדט דאָס געזעץ פון פיזיקע, וואָס איז באַקאַנט אַלס „דאָס געזעץ פון דער קאָנסערווירונג פון דער ענערגיע“. עס איז פאַראַן אין דער וועלט, לערנט די פיזיקע, אַ באַשטימטע סומע פון ענערגיע, וועלכע קאָן ניט, ניט פאַרמערט און ניט געמינערט ווערען. ענערגיע קאָן דאַריבער קיינמאָל ניט איבערגעהן אין ניט־ענערגיע. ווענדט מען אָן דאָס דאָזיגע געזעץ אויף דער פסיכאָלאָגיע, דאַן ווערט עס קלאָר, אַז די פסיכישע פראָ־

צעסען ווי הערען, זעהן, צ. ב. וועלכע הויבען זיך אָן דורך דער ווירקונג פון פיזי־שע עלעמענטען, ווי די וויבראַציע פון דער לופט אָדער די ווירקונג פון ליכט, קאָנען ניט אַריבערגעהן אין אַ פּסיכישען רעזולטאַט, וואָס איז ניט־ענערגיע. די פּסיכאָלאָגישע פּראָצעסען מוזען דעריבער זיין ריין פיזישע און ניט קיין מעטאַ פיזישע פּראָצעסען. און אויב פּסיכאָלאָגיע איז פיזיק, דאַן דאַרף מען זי קאָנען מאַטעמאַטיש אויסמעסטען.

און אויב דאָס איז הי טעאָריע קאָן די מעטאָדע שוין ניט זיין די אַלטע־פילאָ־זאָפישע מעטאָדע פון פאָרשען מיט'ן ריינעם שכל. צוויי מעטאָדען זיינען פאַראַן צו שטודירען די וועלט. איינע איז אַרומגעהן אַרום אַ זאַך, באַאָבאַכטען זי אין איהרע איינצעלנע פּרטים, אויפצעהלען איהרע באַזונדערע ערשיינונגען און זיי נאַכהער צוזאַמענבינדען אין אַן אַלגעמיינעם אויספיהר און שלום. דער אַנדערער מעטאָד איז — בלייבען אין זיך, אָנהויבען פון באַגריפען וואָס דער שכל ברייננט אַליין אַרויס, אוּן דאַן זוכען אַרונטערצוברייננען די ערשיינונגען פון דער וועלט אונטער די דאָזיגע באַגריפען. דער לעצטער איז דער קלאַ־סישער מעטאָד פון דער פילאָזאָפיע. מען פאַרלאָזט זיך דאָ אינגאַנצען אויפ'ן פאַרשטאַנד, אויפ'ן שכל, אויף דער „ריינער פאַרנונפט", וואָס די קלאַסישע פילאָזאָפיע האָט געהאַלטען פאַר אַלמעכטיג. דער שכל אַליין קאָן „על פי שכל" דערגעהן די וועלט און איהר זין.

דאָס איז געווען דער מעטאָד פון דער גריכישער פילאָזאָפיע און דאָס איז אויך געווען די אורזאַך וואָרום די גריכישע פילאָזאָפיע איז געקומען צו אַ פונקט פון וואַנען זי האָט זיך ניט געקאָנט ריהרען ווייטער. עס איז געווען אַ שפּיל, אָט דאָס שפּיל איז שכל'דינקייט, וועלכעס האָט זיך סוף־כל־סוף אויסגענומען.

קרוב צו צוויי טויזענט יאָהר איז דער אייראָפּעאישער געדאַנק געלעגען געבונדען אין דעם דאָזיגען „דעדוקטיווען" מעטאָד און ניט געקאָנט מאַכען קיין שריט פאָרווערטס. ביז עס איז געקומען בעיקאָן, דער ענגלענדער, און געמאַכט די היסטאָרישע אַנטדעקונג אַז: די נאַטור איז טיעפער ווי דער מענש־ליכער פאַרשטאַנד. די נאַטור איז צו דין, צו שאַרף, צו „סובטיל" פאַר דעם מענשליכע געדאַנק. דער מענשליכער געדאַנק קאָן דעריבער קיינמאָל ניט האָפּען פון זיך „אויסקלינגלען" די וועלט. עס איז דער אַלטער שעקספּירישער זאָג: „עס איז אין דער וועלט מעהר חכמה פאַראַן ווי עס ווערט געטראַכט

אין אייערע פילאָזאָפיען". און „פונקט ווי די האַנט דאַרף די ווירע צו מאַכען אַ גלייכע ליניע, אַזוי דאַרף אויך דער געדאַנק אַן אינסטרומענט איהם צו העלפען".

דער פראָגרעס פון דער מאָדערנער וויסענשאַפט האָט באַוויזען די ריכטיגקייט פון דעם דאָזיגען געדאַנק.

אָט דעם מעטאָד פון שטודירען זאַכען „פון דרויסען אויף אינווייניג", אַנשטאָט פון אינווייניג אויף דרויסען אַרויס, האָט וואונדט אָנגעווענדט צום שטודיום פון דער מענשליכער נשמה. עס האָט זיך געפאָדערט דער כח פון אַ זשעניע, — דער זשעניע, וואָס וואונדט איז געווען — צו ברעכען מיט דער אַלטער טראַדיציאָנעלער פסיכאָלאָגיע, דער „אינטראָספעקטיווער", דער „אין זיך'יגער".

אין וואָס באַשטעהט די נשמה, ווי וואונדט האָט זי באַגריפען?

עס איז גאָר קיין נשמה ניטאָ — איז וואונדט'ס אויספיהר. עס איז ניטאָ קיין נשמה אין דעם אַלטען באַגריף פון וואָרט, אַ נשמה אַלס אַ סובסטאַנץ, אַלס אַ זאַך, אַלס אַ באַזונדער עקזיסטעניץ, אַלס אַ וועזען, אַלס אַ גייסט, וואָס וואוינט אין אונזער מאַטעריעלען קערפער ווי אין אַ דירה. די נשמה — דאָס איז נאָר די „אַקטיוויטעט" אונזערע. דאָס „גייסטיגע" לעבען איז דורך און דורך נאָר פראָצעס, פאַסירונג, אָנגעהן: ניט קיין רוהענדעס זיין, נאָר טעטיגקייט, ניט שטילשטאַנד, נאָר אַנטוויקלונג לויט באַשטימטע געזעצען. דער „איך", דער גאַנצער אינהאַלט פון דער נשמה, פון דער פסיכאָלאָגישער ערפאַרונג, איז נאָר דער „צוזאַמענהאַנג פון פראָצעסען", וועלכע שפּילען זיך אָפּ אינגאַנצען אין דעם נערווען־סיסטעם.

ווי אַנדערש דאָס איז, ווי מעהר אין איינקלאַנג מיט דער גאַנצער ביאָלאָגישער און פיזישער וויסענשאַפט, פון דעם נאַאיווען גלויבען פון דער קלאַסישער פילאָזאָפיע, אַז די נשמה איז אַ באַזונדער וועזען, וואָס זיצט ערגעץ אין בויך, אָדער אין אַ צענטער פון מאַרך, ווי דעקאַרט האָט געגלויבט!

מעהר אין איינקלאַנג — דאָס איז אייגענטליך דער גאַנצער באַוויז פאַר וואונדט'ס נשמה־באַגריף. וואונדט האָט אונז ניט געקאָנט אַריינפיהרען אין דער לאַבאָראַטאָריע און אונז ווייזען, אונטער אַ גלאָז, ווי אַזוי די נשמה איז בלויז דער פראָצעס פון דער נערווען־אַקטיוויטעט. פונקט ווי אַלע פריהערדיגע האָבען ניט געקאָנט ווייזען די נשמה אונטער אַ גלאָז אַלס אַ מין רויכיגען, לופ־

טינען, גייסט־וועזען. אָבער „זיין אין איינקלאַנג“, שטימען מיט אַנדערע פאַקטען, וואָס זיינען באַקאַנט, ערקלערען זאַכען, וואָס לאָזען זיך אַנדערש ניט ערקלערען — דאָס איז איינער פון די באַווייזען פון דער וויסענשאַפט. דער דאַרוויניזם איז אָנגענומען געוואָרען אויפ'ן גרונט פון דעם דאָזיגען מעטאָד. די אַטאָמישע טעאָריע אין דער כעמיע איז באַגרינדעט אויף אַזאַ אופן. דאַרווין האָט דאָך ניט געקאָנט לאָזען דעם גאַנצען עוואָלוציאָנס־פּראָצעס פון דער לעבעדיגער נאַטור זיך איבער'חזר'ען אין אַן עקספּערימענטען־צימער, כדי צו באַווייזען *באַשיינפּערליך* זיין טעאָריע. דערפאַר הייסט עס טאַקע די עוואָלוציאָנס־*טעאָריע*. אָבער זי איז אין דער גאַנצער וויסענשאַפטליכער וועלט אָנגענומען אַלס אַ באַגרינדעטער פאַקט. וואָרום זי איז „אין איינקלאַנג“ מיט אַלץ אַנדערעס, וואָס מיר ווייסען, זי „ערקלערט“, דאָס וואָס איז אַנדערש נישט געווען צו דערקלערען, זי האָט ביז איצט קיין סתירה איך דער נאַטור ניט באַגעגענט. די אַטאָמען־טעאָריע איז אַזאַ אָנגענומענער פאַקט. דאָס גראַוויטאַציאָנס־געזעץ אויך. יעדעס נאַטור־געזעץ איז אייגענטליך נאָר אַ טעאָריע, אַ היפּאָטעזע, וואָס האַלט אויס נאָר אַזוי ווייט ווי אונזער ערפאַרונג געהט, און אַזוי לאַנג ווי קיין אויסנאַם איז ניט באַגעגענט געוואָרען.

צו דערזעלבער קאַטעגאָריע פון וויסענשאַפטליכע היפּאָטעזען געהער אויך די וואונדט'ישע טעאָריע, אַז די נשמה איז נאָר אַקטיוויטעט. זי „שטימט“, זי דערקלערט וואָס עס איז יאָהרטויזענטען געבליבען ניט דערקלערליך. זי איז אַ גוטע „אַרבייטענדע היפּאָטעזע“. און דער אמת איז דאָס וואָס אַרבייט — לערנט אַ שולע אין דער פילאָזאָפיע.

און די וואונדט'ישע פּסיכאָלאָגיע „אַרבייט“. דער מענש האָט זיך אייביג ליב געהאַט, האָט זיך אייביג געגריבעלט אין זיך, האָט זיין „איך“ געשילדערט אין טויזענדע יאָהרען פון ליטעראַטור. אָבער ערשט איצט הויבען מיר אָן באמת צו דערקאָנען די מענשליכע נאַטור. אין די פיער צעהנדליג יאָהר פון עקספּערימענטאַלער פּסיכאָלאָגיע האָט זיך שוין אָנגעזאַמעלט מעהר מענשען־קענטניש ווי אין אַ סך דורות פריהער. שוין האָט די מאָדערנע פּסיכאָלאָגיע באַוויזען צו רעוואָלוציאָניזירען די ערציהונג, שוין הויבט זיך אָן איהר געוואַלטיגער איינפלוס פיהלען אין די סאָציאַלע וויסענשאַפטען, אין דער מעדיצין, אין דער פּאָליטישער פילאָזאָפיע, אין דער געשיכטע, אין עקאָנאָמישען און

אינדוסטריעלען לעבען, אויף יעדען געביט פון מענשליכען דענקען און שאַפען.

טראַגיש איז נאָר די ווירקונג, וואָס די דאָזיגע פסיכאָלאָגיע האָט געהאַט אויף איהר מוטער, אויף דער פילאָזאָפיע, פון וועלכער זי איז אַ שפּראָצונג. עס מאַכט ניט אויס, וואָס וואונדט אַליין איז געווען, אויסער אַ פסיכאָלאָג, אויך אַ פילאָזאָף, און איז געגאַנגען „ווייטער“. „דענקען צו ענדע“ איז שוין אַ לאַנג אָנערקענטע כאַראַקטעריסטיק פון דעם דייטשען געדאַנק. קאַנט און העגעל האָבען אַ שווערע ירושה איבערגעלאָזט דער דייטשער פילאָזאָפיע. דער ערש־טער — אַן אוניווערזאַלען שכל, דער אַנדערער — אַן אוניווערזאַלע אידעע. און אַלע שפּעטערדיגע נאָכפאָלגער זייערע האָבען זיך געפיהלט געצוואונגען פאָרצוזעצען די טראַדיציע און געהן אין די טריט פון די גרויסע רביים. וואונדט האָט געטאָן דאָסזעלבע. אָבער וואו עס הויבט זיך אָן וואונדט דער מעטאַ־פיזיקער דאָרט קאָנען מיר זיך אַנטזאַגען איהם נאָכצוגעהן. מיט איין „מעטאַ־פיזיקע“ מעהר אָדער מיט איין מעטאַפיזיקע וועניגער — דאָס איז ניט וויכטיג. וויכטיג איז זיין פסיכאָלאָגיע און וויכטיג איז נישט אַזוי דאָס, וואָס וואונדט האָט געטאָן מיט זיין פסיכאָלאָגיע, ווי דאָס וואָס אַנדערע האָבען מיט איהר געטאָן. און אַנדערע האָבען מיט איהר — חרוב געמאַכט די פילאָזאָפיע. עס איז שוין באַמערקט געוואָרען פריהער: די גאַנצע פילאָזאָפיע האָט זיך געדרעהט אַרום דער נשמה. אין דער מענשליכער נשמה האָבען אַלע מעטאַפיזיקער, פון סאָק־ראַטעס ביז העגעל, געמיינט, אַז זיי האָבען אַ בריק אויף אַריבערצושפּאַנען צו אַן אַנדער וועלט, צו אַ וועלט פון גייסט און אידעע. אָבער די נייע פסיכאָלאָגיע האָט די בריק אונטערגעהאַקט.

און זיי שטעהען איצט, די אַלטע גרויסע פילאָזאָפישע סיסטעמען, ווי ריזיגע פאַלאַצען, פון געניאַלען געבוי און אָטעם־פאַרכאַפּענדער, גראַנדיעזער שעהנקייט, אָבער אָפּגעשטאָרבענע, האַלב־טויטע, ווייל —

ווייל וואונדט האָט פון זיי די נשמה אַרויסגענומען.

„דער פּענגווין

פראַנקרייך, דאָס
לאַנגזאַמען אונטערגאַנג
די סאַטירע פון אונטערג
דער „פּענגווין אינ
דער מענשהייט: עס א
וואָס ער פיהרט אונז דור
אַלטערטום, דורך דער נ
און דעקט אונז אויף איה
גאַנצער צוקונפט: די אי
ווערק — וועט קאַטאַסטר
ברעכען און וועט אומקומע
פאַלען צוריק צום צושטאַ
די ריזיגע אַרבייט פון באַש
זיין ניט בעסער ווי די ערש
ווייטער, אָהן אַן ענדע, א
פאַרניכטען, פון אויפקומען
עס האָט זיך שטענדיג
דאָזיגער גרויזאַמער סאַטירע
פאַרגינט ניט דעם געזונטען
פעלקער־אַ נ ט ש ט ע הו נ ג,

די פילאָזאָפיע פון אונטערגאַנג

I

„דער פענגווין אינזעל"

פראַנקרייך, דאָס לאַנד פון דעקאַדענץ, פון צופאַלען, דאָס לאַנד פון לאַנגזאַמען אונטערגאַנג, האָט אונז געגעבען די גרעסטע סאַטירע פון אונזער צייט, די סאַטירע פון אונטערגאַנג.

דער „פענגווין אינזעל" פון אַנאַטאָל פראַנס איז מעהר ווי אַ סאַטירע איבער דער מענשהייט: עס איז אַ פאַראורטיילונג. עס איז פאַר'ן דיכטער ניט גענוג וואָס ער פיהרט אונז דורך, מיט דער הילף פון זיין גוואַלדיגער ערודיציע אין דעם אַלטערטום, דורך דער גאַנצער ענטוויקלונג פון דער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע און דעקט אונז אויף איהר צביעות. ער צייכענט אויך אָן אַ פּראָגראַם פאַר דער גאַנצער צוקונפט: די איצטיגע ציוויליזאַציע — איז דער אויספיהר פון דעם ווערק — וועט קאַטאַסטראָפיש פאַרניכטעט ווערען: זי וועט עקאָנאָמיש צוזאַמענברעכען און וועט אומקומען דורך פייער און דינאַמיט; דער מענש וועט אַרונטערפאַלען צוריק צום צושטאַנד פון ווילדקייט; דאַן וועט ער אָנהויבען אויפ'ס ניי די ריזיגע אַרבייט פון באַשאַפען אַ ציוויליזאַציע, אָבער די נייע ציוויליזאַציע וועט זיין ניט בעסער ווי די ערשטע און וועט אויך האָבען דעם זעלבען סוף, און אַזוי ווייטער, אָהן אַן ענדע, אין אַן אייביגען פאַר'כשופ'טען קרייז פון בויען און פאַרניכטען, פון אויפקומען און אונטערגעהן.

עס האָט זיך שטענדיג געוואָלט גלויבען, אַז די פּסיכאָלאָגיע הינטער דער דאָזיגער גרויזאַמער סאַטירע איז געווען די פּסיכאָלאָגיע פון דעם קראַנקען וואָס פאַרגינט ניט דעם געזונטען: אין אַן עפּאָכע פון פעלקער-אויפשוואונג, פון פעלקער-אַ נ ט ש ט e ה ו נ ג, איז פראַנקרייך אַליין געווען אין אַ צושטאַנד —

פון שווינדען. פראַנקרייך׳ס צאַנקען איז שוין זייט יאָהרען אַ צייטונגס־טעמע. קינד און קייט רעדט דערפון. שוין זייט יאָהרען, אַז זי שטעהט, די שעהנהייט פון אייראָפּא, און צעהלט אָבער און ווידער יעדע געבורט, ווי דער קאַרגער יעדע צוגעקומענע מטבעה. און עס האָט זיך גערוכט, אַז דער „פּענגווין אינזעל״ איז עס דער האַרצוועה פון דעם שטאַרבּענדען, וואָס פאַרגינט ניט די איבערבלייבענדע דאָס לעבען און ער זאָגט זיי נאָך אַ פלוך און לאָזט זיי איבער אַ שוואַרצע נבואה צו בּאַאונרוהיגען זייער רוה, צו פאַרגיפטען זיי דעם זיסען געגוס פון לעבען. און ווער אַנדערש האָט עס געזאָלט טאָן אויב ניט אַנאַטאָל פראַנס? איז ער דען ניט די לויטערסטע פאַרקערפּערונג פון דעם פראַנצויזישען גייסט? האָט ער דען ניט געביטען זיין נאָמען פון טהיבא אויף פראַנס, כדי אויסצודריקען זיין ליעבשאַפט פאַר פראַנקרייך, די פאַרשמעלצונג פון זיין נשמה אין איהרער?

פראַנקרייך געהט אונטער? יאָ; אָבער אַלע וועלען אונטערגעהן.

איז אָבער געקומען די מלחמה און האָט געוויזען, אַז פראַנס׳עס סאַטירע איז געווען מעהר ווי אַ „פּסיכאָלאָגישער“ צושטאַנד: עס איז געווען אַ נבואה, אַ נבואה וואָס ווערט ליידער צו זיכער מקוים.

אַ נבואה און — אַ טעאָריע פון פּראָגרעס. דער 19־טער יאָהרהונדערט, וועלכער האָט מיט זיין סקעפּטיציזם פאַרניכטעט אַלע פריהערדיגע ווערטען, האָט זיך געשאַפען אַ טרייסט, די טרייסט פון פּראָגרעס. פּראָגרעס איז געוואָרען אַ מין רעליגיאָן, די רעליגיאָן פון די פאָרגעשריטענע, פון די פריידענקער, און האָט אפילו דערפילט די פונקציעס פון רעליגיאָן: וואָרום פונקט ווי די רעליגיאָן בריינגט טרייסט פאַר דעם היינט און איז די האָפנונג אויף דעם „דאָרטען“, אַזוי האָט פּראָגרעס געמיינט, אַז דער שלעכטער „איצט“ און „דאָ“ איז נאָר עטוואָס צייטווייליגס, פאָראיבערגעהענדעס, וואָס פיהרט צו דער פאָלקאָמענער, צו דער אידעאַלער מענשהייט שפּעטער.

אין אָט דעם „גן עדן פון דעם נאר“ האָט פראַנס אַריינגעשליידערט דעם שווערען שטיין פון דעם „פּענגווין אינזעל“. פּראָגרעס? — האָט עס געהייסען — געוויס; בּאַוועגונג, ענדערונג איז דאָך דאָס געזעץ פון דער נאַטור. אָבער בּאַוועגונג — צו פאַרניכטונג, ענדערונג — צו קאַטאַסטראָפאַלען אונטערגאַנג.

געוויס איז אַנאַטאָל פראַנס ניט געווען דער ערשטער און ניט דער איינ־ציגער אָנצעוויזען, אַז פּראָגרעסיווע אַנטוויקלונג מיינט ניט דוקא אַ מאַרש צו אַ

„גאָלדענער עפּאָכע". האָקסלי, דער גרויסער פאַרטיידיגער פון דער עוואָלוציאָנס טעאָריע, האָט געזאָגט, אַז עס איז ניטאָ קיין מעהר טרויעריגע זאַך, ווי די געשיכטע פון דער מענשליכער אַנטוויקלונג, און אַז ער וואָלט מיט פרייד באַגעגענט אַ קאָמעט, וואָס וואָלט געקומען און פאַרניכטעט אונזער נאַריש וועלטעל. אָבער אַנאַטאָל פראַנס האָט עס אַרויסגעזאָגט מיט דער קראַפט פון יענער קינסטלערישער אינטואיציע, וואָס איז שטאַרקער, און אָפטמאָל אמת'ער, פון אַ פילאָזאָפישען אויספיר.

די ווירקליכקייט האָט אַלזאָ פאָרלויפיג באַשטעטיגט פראַנס'עס „פראָגרעס פון אונטערגאַנג". נאָר אויסער דער מורא'דיגער קאַטאַסטראָפע, וואָס שפילט זיך איצט אָפּ פאַר אונזערע אויגען מיט אַלע איינצעלהייטען, ווי פראַנס האָט זי געשילדערט, צי באַשטעטיגט ניט אין גרונט די גאַנצע מאָדערנע אַנשויאונג וועגען דעם מענשען אַנאַטאָל פראַנס'עס טעאָריע פון פראָגרעס?

וואָס איז דען דער מענש?

„אַ פּאָליטישע חיה" — ענטפערט אַריסטאָטעל, אַ חיה, וואָס דער יסוד פון איהר כאַראַקטער איז דער דראַנג צו לעבען צוזאַמען מיט אַנדערע פון איהר מין, צו לעבען אין געזעלשאַפט.

דער אַריסטאָטעלישער געדאַנק איז אָהן ספק אַ טיעפער און פרוכטבאַרער. אָבער פּרובירט האַנדלען נאָך איהם און עס קומט אויס, אַז דאָס פּראָבלעם פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבען איז די ריין מעכאַנישע אויפגאַבע פון געהעריג אויסצושטעלען די מענשען, אַזוי ווי פיגורען אויף דעם שאַך־ברעט, כדי דאָס שפּיל פון לעבען זאָל קאָנען אָנגעהן. דער דאָזיגער באַגריף פיהרט אונפאַרמיידליך צו קלאַסען־צוטיילונג.

די מאָדערנע צייט, די צייט פון מאַטעריאַליזם און עקאָנאָמישער וויסענשאַפט, האָט אַרויסגעבראַכט אַן אַנדער אַנשויאונג אויף דעם מענשען, די אַנשויאונג פון דעם „עקאָנאָמישען מאַן". פון די קלאַסישע עקאָנאָמיסטען ביז די סאָציאַליסטען האָט מען אין דעם מענשען געזעהן הויפּטזעכליך אַ חיה, וואָס וויל עסען. געזעטיגט — און די חיה וועט זיין צופרידען. און דאָס פראָבלעם, לויט דער דאָזיגער טעאָריע איז, ווי ווייט מעגליך צו עקספּלואַטירען די נאַטור, און די פרוכט פון דער דאָזיגער עקספּלואַטאַציע צוטיילען צו אַלעמען גלייך.

אָבער די גאַנצע צייט איז דער מענש געווען דער עיקר, ניט אַ געזעלשאַפט־ליכע חיה, ניט אַן עקאָנאָמישע, נאָר אַ פּסיכאָלאָגישע.

דאָס איז דער בייטראָג פון דעם 20־טען יאָהרהונדערט צו דער פילאָזאָפיע פון דער מענשליכער פּערזענליכקייט.

אַ פּסיכאָלאָגישע חיה — מיינט: דער מענש וויל טאַקע עסען, אָבער ער וויל נ אָ ך. דער חילוק צווישען דעם מענשען און דעם הונט, זאָגט דזשאָהן דואי, איז דאָס וואָס ווען דער הונט עסט אָפּ, איז ער צופרידען און געהט שלאָפען, אָבער ווען דער מענש עסט אָפּ, הויבט ער אָן וועלען עפּעס אַנדערש. ער איז בכלל אַ באַשעפעניש וואָס איהר עצם נאַטור איז — וועלען. די חיה ווערט געבאָרען מיט אַ סך אינסטינקטען, וועלכע זיינען גלייך פון אָנהויב אָרגאַניזירט און אָנגעשטעלט ווי אַ פאַרטיגע מאַשין, און זי געהט קיינמאָל ניט אַרויס פון די דאָזיגע אינסטינקטען. דער מענש אָבער ווערט געבאָרען מיט זעהר ווייניג אָרגאַניזירטע אינסטינקטען, זיין גאַנצע נאַטור איז לכתחילה אַ צעשוואומענע. איהר הויפּט־כאַראַקטעריסטיק איז — דראַנג. און ציוויליזאַציע איז בלויז דאָס מיטעל צו באַפרידיגען דעם דאָזיגען אייביגען דראַנג פון נייע וואונשען און נייע פאַרלאַנגען. „דאָס לעבען האַלט זיך אויף נאָר אַ דאַנק דעם שטענדיגען שטרעבען איבערצושטייגען דאָס שוין דערגרייכטע“.

און דערפאַר קאָן מען זיך קיינמאָל ניט פאָרשטעלען אַ צייט, ווען דער מענש וועט זיין צופרידען. אַלע אוטאָפּיעס מוזען בלייבען ניט מעהר ווי — אוטאָפּיעס. וואָרום אַן אוטאָפּיע איז אַן איינמאָל פאַר אַלע מאָל אויסגעאַרבייטע לעבענס־אָרדנונג וואָס דאַרף אייביג בלייבען אין זעלביגען צושטאַנד. זיי זיינען דעריבער געבויט אויפ׳ן פּרינציפּ פון אַ באַשטימטער און באַשטענדיגער מענשליכער נאַטור. אין אמת׳ן אָבער איז די מענשליכע נאַטור אַזוי אומבאַשטענדיג, ווי וואַסער. אפילו דער סאָציאַליזם איז ניט קיין א י י ב י ג ע לעזונג. ער איז נאָר אַ לעזונג צו די איבלען פון דער היינטיגער געזעלשאַפט. וואָס עס וועט זיין אויף יענער זייט פון סאָציאַליזם, קאָנען מיר איצט ניט וויסען, אויסער אַז עס וועט זיין נייער וועלען, ווייטערער דראַנג.

און דאָ קומט די אייביגע סתירה, פראַנס׳עס סתירה אין דער ציוויליזאַציע. די מענשליכע נאַטור איז אַן אייביג באַוועגליכע. אָבער די ציוויליזאַציע, וועלכע זי באַשאַפט פאַר איהר באַפרידיגונג, האָט אַ טענדענץ פאַרגליווערט צו ווערען.

און ווערט זי פאַרגליווערט הויבט זיך
עס הויבט זיך אָן אַ קאַמף צווישען לע
דער דאָזיגער קאַמף איז עס, וואָס ענד
וועלכע מוזען קומען פעריאָדיש אין

„לאָמיר איינגאַנצען אָפּשאַפען די
אַ רוסאָ און אַ טאָלסטאָי; „דער פראָג
שען סוף כל סוף ברענגען צו אַ פול
ספּענסער.

„ביידע זיינען אַן אונזין“ — ד
קענען קיין קיום ניט האָבען אָהן דע
אָהן איהר שאָל. זי מוז אָבער אויך,
אויסנעבריטען איי.

געווים איז עס אַ טרויעריגער
בליהען און וועלקען, שטייגען און
קיינעם אפשר טוט עס ניט מעהר
עס וויים ניט, דער „מייסטער פון
טרייסט. ער וויים נאָר פון איין שנ
ליכער געשיכטע, די שטעלונג פון —
„איראָניע און רחמנות“.

„פּאָטער־מאָרד“

אַ יונג ווערק אין דער יונגער דיינ
מאָרד“, פון אַרנאָלד בראָננען.

„פּאָטערמאָרד“ — פּאָטער, ק
באַקאַנט? אַ גאַנצע רייהע ביכע
געניעוו׳ס „פאָטער און קינדער“, זוד
„גייסטער“ — איז עס נאָכאַמאָל דער

און ווערט זי פֿאַרגליווערט הויבט זיך אָן דער מענש צו פֿיהלען ענג, געדריקט, עס הויבט זיך אָן אַ קאַמף צווישען לעבעדיגען ווילען און טויטער מאַטעריע. און דער דאָזיגער קאַמף איז עס, וואָס ענדיגט זיך אין די מורא׳דיגע קאַטאַסטראָפֿען, וועלכע מוזען קומען פֿעריאָדיש אין אַנאַטאָל פֿראַנס׳עס גרויסער וויזיאָן.

„לאָמיר איינגאַנצען אָפּשאַפֿען די ציוויליזאַציע!“ — שרייען פֿון איין זייט אַ רוסאָ און אַ טאָלסטאָי; „דער פֿראָגרעס פֿון דער ציוויליזאַציע וועט דעם מענשען סוף כּל סוף ברענגען צו אַ פֿולער האַרמאָניע מיט דער נאַטור!“ זאָגט אַ ספּענסער.

„ביידע זיינען אַן אומזין“ — הערען מיר אַנאַטאָל פֿראַנס׳ן זאָגען. מיר קענען קיין קיום ניט האָבען אָהן דער ציוויליזאַציע, אַזוי ווי די טשערעפּאַכע אָהן איהר שאָל. זי מוז אָבער אויך, סוף כּל סוף, פּלאַצען ווי די שאָל פֿון דעם אויסגעבריטען איי.

געוויס איז עס אַ טרויעריגער ספּעקטאַקל, אָט דער ספּעקטאַקל, פֿון בליהען און וועלקען, שטייגען און אונטערגעהן, קומען און אומקומען. און קיינעם אפשר טוט עס ניט מעהר וועה ווי דעם דיכטער אַליין. אָבער עס וויים ניט, דער „מייסטער פֿון דיסאילוזיע“, פֿון קיין הילף און קיין טרייסט. ער וויים נאָר פֿון איין שטעלונג צו אַזאַ שיקזאַל פֿון דער מענשליכער געשיכטע, די שטעלונג פֿון —

„איראָניע און רחמנות“.

II

„פּאָטער־מאָרד“

אַ יונג ווערק אין דער יונגער דייטשער ליטעראַטור — די דראַמע „פּאָטערמאָרד“, פֿון אַרנאָלד בראָננען.

„פּאָטערמאָרד“ — פֿאָטער, קינד, קאָנפֿליקט: קלינגט ניט די טעמע באַקאַנט? אַ גאַנצע רייהע ביכער שווימען אַרויף אויפֿ׳ן זינען: טורגעניעוו׳ס „פֿאָטער און קינדער“, זודערמאַנ׳ס „היימאַט“, איבּסענ׳ס „נאָראַ“, „גייסטער“ — איז עס נאָכאַמאָל דערזעלבער קאַמף צווישען עלטערען און קינ־

דער, צווישען אַלט און יונג, צווישען גרין און גרוי, וואָס האָט די לעצטע פּאָר דורות אויסגעפּילט די בלעטער פון דער אייראָפּייאישער ליטעראַטור?

דערזעלבער קאַמף, דאָך — ניט דערזעלבער.

וואָס האָבען דען געוואָלט די קינדער פון׳ם פריהערדיגען דור? זיי האָבען געוואָלט — אנערקענונג. די אנערקענונג פון די רעכט פון דער יוגענד. די פאַרצייטיגע וועלט האָט געהאַט איהר צענטער פון גראַוויטאַציע, איהר שווער־פונקט. דאָס איז געווען דער באַיאָהרטער מענש, די צייטיגע פרוכט, דער עלטע־רער, — דער פּאָטער. און וואָס עלטער אַלץ וויכטיגער. „מפני שיבה תקום“.

די יוגענד, אַזוי ווי די קינדהייט, איז באַטראַכט געוואָרען פאַר עפּעס פּראָוויזאָ־ריש...

די יוגענד, אַזוי ווי די קינדהייט, איז באַטראַכט געוואָרען פאַר עפּעס פּראָאיבער־געהענדעס, פאַר עפּעס וואָס דאַרף איבערוואונדען ווערען, וואָס מען דאַרף וואָס גיכער אַריבערלעבען כדי אַרויסצוגעהן פון איהר, ווי אַ פּרי פון איהר גרינקייט, אין דער פולער און צייטיגער מדרגה אַריין.

גענען אָט דעם שטאַנדפּונקט איז עס די יוגענד פון די לעצטע דורות אַרויס אין קאַמף. זי האָט געוואָלט דעם גראַוויטאַציאָנס־צענטער אַריבערטראָגען אויף — זיך. די יונגע לעבענס־צייט — האָט עס געהייסען — דאַרף ניט באַטראַכט ווערען בלויז ווי אַ צוגרייטונג פאַר׳ן צייטיגערען עלטער, נאָר זי איז אַ באַשטימטע לעבענס־שטאַדיע, וואָס האָט איהר אייגענעם ווערט, פאַר זיך אַליין. און איהר ווערט איז אפשר וויכטיגער ווי דער עלטער־ווערט. וואָרום די פּאָטערס האָבען ניט דאָס, וואָס די יוגענד פאַרמאָגט — י ו ג ע נ ד. זיי האָבען ניט די בויגינקייט פאַר נייער טאַט, ניט די עלאַסטיציטעט פאַר פרישע שפּירונגען, ניט די פריש־קייט פאַר נייע אידעען, ניט דעם שוואונג פאַר נייע וועלטען.

מען האָט געקעמפט פאַר דער לעבענס־הערשאַפט, אָבער נאָר מיט ווערטער. פלעגען זיך ענדיגען די וכוחים, פלעגט מען ווידער ווערען חבר. מען פלעגט זיך קושען ביים פאַנאַנדערפאָרען, זיך שרייבען בריוולעך פון די ווייטע מקומות, און זיך פאַלען אויף די העלזער ביי דער נייער באַגעגניש.

ווער האָט געזיגט? געוויס די יוגענד. אַזוי וויינינגסטענס האָט זי געגלויבט.

די יוגענד האָט געזיגט ביז — עס איז געקומען די וועלט־מלחמה.

ביים אָפּשלוס פון דער מלחמה, ביים אויסאַרבייטען דעם פרידען, ווען דער יסוד פאַר אַ נייער וועלט האָט עס געזאָלט געלעגט ווערען, פלעגט מען טייטלען מיט די פינגער אויף די „פיער אַלטע לייט“ אין ווערסאַיל, וואָס האָבען

עס דעם שיקזאַל פֿון דער וועלט אין זייערע הענט געהאַט. ווען די דאָזיגע „אַלטע לייט" האָבען זיך דעמאָלט, אין זייער הויכער שטעלונג, איבער דער וועלט אַרויסגעהויבען, האָט מען נאָר שאַרפֿער און שניידיגער אַרויסגעזעהן דאָס, וואָס מען האָט אייגענטליך געשפּירט די גאַנצע צייט פֿון דער מלחמה, — אַז דאָס דאָזיגע מורא׳דיגע שפּיל, די וועלט=מלחמה, איז פֿאַרפּאַסט און אויפֿגעפֿירט געוואָרען פֿון נאָלע אַלטע, פֿון זקנים, פֿון די — פֿאָטערס.

וואו איז געווען די יוגענד בשעת די אַלטע לייט זיינען זיך געזעסען אין די ווייכע פֿאָטעלען און געשפּילט אין וועלט=שיקזאַל?

זי איז געלעגען אַן אויסגעקוילעטע און נעפֿוילט אונטער דער ערד פֿון די שלאַכטפֿעלדער.

ווער, אַלזאָ, איז געווען דער אמת׳ער זיגער אין דעם קאַמף צווישען די „פֿאָטערס און קינדער"?

אין דער ליטעראַטור, אין וואָרט — די קינדער; אין פֿאַקט — די פֿאָטערס.

וואָרום די פֿירונג פֿון די פֿ אָ ט ע ר ס האָט עס די וועלט אויפֿ׳ן בראָך=שטול געבראַכט, זייער פּאָליטיק, זייער באַלאַבאַטעווען, זייערע אינסטיטוציעס. און זיי האָבען געקענט געבען דעם באַפֿעהל פֿון טויט, וואָס די קינדער האָבען געמוזט פֿאָלגען.

די קינדער פֿון פֿריהערען דור האָבען אַ טעות געמאַכט. קומען איצט נייע קינדער מיט אַ נייעם לאָזונג אין דעם אַלטען קאַמף. דער לאָזונג איז — „טויט די פֿאָטערס!"

דער פֿריהערער דור יוגענד האָט נאָר אנערקענונג געוואָלט, העכסטענס פֿירערשאַפֿט, זאָנסט האָט ער געקענט הויזען מיט די עלטערען. עס איז פֿאַר ביידע געווען פּלאַץ אין דער זון.

אָבער די נייע קינדער ווילען שוין אויף אַזעלכע קאָמפּראָמיסען ניט איינגעהן. עלטערען און קינדער זיינען זיך ניט נאָר אידעען=שונאים, נאָר בלוט=שונאים, טויט=שונאים, פֿאַר ביידען צוזאַמען איז אויף דער וועלט קיין פּלאַץ ניטאָ.

און דעריבער דערשטיקט וואַלטער זיין פֿאָטער איננאַץ אין בראָננען׳ס „פֿאָטערמאָרד".

קיינמאָל איז אַ מאָרד ניט באַגאַנגען געוואָרען איבער אַ גרעסערער נאַרישקייט.

דער טאַטע וויל, אַז דער זוהן זאָל לערנען פֿאַר דער „מאַטוראַ“, אַריינטרעטען אין דער אוניווערזיטעט, ווערען אַדוואָקאַט. דער זוהן, אָבער, וויל געהן אין אַ לאַנד־שול, לערנען אַגריקולטור, ווערען אַן ערד־אַרבייטער. וויל דער פֿאָטער ניט אונטערשרייבען די נויטיגע פּאַפּירען, — דערשטיקט איהם דער זוהן.

דוכט זיך אַ שפּינוועבס־טעמע. און קיין האַנדלונג איז דוכט זיך אויך ניטאָ. די גאַנצע דראַמע דרעהט זיך נאָר אַרום דער ראַנגלעריי פֿאַר און געגען דעם אונטערשרייבען, פֿאַר און געגען דער אוניווערזיטעט. דאָך, ווען דער פֿאָרהאַנג פֿאַלט אויפ׳ן פֿאָטער, טויט פֿונ׳ם זוהנ׳ס האַנט, פֿיהלט איהר, אַז די גאַנצע אייראָפּייאישע קולטור־וועלט איז איינגעפֿאַלען.

וואָרום די גאַנצע דראַמע איז נאָר — אָנצוהערעניש. ניט סימבאָל, וואו איין זאַך מיינט אַ גאַנץ אַנדער זאַך, וואו בלויער פֿויגעל איז גליק, נאָר אָנצוהערעניש, ווי דער זאַנפֿטער ווינטעל איז אַן אָנצוהערעניש אויפ׳ן שטורם, און דער פֿונק — אַ פֿאַרוואַנדטער פֿון פֿלאַם. מען דאַרף נאָר *פֿאַרגרעסערען*.

וואָרום אייראָפּאַ איז אַ צו גרויסע טעמע פֿאַר אַן אויספֿיהרליכער, פֿולבלוטיגער פֿאָרשטעלונג. בלויז אָנצוהערענישען זיינען מעגליך. און דאָס איבעריגע דערשפּינט אַליין.

פֿאַרגרעסערט די „מאַטוראַ“, דעם אוניווערזיטעט, אין שטודירען בכלל, אינ׳ם בוך, אין קולטור; די אַדוואָקאַטור — אין די געזעצען, וואָס שפּאַרען זי אונטער; ברייט אויס דעם אינגעל׳ס פֿאַרלאַנג צו דער אַגריקולטור־שולע אין אַ בענקשאַפֿט נאָך דער ערד, אין אַ בענקשאַפֿט *אַוועק פֿון* דער קולטור און איהרע קללות, און דער מאָרד ווערט פֿאַרשטענדליך, ניין — אין דער דאָזיגער דראַמע — אומפֿאַרמיידליך.

„פֿאָטערמאָרד“ איז אַ שטיק — נערוועזיטעט. זי הויבט זיך אָן אין קרענקליכקייט, ענדיגט זיך שיער ניט אין משוגעת. אָהן אַן אָפּשטעל, אָהן אַן איבעררייס. די זאַך איז אַ צימליך לאַנגע, אָבער אין איין אַקט: איבעררייסען וואָלט געהייסען לאָזען די נערווען זיך אָפּרוהען. און דאָ פֿאָדערט זיך גאָלע שטייגערונג, ביז דער קאַטאַסטראָפֿע, ביז׳ן סאַמע אונטערגאַנג.

דער פֿאָרהאַנג הויבט זיך אויף לכתחילה אויף קראַנקע מענשען. פֿאָטער און מוטער — חורבות: דער ערשטער פֿון אַרבייטסלאָזיגקייט, די אַנדערע — פֿון איבעראַרבייטונג. איהר ניימאַשין איז דאָ אויף דער ביהנע — דער שטומער,

גרויזאַמער גייסט פון דער אינדוסטריע, און אַ הונגער=מאָלצייט — איהר לוין. און אַזאַ אַטמאָספערע, — וואָס איז דער וואונדער, אַז זי איז אָנגעזאַפּט מיט זינד? און די זינד זענען שוין ניט מעהר די געוויינליכע אויסגעלאַסענקייט פון מענער און פרויען. די זענען שוין אַלטער בּאַנאַלער ליטעראַרישער שטאָף, זיי זענען שוין דער געוויינליכער צושטאַנד. פון די איז געבליבּען נאָר — אַ מוטער וואָס לעבּט זיך רוהיג פון דער טאָכטער'ס שאַנד. נייערע, פּיקאַנטערע בּרענגט דער פּאַרפאַסער אויף דער בּיהנע אַרויף: אַ סצענע פון האָמאָסעקסואַליזם און פון אַ מוטער וואָס וויל פאַרגוואַלטיגען איהר זוהן.

אויף איהם, אויף וואַלטער'ן, דעם יונגען אומשולדיגען אינגעל, דעם „פּאָטער=מערדער" — איז עס דאָס גאַנצע אומגליק און די גאַנצע זינדיגקייט פון אייראָפּאַ אויסגעגאָסען. און ווען עס קומט צו איהם זיין חבר טרייבּען אויף איהם זיין אומנאַטירליכע ליידענשאַפט בּעט ער זיך בּיי איהם: „לאָז מיך, איך וועל געהן צו דער ערד; זי, זי וועט מיך בּאמת ליבּען"; און ווען זיין פּאָטער שטעהט איבּער איהם און וויל מיט גוואַלד די כּעמיע איהם אין קאָפּ אַריינשלאָגען, שרייט ער — „אָבּער איך קען עס ניט בּאַנעהמען, איך קען מעהר ניט דענקען!" פיהלט איהר, אַז דאָס שרייט דער אורמענש אין דעם מענשען פון קולטור פאַרמוטשעט, דאָס שפּייט די ריינע נשמה די זינד צוריק.

און דער פּאָטער האָט אַ דאָפּעלטען כּלי=זיין: דעם קולאַק און די אויטאָריטעט. ער האַלט אין איין טענה'ן: „בּין איך דאָך דער האַר אין הויז; האָבּ איך דאָך איבּער מיין פאַמיליע צו זאָגען". דער כּח פון דער אונטערשריפט ליגט אין זיינע הענט.

די „פיער אַלטע לייט" . . .

עס איז קיין אויסוועג ניטאָ, קיין פּשרה איז ניט מעגליך. און ווען ענדליך, אין אַ סצענע פון פּאַטאַלאָגישער קרענקליכקייט, שליידערט וואַלטער פון זיך די זינדיג צושפּילעטע מוטער, דערשטיקט דעם פּאָטער, און שטעהט אין קאָנוואולסיעס און שרייט: „איך בּין פריי! איך בּין פריי!" פיהלט איהר, אַז צעפאַלען איז אַ וועלט, פאַר וועלכער עס איז קיין אַנדער רפואה ניטאָ.

עס דערמאָנט זיך דאָ ניט=ווילענדיג הויפּטמאַנ'ס „פאַר זונען=אויפגאַנג", מיט וועלכער אונזער דור האָט אָנגעהויבּען. דאָרט האָט הויפּטמאַן אויפגע=

שטורמט זיין צייט מיט דער סצענע פון דעם פאָטער וואָס וויל פאַרנוואַלטיגען זיין טאָכטער.

אָנגעהויבען האָט אונזער דור מיט'ן פאָטער וואָס פאַרגוואַלטיגט די טאָכטער, און ענדיגען האָט ער געענדיגט מיט דער מוטער וואָס וויל פאַרגוואַלטיגען דעם זוהן.

דער פראָגרעס פון אַ דור...

„פאָטערמאָרד" — איז מעהר ווי אַ דראַמע, מעהר ווי אַ ליטעראַטור־ווערק.

עס איז אַ נערוועז־ווירוואַר...

עס איז —

אַ וואונד...

III

„אַ בריף־ווּעקסעל פון צוויי ווינקלען"

אַ קליין ביכעלע — און אַ גרויסער סימבאָל.

„אַ בריף־ווּעקסעל פון צוויי ווינקלען" הייסט דאָס ביכעלע און קומט פון דער בשותפות'ער פעדער פון מ. גערשענזאָן און וו. איוואַנאָוו: דער ערשטער — דער באַקאַנטער אידיש־רוסישער דענקער; דער צווייטער — דער ניט ווייניגער באַקאַנטער דיכטער.

וואָס זיינען עס פאַר אַ „צוויי ווינקלען"? זיינען עס צוויי שטאַנדפונקטען? דאָס, און מעהר ווי דאָס. עס זיינען צוויי ווינקלען — פון איין צימער, איין קראַנקען־צימער. אין יאָהר 1920 זיינעןביידע שרייבער־חברים קראַנק געווען און דער שיקזאַל האָט זיי ביידען צוזאַמענגעבראַכט אין איין צימער אין זעלבען שפּיטאָל. צו פאַרטרייבען די צייט האָבען זיי זיך גענומען דורכשרייבען — דער פון איין ווינקעל צימער, דער אַנדערער פון צווייטען. אָנגעהויבען האָט זיך דער בריף־שמועס פון דאָס וואָס אינטערעסירט געוויינליך קראַנקע — טויט און אונשטערבליכקייט. און געענדיגט האָט ער זיך מיט אַ טויט־אורטייל איבער דעם קראַנקען אייראָפּייאישען גייסט, איבער דער צובראָכענער, חרוב'ער אייראָפּייאישער קולטור. וויינגסטענס ביז איין צד אין דעם שמועס.

מען זאָגט געוויינלעך אַז די קונסט איז העכער ווי די נאַטור, די דיכטונג פֿאָלקאָמענער ווי דאָס לעבען. ווען דאָס לעבען וואָלט אַ דיכטער געווען וואָלט עס ניט געקענט צוטראַכטען קיין בעסערן סימבאָל פֿאַר דער איצטיגער אייראָפּאַ ווי דאָס דאָזיגע קליינע ביכעלע: קראַנקע דיכטער, אַ קראַנקען־צימער, אַ קראַנקע קולטור.

וואָרום וואו עס זיצט איצט אין אייראָפּאַ אַ דענקער אין זיין אַרבייטס־קאַבינעט זיצט עס אַ קראַנקער אין אַ קראַנקען־צימער אין אַ גרויסען שפּיטאָל, וואָס הייסט אייראָפּאַ.

איך מיין די גייסטיגע אייראָפּאַ. די וועלט בכלל רעדט און הערט אַ סך פֿון דעם עקאָנאָמישען חורבן פֿון אייראָפּאַ און לאָזט כמעט איגנאָרירען אויס פֿון אויג איהר גייסטיגען קריזיס, דעם קריזיס אין איהר דענקען, אין איהר טראַכטען און פֿיהלען. קריזיסען אין דער אייראָפּייאישער קולטור זיינען קיין נאָווינע ניט. וויל מען קען מען זאָגען אַז איהר גאַנצע געשיכטע באַשטעהט פֿון גאָלע קריזיסען. איהרע אידעען זיינען קיינמאָל ניט געקומען איינע פֿון דער אַנדערער, איינע אויף דער אַנדערער, פֿרידליך, האַרמאָניש אַזוי ווי עס וואַקסט די צווייג אויפ׳ן שטאַם, און די בלאַט אויף דער צווייג: איינס דעם אַנדערען העלפֿענדיג, איינס דעם אַנדערען שפּייזענדיג, איינס דעם אַנדערען אונטערשטעלענדיג די פּלייצע. גיכער זיינען זיי געגאַנגען ווי אייז־קריעס אין פֿריהלינג: רייסענדיג, ברעכענדיג, פֿאַרניכטענדיג. דאָך איז אין דער אייראָפּייאישער קולטור נאָך ניט געווען אַ גייסטיגער קריזיס אַזוי שווער און טיעף ווי דער איצטיגער.

ער איז אַזוי שווער און טיעף ווייל ער איז, דוכט זיך, אָהן אַ האָפֿנונג, אָהן אַ רפֿואה, אָהן אַן אויסגאַנג. וואָס זיינען דען געווען די פֿריהערדיגע גרויסע קולטור־קריזיסען? זיי זיינען געווען איבערגאַנגען פֿון איין קולטור־פֿאָרמע צו אַ צווייטער. דאָס גריכיש־רוימישע הייּדענטום, צ. ב. — אינ׳ם קריסטענטום; דער מיטעלאַלטערליכער אסקעטיזם — אין דער לעבענס־פֿריידיגקייט פֿון דער רענעסאַנס; די רעליגיעזע דאָגמע — אין דעם ראַציאָנאַליזם פֿון 18־טען יאָהרהונדערט. דער איבערגאַנג איז געווען שווער, אָבער עס איז געווען אַ ציעל, אַ באַשטימטער פּונקט צו וועלכען מען איז געגאַנגען. עס איז שטענדיג געווען אַ נייער אינהאַלט וואָס האָט פֿאַרנומען דעם פּלאַץ פֿונ׳ם אַלטען. הינטערן ווינטער איז געשטאַנען דער פֿריהלינג גרייט.

אָבער וואָס איז היינט? וואָס האָט היינט דער פֿילאָזאָף, דער קינסטלער, דער דיכטער אָנצובאָטען אַלס לעבענס־טרייסט, אַלס לעבענס־אינהאַלט? וואו איז דער פּונקט, אויף וועלכען דער פֿילאָזאָף, דער קינסטלער און דיכטער זאָל זיך קענען היינט אָנשפּאַרען? דער 18־טער און דער 19־טער יאָהרהונדערט זיינען געוועזען מערקווירדיג מיט זייער פֿעהיגקייט און געשיקטקייט צו געפֿינען אידעאַלען. איז מען ענטוישט געוואָרען אין איינעם איז גלייך געפֿונען געוואָרען אַ צווייטער. וועלכע געצען האָט דען דער 19־טער יאָהרהונדערט ניט איבערגעדינט? ער האָט געגלויבט אין דעם „פֿאַרשטאַנד“, אין דער „ריינער פֿערנונפֿט“ אַז זי וועט ברענגען די ישועה; ער האָט זיך געבוקט צו דער „וויסענשאַפֿט“; ער האָט זיך פֿאַר אַ געצקע געמאַכט דעם „פּראָגרעס“, ער האָט זיך אויסגעדיכטעט אַ „רעליגיע פֿון דער מענשהייט“, ער האָט געגלויבט אין דער „קונסט“ ווי אין דעם אמת'ן משיח; ער האָט זיך אויף די קניה געשטעלט פֿאַר'ן העלד, פֿאַר'ן איינצעלנעם הערויִשען אינדיווידיואום, אַלס דערלייזער. און ווען דער העלדען־קולט איז, מיט דעם פּאַראַט פֿון נאַפּאָלעאָנ'ען, געפֿאַלען, איז געבאָרען געוואָרען דער מאַסען־קולט. אין אַזוי ווייטער. אָהן סוף.

אָבער היינט — אָן וואָס איז נאָך געבליבען זיך אָנצוהאַלטען, אין וואָס קען מען נאָך גלויבען? ווער קען היינט מיט אַ שאָטען פֿון איבערצייגונג ריידען פֿון „פּראָגרעס“ דורך וויסענשאַפֿט, פֿון דערהויבונג דורך „קולטור“, פֿון פֿאָרטשריט דורך דעם כח פֿון קונסט און שעהנקייט? וואָס איז געוואָרען פֿון דער רעליגיע פֿון גאָט און וואָס איז געוואָרען פֿון דער רעליגיע פֿון דער מענשהייט? גאָרקי האָט אַ לעבען לאַנג געווידמעט צו דער אויפֿדעקונג פֿון דעם מענשען אין דער חיה, און היינט שרייבט ער „וועגען רוסישען פּויערטום“ און ווייזט די חיה אין דעם מענשען. אַלע אונזערע אידעען פֿון באַפֿרייאונג און רעוואָלוציע האָבען זייער זאַפֿט געזויגען פֿון דעם גלויבען אין דער מאַסע; היינט ליגען אַלע יענע אידעען פֿון באַפֿרייאונג און רעוואָלוציע צודריקט אונטער דער שווערער, אומבאַוועגליכער לאַסט פֿון די מאַסען.

אַלע ביז איצטיגע אידעען זיינען אָבגעלייקענט, אָבגעשליידערט געוואָרען פֿונ'ם לעבען. זיי זיינען געוואָרען נאָר אַזוי פֿיעל — אַלטע שמות, אַלטער באַלאַסט, וועלכען עס ווילט זיך אַראָבוואַרפֿען פֿון די אַקסלען. שרייבט גערשענזאָן צו איוואַנאָוו'ן:

„אין דער לעצטער צייט זיינען מיר שווער געוואָרען, ווי אַ דאָסאַדנע לאַסט, ווי צו שווערע, צו שטיקענדע מלבושים, אַלע גייסטיגע ערגאָבערונגען פון דער מענשהייט, דאָס גאַנצע, אין לויף פון יאָהרהונדערטען אָנגעקליבענע און באַפעסטיגטע רייכטום פון אויפטועכצען, קענטנישען און ווערטען. דאָס דאָזיגע געפיהל האָט שוין לאַנג צייטענווייז באַאונרוהיגט מיין נשמה, אָבער איצט איז דאָס ביי מיר געוואָרען אַ שטענדיג געפיהל. עס דוכט זיך מיר אויס: וואָס פאַר אַ גליק וואָלט עס געווען זיך אַריינצוואַרפען אין לעטהע, אין דעם טייך פון פאַרגעסענהייט, כדי עס זאָל שפורלאָז אָבגעווישט ווערען פון דער נשמה די ערינערונג פון אַלע רעליגיעס און פילאָזאָפישע סיסטעמען, פון אַלע קענטנישען, קונסטען, פּאָעזיעס, און אַרויסגעהן צוריק אויפ'ן ברעג נאַקעט ווי דער ערשטער מענש, נאַקעט, גרינג און פריילּיך, און פריי אויסגלייכען און צום הימעל אויפהויבען די בלויזע הענט, און געדענקען פון דער פאַרגאַנגענהייט נאָר איין זאַך — ווי עס איז געווען שווער און שטיקענד אין יענע קליידער, און ווי גרינג עס איז אָהן זיי“.

דער גאַנצער טיעפער זין פונ'ם היינטיגען גייסטיגען קריזיס אין אייראָפּאַ, אויף וויפיעל ער אונטערשיידט זיך פון די פריהעריגע, איז אַנטהאַלטען אין די דאָזיגע שורות געדשענזאָנ'ס. דאָ איז פאַראַן מעהר ווי די פאַרצווייפלונג איבער דעם אידעען־קראַך פון פריהער און איבער דער אויסזיכטסלאָזיגקייט אויף ווייטער: עס אָטעמט פון זיי אַ שווערע אַפּאַטיע צו אידעען אין אַלגעמיין, אַ טיפער ווידערווילען געגען דענקען בכלל. עס בענקט זיך איהם נאָכ'ן צושטאַנד פונ'ם פרימיטיווען, נאַקעטען מענשען. דעם גרויסען געדשענזאָנ'ען איז, ווי אַ קליינעם אינגעל, מיאוס געוואָרען צו געהן אין חדר. צו וואָס דאָס דענקען בכלל, צו־וואָס אָט דאָס אייביגע שפּיל אין אידעען־שלייפעריי און געדאַנקען־מאַכעריי? וואָס קומט אַרויס דערפון? וועלכען צוועק דיענט עס סוף־כל־סוף? און ווען עס וועלען שוין נאָך עטליכע טעאָריעס געשאַפען ווערען, און ווען עס וועלען נאָך עטליכע טויזענט ביכער אָנגעשריבען זיין — וואָס ווערט דערפון?

עס איז די פּסיכאָלאָגישע זייט פון דער *אַנטי־אינטעליגענץ* שטימונג, וואָס פיהלט זיך אויך ביי דער אינטעליגענץ גופא.

און דאָס איז די שאַרפסטע זייט פון דעם היינטיגען גייסטיגען קריזיס אין אייראָפּאַ.

וואָס האָט איינענטליך געררשענזאָן געגען דער קולטור?

איוואַנאָוו וויל עס פון איהם ערפאַהרען. אָבער גערשענזאָן ניט קיין אַנדער ענטפער ניט ווי נאָר, אַז עס איז בײַ איהם אַזאַ געפיהל. און געגען געפיהלען העלפט קיין זאַך ניט. ער קען איינפאַך די אייראָפּייאישע קולטור מעהר ניט פאַרטראָגען, מעהר ניט דולדען. וויפיעל איוואַנאָוו מאַטערט זיך ניט אַריינצוציהען זיין בעל דבר אין אַ ל אָ ג י ש ע ן וכוח, אין אַן אַרגומענטאַציע, אין אַ ש כ ל ד י־ג ע ר באַגרינדונג פון זיין קולטור־האַס, געלינגט עס איהם ניט. גערשענזאָן ווייס נאָר פון איין גוטער באַגרינדונג: אַ געפיהל־זאַך. און דאָס איז נאַטירליך אַ געפערליכערע אַרגומענטאַציע ווי אַ לאָגישע וואָלט געווען. ווארום געגען דער לאָגיק קען מען טענה׳ן. אָבער אַ בלינדער געפיהל, בלינדער האַס, האַס אָהן אַ שכל, אָהן אַ פאַרוואָס, איז געפערליכער ווי די שווערד; עס איז אַ סטיכיע.

דאָס ערגער פאַר דעם שיקזאַל פון דער קולטור.

און עס איז איינענטליך די טיעפסטע לאָגיק, דאָס וואָס גערשענזאָן וויל זיך ניט אַריינלאָזען אין קיין לאָגישע וכוחים. ווארום סוף־כל־סוף איז די לאָגיק אויך נאָר אַ פּראָדוקט פון דער היינטיגער קולטור, איהר לייבליך קינד. און ווי זאָל דאָס קינד פאַראורטיילען די אייגענע מאַמע? לאָזט זיך אַוועק מיט דער לאָגיק, און ווער ווייס — זי קען נאָך פאַרפיהרען, זי קען נאָך איינשמועסען אַז, נישט־קשה, די צרה איז נאָך ניט אַזוי גרויס ווי מען מיינט. אָבער דאָס וויל ניט דער אָנקלאָגער: ער האָט די קולטור פיינט, ער קען זי ניט פאַרטראָגען — דאָס איז זיין ערשטער און לעצטער אַרגומענט.

אין אָט דער מורא גערשענזאָנ׳ס פאַר דער לאָגיק ליגט נאָך אַ טיעפערער, נאָך אַ מעהר צושטערענדער זין. עס מיינט אַז ערגעץ איז פאַראַן אַ טעות אין דעם סאַמע וועזען פון דער אייראָפּייאישער קולטור. ערגעץ אין איהר סאַמע צענטער ליגט אַ ווידערשפּרוך. עס איז ניט נאָר וואָס אַ טעות איז אַריינגעפאַלען אין אַ מאַטעמאַטישען פּראָבלעם: די גאַנצע מאַטעמאַטיק איז אַ פאַלשע, און כאָטש אויבען־אויף חשבונ׳ט זיך אפשר גלאַט קומט מען אָבער צו סוף — שטימט עס ניט. עס ענדיגט זיך קאַטאַסטראָפיש.

ווער, דוכט זיך, רעדט נאָך אַזוי שעהן און אַזוי קלאָר וועגען עטיק ווי אייראָפּאַ? אָבער אייראָפּאַ איז דאָס פאַרברעכערישסטע ווינקעל אונטערן הימעל; ווער דרש׳ט נאָך מיט אַזאַ באַגייסטערונג וועגען דעם ווערט פונ׳ם מענשליכען לע־

בען ווי זי? אָבער זי לעגט אַוועק לעבענס — מיליאָנענוויוז; ווער בויט נאָך
אַזוי פלייסיג שטעדט און לענדער ווי זי? אָבער זי ווישט זיי אָב מיט דער=
זעלבער באַגייסטערונג ווי זי בויט זיי.

אָט איז אייראָפּאַ אין אַ נוס=שאָלעכיץ: זי באַזינגט דעם וואַלד, אָבער זי
האַקט אויס די ביימער צו מאַכען פּאַפּיר צו דרוקען איהר געזאַנג וועגען וואַלד!

איז עס אַ נאַריש און זינלאָז שפּיל, וואָס האָט זיך סוף=כל=סוף צונעגעסען.

ווילט זיך דעריבער אין לעטהע, אין טייך פון פאַרגעסענהייט, אַריינ=
שליידערען...

VI

„אַן אינדיען־רייזע“

די קולטור=מידקייט וואָס ליגט ווי אַ שוואַרצע טוך איבער אייראָפּאַ אויס=
געשפּרייט האָט אין דייטשלאַנד אַ מערקווירדיגע פאָרם אָנגענומען. זי האָט
איהר אויסדרוק געפונען אין אַ בענקשאַפט נאָך אינדיען, נאָך כינאַ, נאָכ׳ן ווייטען
גייסטערהאַפטען אָריענט.

וואו איהר זאָלט ניט צוטרעטען צו אַ שוי=פענסטער אין אַ בערלינער בוכ=
האַנדלונג, אַזוי קוקט אויף אייך עפּעס אָריענטאַלישעס אַרויס: די רוהיגע גליק=
פאַרגליווערטע געשטאַלט פון בודהאַ, דאָס פאַטריאַרכאַלע געזיכט פון ראַבינדר=
ראַנאַט טאַגאָר, בילדער פון כינעזישער און אינדישער קונסט. קיינמאָל פריהער
האָט מען אין דייטשלאַנד זיך ניט אַזוי אינטערעסירט מיט׳ן אָריענט ווי איצט. דער
אָריענט האָט אַזוי ווי פאַר׳כשופ׳ט דעם דייטשען געדאַנק. צווישען די דריי=
פיער געלעזענסטע ביכער היינט אין דייטשלאַנד זיינען צוויי איבער׳ן אָריענט:
באָנזעלס׳ „אינדיענפאַרט“ און גראַף קייזערלינג׳ס „דאַס רייזעטאַגעבוך איינעס
פילאָזאָפען“. די קלוגע רייד פון די אינדישע און כינעזישע חכמים ווערען
אויף דאָס ניי איבערזעצט און גע׳דרשנ׳ט. בודהיסטישע געזעלשאַפטען און
צייטשריפטען זיינען פאַראַן. פאָלקס=קורסען איבער׳ן בודהיזם ווערען געגעבען.
און ביכער גאַנצע שאַרענווייז געהען אַרויס איבער דעם לעבען פון די פעלקער
וואָס וואוינען נאָהנט צו דער זון. צווישען די — איינס וואָס האָט ניט זיין
גלייכען: „דאָס לעבענס=פּראָבלעם אין כינאַ און אייראָפּאַ“ הייסט דאָס בוך

און איז געשריבען פון אַן אייראָפּייער און אַ כינעזער. דער אייראָפּייער איז ניט קיין קלענערער מענש ווי דער באַרימטער פילאָזאָף רודאָלף אויקען. דאָס בוך שטעלט אַוועק די צוויי קולטורען איינער נעבען דער אַנדערער, צו פאַרגלייכען, אפשר — אויסצוגלייכען.

וואָס באַדייט אָט דער דראַנג פונ׳ם דייטשען געדאַנק נאָכ׳ן אָריענט ?

דאָס וויל די אייראָפּייאישע קולטור—וויינגסטענס אויף וויפיעל זי שפּיגעלט זיך אָפּ אין היינטיגען דייטשלאַנד — זיך אָפּפרישען, זיך באַנייען, אין דער ליכט פון דער אָריענטאַלישער זון זיך דערוואַרימען. זי לויפט אַהין — זיך צו רעטען פון דער אייראָפּייאישער איבערדריסיגקייט, פון וועלכער אַלע ווילען אַנטלויפען, פון וועלכער גערשענזאָן וויל אין טייך פון פאַרגעסענהייט זיך וואַרפען.

וואָס האָבען דען די דייטשען געפונען אין באַנזועלס׳ „אינדישער רייזע“ וואָס זיי לייענען זי מיט אַזאַ ניינעריגקייט ? די „אינדיענפאַרט“ איז ניט געשאַפען פון יענעם שטאָף וואָס מאַכט געוויינליך אַזאַ ווערק אָנציהענד פאַר אַ ברייטען עולם. זי האָט ניט קיין אינטערעסאַנטע שילדערונגען, קיין פאַקענדע עפּיזאָדען, קיין פאַרכאַפּענדע פאַסירונגען. די „אינדיענפאַרט“ איז ווייט פון צו זיין אַ גרויס אָדער אַפילו אַ באַדייטענד בוך. איהר בעסטע מעלה איז — אַ שעהנער, גראַציעזער סטיל. אָבער זי האָט אַ געוויסען טאָן, אַ געוויסע שטימונג, און די דאָזיגע שטימונג רעדט עס אַזוי שטאַרק צו דער היינטיגער דייטשער פּסיכאָלאָגיע.

ווי זאָל איך די דאָזיגע שטימונג אָנרופען ? איך וואָלט געזאָגט: באַנזעלס איז ניט געפאָהרען קיין אינדיען צוליב וואָס מען פאָהרט געוויינליך: צו זעטיגען וואַנדערלוסט אָדער שטילען די ניינעריגקייט די וועלט צו קענען. באַנזעלס איז געפאָהרען קיין אינדיען צוליב וואָס קיינער איז נאָך, דוכט זיך, קיינמאָל אין ערגעץ ניט געפאָהרען, נעמליך: זיך צו פיהלען קליין, צו פיהלען דעם פאַרגעניגען פון זיין שוואַך, שוצלאָז, בטל, צו שפּירען זיך אַלס אָרימע, נישטיגע באַשעפעניש אין מיטען פון אַ גרויסער, ריזיגער, איינשלינגענדער וועלט. ער איז געפאָהרען אַהין אַרונטערצוואַרפען פון זיך אַ שווערען יאָך, דעם יאָך פון זיין אַ גרויסער, דעם יאָך פון זיין — אַן אייראָפּייער.

זיין אַן אייראָפּייער איז אַמאָל געווען אַ פּריווילעגיע, שפּעטער — אַ פאַראַנטוואָרטליכקייט, היינט אַ לאַסט. ווי האָט דען דער אייראָפּייער שטענדיג גע=

קוקט אויף זיך? נאָך פון די גריכישע צייטען אָן האָט עס געהייסען: וואָס ניט אייראָפּייאיש איז באַרבאַריש. מענש צו זיין האָט געהייסען — אייראָפּייער צו זיין. און אין דעם דאָזיגען איינגעשמועסטען שטאָלץ האָט דער אייראָפּייער צופיעל געוואַגט. ער האָט געוואַגט — די גאַנצע וועלט אויף זיינע אייגענע פּלייצעס אַרויפצעוואַלגערן. די הערשאַפט איבער דער ערד און די הערשאַפט איבער די הימלען האָט ער אויף זיך אַליין גענומען. אַלע פעלקער באַזיגט, אַלע געטער אַרונטערגעוואָרפען. אַפילו געגען דער נאַטור האָט ער זיך אין אַ הערשערישער פּאָזע געשטעלט. ניטאָ קיין מעהר אָפטע פראַזע אין דעם אייראָפּייאישען רומ״ל ווי: „דער מענש האָט די נאַטור באַזיגט, זי איינגעשפּאַנט, זי געמאַכט פאַר זיין שקלאַף" א. א. וו. אַזוי פיעל אויף זיך אַליין געשטעלט, איז אייראָפּייער צו זיין אַ שווערע אחריות געוואָרען. ניט אומזיסט איז די אייראָפּייאישע פילאָזאָפיע זינט נאָך קאַנט'ן געוואָרען הויפּטזעכליך אַן עטישע, אָנשטאָט אַבסטראַקט-מעטאַפיזישע.

איז געקומען די מלחמה און האָט דעם אייראָפּייאישען וועלט-בנין אין אַש געלייגט. פון הויכען טראָן איז דער אייראָפּייער אין אַלע אָפּגרונטען געפאַלען. שטעהט ער איצט, דער געכטיגער קעניג און היינטיגער נאַר, מיט אַ חרוב'ער וועלט אויף זיינע הענט און ווייס ניט וואָס מיט דער לאַסט צו טאָן.

„שווער ביסטו, שווער, מאָנאָמאַכישע היטעל"...

ווילט זיך די דאָזיגע היטעל אַרונטערטרייסלען פון קאָפּ און מיט איהר דעם גאַנצען קאָשמאַר וואָס הייסט „אייראָפּאַ". לויפט מען מיט באָנזעלס'ן קיין אינדיען, דאָרט, אינמיטען פון אַ מעכטיגער נאַטור, פון דעם אייראָפּייאיזם זיך אָפּצוטוקען. די אייראָפּייאישע נאַטור איז אַ שטילע און רוהיגע, אָהן שטאַרקע ליידענשאַפטען, אָהן שאַרפע קאַפּריזען, אָהן מעכטיגע אויסבּרוכען. געגען איהר קען מען זיך נאָך אין אַ גאוה'דיגער פּאָזע שטעלען. אָבער די אינדישע נאַטור איז פורכטבאַר, איבערוועלטיגענד, מען קען אין איהר געהן נאָר מיט אַ געבויגענעם קאָפּ און אַ באַשיידענעם האַרצען. און דער מענש דאָרט לעבט ניט אין אַ צו'להכעיס'דיגער באַציהונג מיט איהר, נאָר איז אין איהר פאַרשמאָלצען, זיינע פריידען און ליידען אין איהר אויפגעלעזט, ווי די פריידען און ליידען פונ'ם קינד ווערען אויפגעלעזט אין דעם שויס פון דער מוטער.

„די וועלט און מיין לעבען זיינען איינס".

און אַהער איז עס באָנזועלס געפלויגען, זיך אויך צו טולען אין דעם שויס פון דער גרויסער מוטער און זיך פיהלען ווי אַ קינד וואָס בעט באַשיצונג, שוואַך, קליין, הילפלאָז, פאַרוואָרלאָזט...

אָט די דאָזיגע שטימונג הויכט עס אַרויס פון באָנזועלס' „אינדיענפאַרט". שוין די נעמען פון די קאַפּיטלען אַליין גיבען איבער עטוואָס פונ'ם אָטעם פונ'ם בוך: „דזשאָנגל לייט", „ביים טראָן פון דער זון" „אין דער מלוכה פון דער חיה", „זומפּ טיראַנען" — שווערע, אָפּשרעקענדע ווערטער. אָבער די גאַנצע פילאָזאָפיע פון דעם בוך ליגט אפשר אין אַ חלום־געשפּרעך וואָס דער שרייבער האָט מיט אַ ניי־געפונענעם חבר — אַן אינדישע מאַלפּע. דער שרייבער פרעגט, און אין דער פראַגע קלינגט גאַנץ אייראָפּאַ: „וואָס האָט איהר דען, מאַלפּעס, גרויסעס אויפגעטאָן?" און הוק, די מאַלפּע, ענטפערט, און אין דעם ענטפער ליגט די גאַנצע אינדישע ווייזהייט: „אַזוי קען נאָר אַ מענש פרעגען. אימער נאָך גלויבט איהר אַז איהר קענט עפּעס אויפטאָן, איהר קענט עפּעס צוגעבען צו דער נאַטור".

און דאַן ווייטער: „וואָס ווייסט איהר דען, מענשען, פון דעם לעבען פון די שטיינער?"

„איך וועל דיר פון די וועלדער דערצעהלען. פיעל קען איך ניט זאָגען, וואָרום די שעהנקייט פון די וועלדער איז אַזוי גרויס, אַז די געדאַנקען און ווערטער ווערען אַ חלום וואָס נעהנטער זיי קומען צו צו דער וואַרהייט"...

„איך וועל באַלד שטאַרבען און וויל דיר איבערלאָזען אַ ירושה — די בענקשאַפט נאָך די וועלדער"...

עס איז פאַראַן עפּעס זעהר פּאַטעטישעס, עפּעס טיעף טראַגישעס, אין אָט די שטראָף־רייד פון דער מאַלפּע, וועלכע דרשנ'ט דעם מענשען די שעהנע מידה פון באַשיידענקייט אַנטקעגען דער נאַטור. דער אייראָפּייער שטעהט דעם קאָפּ געבויגען און די מאַלפּע לייענט איהם אַ לעקציע אין וועלט־ווייזהייט — ניין, דאָס איז דער סאַמע שפּיץ פון טראַגיזם. עס דערמאָנט זיך ניט ווילענדיג וואָס העקעל האָט נאָך גאָר ניט לאַנג צוריק געשריבען אין זיין „וועלט־רעטעניש": פינף פראַגען, שרייבט ער, דוכט זיך, דאָרט, האָט דער מענש צו לעזען כדי צו דערגעהן דעם סוד פון דער וועלט; דריי זיינען שוין געלעזט,

איינע איז האַלב געלעזט און איינע איז אויפ'ן וועג געלעזט צו ווערען... פאַרטיג מיט זיי און דער מענש איז — אַלוויסענד, אַלמעכטיג, ער איז נאָט...

היינט שטעהט אַ בלויזע מאַלפּע אין די וועלדער פון אינדיען און קייכט פון נעלעכטער: „וואָס ווייסט איהר דען, מענשען, פון דעם לעבען פון די שטיינער", פרעגט זי, און „וואָס ווייסט איהר פון דער געהיימניספולער שעהנקייט פון די וועלדער?"...

ווער פון די צוויי איז גערעכט: העקעל אָדער הוק?

V

„דאַס רייזעטאַגעבוך איינעס פילאָזאָפען"

דאָס איז באַנזועלס דער דיכטער.

און וואָס טרייבט קייזערלינג'ן דעם פילאָזאָף אויף זיין רייזע אין דער וועלט אַרום?

„אייראָפּאַ גיט מיר מעהר נאָרניט — שרייבט ער אין זיין „רייזעטאַגעבוך איינעס פילאָזאָפען" — צו גוט באַקאַנט איז מיר שוין די דאָזיגע וועלט... און דאַן איז זי אין זיך אַליין אויך באַשרענקט. גאַנץ אייראָפּאַ איז אין תוך פון איין גייסט. איך וויל אין דער ברייטקייט אַרויסגעהן... וואו איך וועל פאַרגעסען מוזען פיעל פון דעם, וואָס איך האָב פריהער געוואוסט און בין געוועזן".

קייזערלינג דער פילאָזאָף דריקט נאָר אויס אין קלאָרע ווערטער דאָס וואָס באַנזועלס דער דיכטער הויכט אָן אין שטימונג. אייראָפּאַ איז איינג און לאַנגוויילינג געוואָרען, עס ווילט זיך אין דער גרויסער ברייטער וועלט אַרויס — זיך צו באַפרייען פון איהר, אַרויסצעוואַרפען זי פון זיך, אויסצושפּייען זי ווי ווייט מעגליך...

אייראָפּאַ איז באַשרענקט, זי איז אין גרונט גענומען פון איין גייסט — די דאָזיגע ווערטער געהערען צו דער טיעפסטער קריטיק איבער אייראָפּאַ. אמת, אַ קאָנטינענט אַ גאַנצער, לענדער און לענדערלעך פיעל, אָבער איבעראַל פּאָרט דערזעלבער פּראַק, דערזעלבער קראַגען און קראַוואַט. ווערען דאָך איבעראַל

דיזעלבע ביכער געליינט, דיזעלבע קונסט געשויט, דיזעלבע פּראָבלעמען דיסקוטירט, דערזעלבער רויך געצויגען. געוויס איז פאַראַן אַן אונטערשייד צווישען ענגלאַנד און פראַנקרייך, צווישען טאָלסטאָי און געטהע, צווישען דירער און לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי. אָבער דער אונטערשייד איז נאָר דער, וואָס צווישען די בלעטלעך אויפ'ן זעלבען בוים. קיינע צוויי בלעטלעך אויפ'ן זעלבען בוים זיינען זיך גלייך, אָבער דער שטאַם איז דאָך דערזעלבער. „מעין סטריט“ איז אמת ניט נאָר וועגען אַמעריקע נאָר אויך וועגען אייראָפּאַ. און וואָס נייער, וואָס מאָדערנער די „סטריט“ אַלץ מעהר טיפּיש איז זי, אַלץ מעהר געהט זי אַרונטער אונטער דעם אַלגעמיינעם שניט. די אייראָפּייאישע קולטור האָט די טענדענץ *אויסצוגלייכען*.

און אויסגלייכען הייסט — *פאַרפלאַכען*.

די אייראָפּייאישע קולטור איז פלאַך — אָט דאָס איז די גרויסע אַנטדעקונג און די גרויסע איבעררעשונג וואָס קייזערלינג געפינט ווען ער קומט אינ'ם אָריענט. „אין אינדיען האָט דער מענש זיינע ביז איצט טיעפסטע געדאַנקען געטראַכט“ — שרייבט ער. און — „אינ'ם אָריענט באַזיצט מען שוין זייט יאָהרהודערטען יענע וואַרהייטען וואָס אין אייראָפּאַ ווערען נאָך היינט אומזיסט געזוכט“. דאָס איז אַ פורכטבאַרער ודוי פאַר אַן אייראָפּייער. אין אָנהויב נייינצענטען יאָרהונדערט איז געטהע געשטאָרבען און האָט דעם נאָמען בודהא קיינמאָל ניט געהערט; אין אָנהויב צוואַנציגסטען יאָרהונדערט זיינען די כינעזער נאָר „לאַנג-צעפּיגע שדים“ געווען. היינט איז בודהיזם — דאָס טיעפסטע מענשליכע דענקען, און די כינעזער, אין די ווערטער פון קייזערלינג — דער העכסטער אידעאַל פון סאָציאַלער פאָלקאָמענהייט.

אין וואָס באַשטעהט דער גרויסער, דער גרונט-אונטערשייד צווישען אייראָפּאַ און אַזיען?

די צוויי וועלט-טיילען האָבען די טראָפּ אויף צוויי באַזונדערע זייטען פון דער מענשליכער נשמה געשטעלט... דאָס איז קייזערלינג'ס זין.

אייראָפּאַ האָט איהר בליק געהאַלטען געווענדט אויף דרויסען, אַזיען — אויף אינווייניג; די ערשטע האָט זיך פאַרטיעפט אין דער פיזישער וועלט, די אַנדערע—אין דער פסיכישער; יענע האָט זיך פאַרזונקען אין *זאַכען*, די—אין

דער נשמה; די ערשטע האט געלעבט לאגיש, די לעצטע פסיכאלאגיש...

האט אזיען מיט איהר מעטאד דערגרייכט דאס: זי לעבט איין שטופע טיעפער, א גאנצע שיכט ווייטער און גרינטליכער אין דעם וועזען פון דער וועלט ווי אייראפא...

טיעפער און דעריבער — רייכער...

שרייבט קייזערלינג:

„וואס מיך האט ביי אלעמען (די דאוונער אינ'ם אינדישען טעמפעל) באאיינדרוקט איז—א באוואוסטזיינסלאגע, וועלכע מאכט מעגליך אויפצופאסען אזעלכע ווירקליכקייטען, וואס דעם דורכשניטליכען וועסטלענדער באריהרען זיי ניט“.

און ווייטער:

„ווער עס ווילט אין דער ווירקליכקייט פון דעם הינדו דער באקומט איינפלוסען, האט ערפארונגען און איבערלעבונגען, וואס אנדערע קענען גארניט“.

דער אינדיער, הייסט עס, לעבט אין אן אנדער וועלט, אין אן אנדער ווירקליכקייט, פון וועלכער דער אייראפייער האט קיין שום באגריף ניט.

און פון יענער וועלט זיינער, דער טיעפערער, דער פסיכישער האט עס דער הינדו „די ביז איצט טיעפסטע געדאנקען“ פון דער מענשהייט ארויסגעשעפט... אט די באטאנונג קייזערלינג'ס פון דעם פסיכישען לעבען אין אינדיען געהער צו די ווערטפולסטע מאמענטען אין זיין גייסטרייכען ווערק. זי העלפט אונז, דורך קאנטראסט, בעסער צו פארשטעהן די אייראפייאישע שיטה. דער אייראפייער—ווערט אונז פלוצלינג קלאר—איז געגאנגען אין דער פארקערטער ריכטונג: בשעת דער הינדו האט זיך איינגאנצען איבערגעגעבען זיין פסיכאלאגישען לעבען, האט דער אייראפייער זיין פסיכאלאגיע זיך ניט געוואלט אנפערטרויען. פארקערט, ער האט סיסטעמאטיש געקעמפט, זיך עקשנות'דיג געוועהרט געגען איהר. מיר האבען אויבען געזאגט: די אייראפייאישע קולטור איז לאגיש. אבער וואס איז דען די לאגיק? וואס איז איהר גרונד-פרינציפ, איהר פילאזאפיע? איהר פילאזאפיע איז — אז אויף אונזערע געפיהלען, שטימונגען, איינדרוקען, אויף אונזער אינערליכען לעבען, אויף די עדות פון אונזערע חושים קען מען זיך ניט פארלאזען... זיי זיינען ניט טרוי-

ענטוועדט... זיי האָבן אַ טבע צו בלאָנדזשען... מען מוז האָבן אַ שיצער און שומר איבער זיי. און דער שומר איז נעשאַפן געוואָרן: די לאָגיק. אַפילו אין דער פּסיכאָלאָגישער וויסענשאַפט גופא האָט דער אייראָפּייער דעם לאָגישען און פיזישען פּרינציפּ אַריינגעטראָגען: אין דער פּסיכאָלאָגישער לאַבאָראַטאָריע — אָט די נייסטע אינסטיטוציע אייראָפּאַ׳ס — ווערט די מענשליכע נשמה אויפ׳ן גראַם געוואויגען, ווערט די מענשליכע זעלע מיט׳ן מעטער־שטאָק געמאָסטען...

איז פונ׳ם אייראָפּייאישען לעבען די נשמה אַוועק, איז דאָס אייראָפּייאישע לעבען געוואָרען טרוקען, האַרט, און — צוברעקעלט, אָהן אַ בינדענדען תמצית, אָהן אַ גרונט־געפיהל, אָהן אַ גרונט־שטימונג. דער אייראָפּייער לעבט נאָר מיט שטיקלעך געפיהל, מיט איינצעלנע, קליינע, פליכטיגע איינדרוקען: היינט פון אַ ראָמאַן, מאָרגען פון אַ בילד, איבערמאָרגען פון אַ טעאַטערשטיק, דעם נעכסטען טאָג פון אַ וויסענשאַפטליכען בוך. אָבער אַ געפיהל, אַ באַוואוסטזיין, וואָס זאָל אָט די אַלע איינצעל־מאָמענטען פאַרוועבען אין איין גאַנצען, קאָליררייכען געוואַנט, אַ פאָהן, אַנטקעגען וועלכער די אַלע קליינע מאָמענטען זאָלען זיך אָפּשפּיגלען — דאָס האָט דער אייראָפּייער ניט. דער רעליגיעזער מענש, צום ביישפּיל, האָט אַ גרונט־שטימונג וואָס נעהמט דורך זיין גאַנצען האַנדעל און וואַנדעל, וואָס אַ ל ץ אין דער וועלט זעהט ער פון איהר אַרוים; דער כראָניש־קראַנקער מענש האָט אַ שטימונג וואָס איז באַשטענדיג מיט איהם, און וואָס דרינגט דורך זיין יעדען לעבענס־שריט; אַ מענש וואָס איז איבער־וועלטיגט געוואָרען פון אַ גרויסער לעבענס־קאַטאַסטראָפע קריגט אַן אַנשויאונג וואָס בינדט פאַר איהם צוזאַמען די איינצעל מאָמענטען אונטער איין פאַרב. אָבער דער אייראָפּייער האָט ניט אַזאַ גרויסע, ברייטע, טיעפע, אומפאַסענדע שטימונג, וואָס ער זאָל ל ע ב ע ן. די אייראָפּייאישע קולטור א י י נ ע נ ט זיך נאָרניט דערצו. וואָס ניט דען די קאַנטישע פילאָזאָפיע, צום ביישפּיל, אָדער די בערגסאָנישע, אָדער דער דאַרוויניזם, אָדער די נוטאָנישע פיזיקע, אָדער דער איינשטיינישער רעלאַטיוויזם? העכסטענס אַ שטאַנדפּונקט, ווי אַזוי צו קוקען אויף דער וועלט. אָבער מען קען דאָך די קאַנטישע פילאָזאָפיע ניט ל ע ב ע ן, למשל, אָט אַזוי ווי דער רעליגיעזער מענש לעבט זיין רעליגיע!

און דער אייראָפּייער ערוואַרט עס גאָרניט פון זיין דיכטער, פון זיין קינ־

סטלער און דענקער. דער אייראָפּייער איז בכלל אַ חיה, וואָס איהר הויפּט־איינענשאַפט איז — נייגעריגקייט: ער וויל אַלץ זעהן, אַלץ הערען, אַלץ וויסען, אַלץ לעזען. אָבער האָט ער שוין אָבגעלייענט זיין דאָסטאָיעווסקי — ציפּרובירט ער די דאָסטאָיעווסקי־פילאָזאָפיע נאַכהער אויסלעבען? ניין, ער נעהמט צום נעכסטען שרייבער, און פון נעכסטען צום דריטען, און אַזוי ווייטער. געווען איין שרייבער אין אייראָפּאַ וואָס האָט געשאַפען אַ לעבענס־פילאָזאָפיע, און וואָס האָט געפּרואווט זיין פילאָזאָפיע צו לעבען—טאָלסטאָי. ווי האָט אייראָפּאַ אויף איהם געקוקט? ווי אויף אַ בייזוואונדער. און אויב גאָרקי'ס „ערונערונגען וועגען טאָלסטאָי" זיינען אַזוי פאַקטיש וואַהר ווי קינסטלעריש שעהן, דאַן איז עס ביי טאָלסטאָי'ן אַליין אויך נאָר געווען אַ שפּיל, אַ זשעסט, אַ מאַניער — אָריגינעל צו זיין. שרייבט דאָך טאָלסטאָי וועגען זיך אַליין: „איך האָב איהר (דער פאַרהונגערטער פרוי) געגעבען אַ רובל און איך געדענק, אַז איך בין געווען זעהר צופרידען וואָס *אנדערע האָבען עס געזעהן*"...

עס פעהלט אייראָפּאַ דאָס וואָס אַזיען פאַרמאָגט: אַ טיעפערע פּסיכאָלאָגיע. דעריבער פעהלט איהר לעבענס־אינהאַלט, לעבענס־זאַפט. אין די ווערטער פון קייזערלינג: אייראָפּאַ האָט געשאַפען *וויסען*, אַזיען — *וויזהייט*.

און *וויזהייט* איז — אינהאַלט, תוך; *וויסען* איז נאָר — מיטעל, מעטאָד.

און קייזערלינג איז געקומען צוריק פון זיין ווייטער נסיעה אין אָריענט און געבראַכט זיין וועלט־טייל די גרויסע לעקציע פון דער נשמה.

און האָט זיך אַליין געזעצט די דאָזיגע לעקציע מיט אייראָפּאַ צו קנעלען. אין דאַרמשטאַט, אין דייטשלאַנד, האָט ער אַ שולע געגרינדעט און איהר דעם אַזוי פיעל באַדייטענדען נאָמען געגעבען: „שולע דער וויזהייט".

זיצט דאָרט קייזערלינג, דער מענש מיט דער אייראָפּייאישער קולטור אייבערזעטיגט, און לערנט מיט זיינע תלמידים אויפ'ן שטיינער פון די אַלטע חכמים פון מזרח, און וויל דעם גייסט פון אַזיען אויפ'ן באָדען פון אייראָפּאַ פאַרפלאַנצען.

וואָס לערנט דאָרט דער מאָדנער רבי זיינע תלמידים?

„קיינער זאָל ניט ערוואַרטען — שרייבט קייזערלינג — אַז ער וועט שפּעטער

קענען באַקומען מיינע שול־פּאָרטראַגען צום לעזען. ווער עס וויל זיי הערען דער זאָל זיך באַמיהען אהער. דער וועג פון דער „שולע דער וויזהייט“ באַשטעהט גאַנץ אין פּערזענליכען אומגאַנג און איז דעריבער אומפּעהיג איבערגעטראָגען צו ווערען אין שריפט“...

עס איז אַ מערקווירדיגע שיטה: די לערע פון דער שולע לאָזט זיך ניט אַרונטערשרייבען... זי איז מעהר פון אַלץ — פּערזענליכער אומגאַנג, אָנגעהויכטע שטימונג, אַ שפּראַך פון האַרץ צו האַרץ, פון נשמה צו נשמה, אַ שפּראַך פון — שווייגען...

און דערמיט האָט קייזערלינג באַוויזען ווי טיעף ער האָט באַגריפען דעם אָריענטאַלישען, דעם אינדיש־בודהיסטישען גייסט. „און דער תּלמיד האָט זיך געווענדט צום גרויסען בודהאַ'ן — לויטעט ערגעץ אַ בודהיסטישע לעגענדע — און געזאָגט: גרויסער לערער, זאָג מיר עפּעס! און בודהאַ האָט געשוויגען. און ווידער האָט דער תּלמיד געבעטען: גרויסער נביא, זאָג מיר עפּעס! און בודהאַ האָט געשוויגען. און אַ דריטען מאָל — און בודהאַ האָט געשוויגען. ענדליך האָט דער תּלמיד פאַרשטאַנען און אַ גליקליכער שמייכעל האָט זיך צונאָסען איבער זיין געזיכט. און בודהאַ האָט אויך געשמייכעלט און האָט איהם שווייגענדיג דערלאַנגט אַ בלום...

טיעפקייט איז שטיל, די שפּראַך פון דער נשמה איז דבקות, שווייגען...

דאָס איז דער וועג פון דער וויזהייט, דאָס איז דער וועג פון אינדיען. ווענען ראַבינדראַנאַט טאַגאָר ווערט דערצעהלט, אַז יעדע נאַכט, מיט'ן מאָרגענשטערן, שטעהט ער אויף און פראַוועט צוויי שעה פאַרטיפונג אין שטילשווייגען. און איינמאָל, ווערט דערצעהלט, איז ער געפאָרען אויף אַ שיפעל און איז אַזוי ענטציקט געוואָרען איבער דער הערליכער נאַטור אַז ער איז אַרויס אויפ'ן ברעג און זיך פאַרזונקען אין אינערליכער קאָנטעמפּלאַציע. און אַכט שעה האָבען די שיפער ניט געקענט פאָרזעצען די רייזע...

צו אָט אַזאַ מדרגה האָט אינדיען געבראַכט דאָס שווייגען... און אייראָפּאַ?

אייראָפּאַ איז איין גרויסע ווערטער־מיל. וויפיעל עס ווערט עס דאָרט צורעדט און צושריבען! טאָג און נאַכט רוהען ניט איהרע דרוק־מאַשינען, טאָג און נאַכט הערט עס ניט אויף צו מבול'ן איבער דער אומגליקליכער מיט דרוק־פּאַפּיר. רייד, רייד! צו וועלכען צוועק? צו וועלכען זין?

און קייזערלינג האָט דעם ערשט
וויזהייט: ער האָט געגרינדעט אַ שולע
אָט דאָס איז די קייזערלינג'שע
דייטשלאַנד. עס זיינען דאָ נאָך אַנדער
ערנסט מוך, צום ביישפּיל. קייזערלינג ד
וויל דעם אינהאַלט, קייזערלינג זוכט בּי
לעזונג, מוך וויל בודהאַ'ן, בודהאַ'ן אָנש
איז אין דעם אויך פאַראַן אַ טיעפע
רען די רעליגיע, די אמת'ע רעליגיע, פון
ווערען? אפשר — שוין דערפאַר אַ
אהן אַ גאָט. פעסטעל, דער אַלטער
זאָגט אַ טיעף וואָרט. נאָט אין דער פילז
זעלבע וואָס די נול אין דער מאַטעמאַטיק
גאָרניט. אָט אַזאַ מין גאָט־נול איז דער
פייער, דעם אייבענען נאָט־לעסטערער, ד
איינציגער גאָט וואָס ער קען נאָך אָנגעה
די דאָזיגע אָריענט־שטימונג איז אָנ
לאַנד אַליין. צווישען די רוסען, וואו די
קיינמאָל ניט אויפגעהערט, האָט זי זיך ה
אַפילו קיין אַמעריקאַ האָט זיך די שטיל
סטריינדשער“ געפינט די אַמעריקאַנישע
אינ'ם אינדישען גייסט.
צוויי געטער־מענשען — צוויי געט
האָט אייראָפּאַ אַרויפגעקוקט צום קריס
ליידען צוקרימט, און האָט קיין ערלעזונג
ווייטען אָריענט, איז פאַראַן אַן אַנדער
אייבּיגען שמייכעל פון גליק און צופריד
ראָפּאַ איצט איהר בליק ווענדען. וועט
ווער ווייס? ווער ווייס וואָס פאַר
דאָ? וואָרום עס איז באַקאַנט, אַז איצט,

און קייזערלינג האָט דעם ערשטען שריט געמאַכט אויפ'ן וועג צו דער ווייזהייט: ער האָט געגרינדעט אַ שולע צו לערנען אייראָפּאַ — שווייגען...

אָט דאָס איז די קייזערלינג'שע פּאָזע פון דער אינדיען־שווערמעריי אין דייטשלאַנד. עס זיינען דאָ נאָך אַנדערע וואָרטפירער פון אַנדערע שטרעמונגען: ערנסט מוך, צום ביישפּיל. קייזערלינג האָט גענומען ביי אינדיען די פאָרמע, מוך וויל דעם אינהאַלט, קייזערלינג זוכט ביי איהר אנטרינונג, מוך זוכט דאָרט ערלעזונג, מוך וויל בודהאַ'ן, בודהאַ'ן אָנשטאָט קריסטוס.

איז אין דעם אויך פאַראַן אַ טיעפער זין. דאָס קריסטענטום איז ניט געוואָרען די רעליגיע, די אמת'ע רעליגיע, פון אייראָפּאַ, אפשר קען עס דער בודהיזם ווערען? אפשר — שוין דערפאַר אַליין וואָס דער בודהיזם איז אַ רעליגיע א ה ן אַ ג אָ ט. פעסטעל, דער אַלטער רוסישער דעקאַבריסט, האָט אַמאָל געזאָגט אַ טיעף וואָרט. נאָט אין דער פילאָזאָפיע — האָט ער געזאָגט — איז דאָס זעלבע וואָס די נול אין דער מאַטעמאַטיק. די נול — אָט איז זי אַלץ אָט איז זי גאָרניט. אָט אַזאַ מין גאָט־נול איז דער גאָט אינ'ם בודהיזם. און פאַר'ן אייראָפּייער, דעם אייבענען גאָט־לעסטערער, דעם אייבענען גאָט־לייקענער איז עס דער איינציגער גאָט וואָס ער קען נאָך אָננעהמען מיט אַביסעל זעלבסטווירדע.

די דאָזיגע אָריענט־שטימונג איז אָבער ניט כאַראַקטעריסטיש פאַר דייטשלאַנד אַליין. צווישען די רוסען, וואו די באַוועגונג פון די „יעווראַזייצעס" האָט קיינמאָל ניט אויפגעהערט, האָט זי זיך היינט באַנייט מיט פרישער קראַפט. און אַפילו קיין אַמעריקאַ האָט זיך די שטימונג פאַרטראָגען. אין דעם ראָמאַן „די סטריינדשער" געפינט די אַמעריקאַנישע העלדין איהר תקון דורך אַן אינדיער, אינ'ם אינדישען גייסט.

צוויי געטער־מענשען — צוויי געטער־געזיכטער: ניינצעהן הונדערט יאָהר האָט אייראָפּאַ אַרויפגעקוקט צום קריסטוס־געזיכט, אַ געזיכט אין קוואַלפולע ליידען צוקרימט, און האָט קיין ערלעזונג דאָרט ניט געפונען. אין אינדיען, אינ'ם ווייטען אָריענט, איז פאַראַן אַן אַנדער גאָט־מענש־געזיכט, אַ געזיכט אין אַן אייביגען שמייכעל פון גליק און צופרידענקייט פאַרגליווערט. אַהער זאָל אייראָפּאַ איצט איהר בליק ווענדען. וועט זי דאָ איהר ערלעזונג געפינען?

ווער וויים? ווער וויים וואָס פאַר אַ היסטאָרישע שפּיל עס פאַרקניפּט זיך דאָ? וואָרום עס איז באַקאַנט, אַז איצט, בשעת אייראָפּאַ וויל זיך אַזיאַטיזירען,

איז כמעט די גאַנצע אַזיאַטישע יוגענד אַרומגעכאַפּט אין אַ באַוועגונג זיך צו אייראָפּייאיזירען. אייראָפּאַ האָט פריהער אָנגעשטעקט אַזיען מיט איהר קראַנקהייט און איצט געהט זי אַהין זוכען היילונג און באַנייאונג פון קרעפטען. איבער וועלכען זאָנדערבאַרען שפּיל הויבט דאָ די געשיכטע אויף דעם פאָרהאַנג ?

אומבאַ

אין דער ליטעראַטור זיינען זיי שו
דיאַנישע" העלדען, מיט די אומבאַפריי
לאָזען זיך דאָך ניט אונטערדריקען אוי
זיך דורכצורייסען אויף דרויסען און זי

אין דער אידישער ליטעראַטור, די
די דאָזיגע העלדען זייער אייגענעם, זייי
דינען דאָס וואָס קען ניט באַפרידינט ווי
מיטעל פון ריידען. ווי זאָגט די
דער ווייב: האָבען מיר נישט קיין
פון פיש.

בלויז אויף דער אידישער גאַס, אַ
קליינעם שטעדטעל, וואו דאָס קרעהען כ
דאָס קלאַפּען אויף דעם שמיד'ס קאָוואַ
„נאָך אַלעמען")—בלויז דאָ האָט געקענ
פון פיש האָט נעקענט ביי איהם פאַרנ

אַזעלכע „מויל העלדען" זיינען דאָ
ביי זיי, ביי די אומות העולם, וואָלט דע
ברויזענדער איננעל-נאַטור זיין אויסדרוכ
אין דורכקרייצען ימים, אין אויפבויען ר
צאַמען אַן אַפריקאַנישען קאָנטינענט, ז
אָנהויבען אַלס אַן אָרימער איננעל און
טער און ווייטער. אידישע אינגלאַך אָ
מין: פּריק'עס אינגלאַך שטעהען פאַר
רייכען וואַרשעווער מאַגאַזין, הונגעריגע
נוזמאות איבער דעם רייכטום פון זייער
האָט אַ סך בריליאַנטען; און מיין פ

אומבאפרידיגטע

אין דער ליטעראַטור זיינען זיי שוין לאַנג באַקאַנט געווען, אָט די „פּרויִ־דיאַנישע" העלדען, מיט די אומבאַפרידיגטע, אונטערדריקטע פאַרלאַנגען, וואָס לאָזען זיך דאָך ניט אונטערדריקען און געפינען זיך קרומע, פאַרדרעהטע וועגען זיך דורכצורייסען אויף דרויסען און זיך זעטיגען.

אין דער אידישער ליטעראַטור, די ליטעראַטור פון אונטעטיגקייט, האָבען די דאָזיגע העלדען זייער אייגענעם, זייער אידישען מיטעל ווי אַזוי צו באַפרידיגען דאָס וואָס קען ניט באַפרידיגט ווערען אויף אַ ממשות׳דיגען אופן: דאָס מיטעל פון ר י י ד ע ן. ווי זאָגט דאָרט שלום־עליכם׳ס שבועות־העלד צו דער ווייב: האָבען מיר נישט קיין פיש טאָ לאָמיר כאָטש ר י י ד ע ן פון פיש.

בלויז אויף דער אידישער גאַס, אויף דער גאַס פון דעם פאַרשלאָפענעם קליינעם שטעדטעל, וואו דאָס קרעהען פון אַ האָהן איז געווען אַ פּאַסירונג, און דאָס קלאַפּען אויף דעם שמיד׳ס קאָוואַדלע — אַ געשעהעניש (בערגעלסאָנ׳ס „נאָך אַלעמען")—בלויז דאָ האָט געקענט געמאָלט זיין אַ העלד וואָס ר י י ד ע ן פון פיש האָט געקענט ביי איהם פאַרנעמען דעם פלאַץ פון ע ס ע ן פיש.

אַזעלכע „מויל העלדען" זיינען דאָ אַ סך אין דער אידישער ליטעראַטור. ביי זיי, ביי די אומות העולם, וואָלט דער געזונטער, העפטיגער דראַנג פון דער בּרויזענדער איננעל־נאַטור זיין אויסדרוק געפונען אין רייזעס צום נאָרד־פּאָל, אין דורכקרייצען ימים, אין אויפבויען ראָבינסאָן־קרוזאָ־ציוויליזאַציעס, אין איינ־צאַמען אַן אַפריקאַנישען קאָנטינענט, אין באַזיגען אינדיאַנישע שבטים, אין אָנהויבען אַלס אַן אָרימער איננעל און ענדיגען אַלס אַ לינקאָלן און אַזוי זוי־טער און ווייטער. אידישע איננלאַך אָבער זיינען ניט קיין העלדען פון דעם מין: פּריץ׳עס איננלאַך שטעהען פאַר דעם העל־ליכטיגען פענסטער פון אַ רייכען וואַרשעווער מאַגאַזין, הונגעריגע, דערפרווירענע און קוויקען זיך מיט נוזמאות איבער דעם רייכטום פון זייערע פעטערס און מומעס: „מיין מומע האָט אַ סך בריליאַנטען; און מיין פעטער פאָרט אַרוים אויף פיער פערד

נאַשפּיץ״. און אַליין באַשליסט מען אַז מען דאַרף לויפען: עס איז ווארימער אַז מען לויפט.

רייזינ׳ס לערערל, וואָס וואוינט אַליין אין אַ פינסטערען, אָרימען צימער, אָהן ליכט און אָהן לופט, זעטינט זיין בענקשאַפט נאָך אַ באַקוועמער, אַנשטענדיגער דירה דערמיט וואָס ער רעדט זיך איין, אַז פּיים גביר אין הויז, וואוהין ער קאָן אַפילו ניט חלומ׳ען ווען עס איז אַריינצוקוקען, געפינען זיך ניט ווענינער ווי צוואַנציג צימערען. ער אַמפּערט זיך מיט דער גאַנצער וועלט, אַז נאָר צוואַנציג און ניט אַנדערש ווי צוואַנציג. ער לאָזט קיינעם דערפון נאָרניט אַראָפּנעמען: וואָס מעהר חדרים דער גביר האָט אַליץ באַקוועמער וועט איהם, דעם לערערל, זיין איינגע תפיסה זיין.

אַ קלאַסישער ביישפּיל פון אָט דעם מין טיפּען אין דער ניט־אידישער ליטעראַטור איז נאָרקי׳ס העלדין אין „באָליעס״, די אַלטע קראַנקהאַפטע מיידעל, וואָס האָט זיך אויסגעפאַנטאַזירט אַ חתן, צו וועלכען זי שרייבט בריף און פון וועלכען זי אַליין שרייבט די ענטפערס צו זיך.

דאָס איז אַ כאַראַקטעריסטישער העלד אין דער מאָדערנער ליטעראַטור. דער אַלטער ליטעראַטור איז ער ניט באַקאַנט. אַמאָל איז די מענשליכע נאַטור פשוט׳ער געווען, די באַדערפנישען איינפאַכערע, נעהענטער צו דאָס וואָס פּראָפעסאָר טהאָרנדייק רופט אָן די „אָריגינעלע נאַטור פון דעם מענשען״. דעריבער איז עס גרינגער געווען זיי צו באַפרידיגען. זייער באַפרידיגונג איז געלעגען אין דער נאָהענטער אומגעבונג, אין דער באַלדיגער סביבה. זיינען די אַמאָליגע דורות געזינטער געווען. היינט אָבער, אין אונזער ציוויליזאַציע פון אייזען, קאָן זיך די צאַפּעלדיגע מענשליכע נשמה ניט אויסבעטען ווייך און באַקוועם. איהרע פאַרלאַנגען ווערען ניט באַפרידיגט, איהרע באַדערפנישען — ניט געזעטיגט, איהרע אימפּולסען — געשטיקט. דעריבער די קרענקליכקייט, די אומצופרידענקייט, דאָס „נערוואָזיטעט״ פון דעם מאָדערנעם מענשען: דעריבער די דעקאַדענץ פון דער מענשליכער פּערזענליכקייט.

פון דער ליטעראַטור איז דער נייער טיפּ מענש, דער קרענקליכער, דער אונבאַפרידיגטער, אַריבערגעגאַנגען אַלס סוביעקט אין דער פּאָליטישער פילאָזאָפיע. דער ענגלישער געלערטער און פּאַרלאַמענטאַריער גרעהעם וואללאס איז, דוכט זיך, דער ערשטער געווען וואָס האָט אָנגעוויזען, אַז אונזער גאַנצע

פּאָליטישע פילאָזאָפיע דאַרף איבערגעשאַצ
פּראָדיאַנישען טיפּ. די היינטיגע געזעלשאַ
געריק, „די מענשליכע נאַטור אין דער פּאָל
— ליידט פון דאָס, וואָס ער רופט אָן „ב
גינגען, פאַרלאַנגען פאַר וועלכע דער וועג:
מענש לעבט בכלל ניט אין זיין אומגעבו
געטריבען געוואָרען. אַנטשטאַנען איז דער
טראָפּישען ערד־גאַרטל. ער איז דעריבער
אָנגעפּאַסט פאַר די טראָפּישע אָדער סו
דאָרט האָט ער מיליאָנען יאָהרען געלעבט,
אָבער חיות און קראַנקהייט האָבען איהם
ווארימער, שפּעדינער היים. זיי האָבען אי
דרום, אונטער נייע קלימאַטען. זיין פלאַס
געמאַכט פאַר איהם ווי עס איז צו דערהאַל
אומגעבונג. דער רעזולטאַט איז — די צי
זיין אָריגינעלער כאַראַקטער איז אונטער די
פּרעמד״. פאָלגליך די אייביגע דיסהאַרמאָני
מענש און וועלט.

דעריבער איז די ציוויליזאַציע אין גר
שטאַנד, אַ קראַנקהייט, אַן אייביגער קריזיס.
וואָס די אינווענינסטע מענשליכע נאַטור און
אינדוסטריעלער געזעלשאַפט שטימען ניט,
נאָר אַ טרונע־דעקעל, וואָס שטיקט אונזער
סענדע אימפּולסען.

די באַפרייאונג פון דער מענשליכער נאַ
איז — אָט דאָס איז דער געשריי פון אונ
איהר גרויסער לאָזונג. צום ווידערשפּרוך וואָ
ווילדער מענשליכער נאַטור און זיין ציוויליזיר
אַנדערע, קינסטליכע צוואַנגען. דאָס יודענטו
אַלע רעליגיאָנען פון דער וועלט, האָבען די

פּאָליטישע פילאָזאָפיע דאַרף איבערגעשאַצט ווערן אין דער ליכט פון אַט דעם פּראָדיאַגישען טיפ. די הײַנטיגע געזעלשאַפט — איז זײַן טעזיס אין זײַנע צוויי ווערק, „די מענשליכע נאַטור אין דער פּאָליטיק“ און „די גרויסע געזעלשאַפט“, — ליידט פון דאָס, וואָס ער רופט אָן „באַלקד דיספּאָזישאָנס“, געצאַמטע נייגינגען, פאַרלאַנגען פאַר וועלכע דער וועג איז פאַרשטעלט. דער ציוויליזירטער מענש לעבט בכלל ניט אין זײַן אומגעבונג. ער איז פון זײַן גן-עדן אַרויסגעטריבן געוואָרן. אַנטשטאַנען איז דער מענש, לויט אַלע סימנים, אין דעם טראָפּישען ערד-גאַרטל. ער איז דעריבער געשאַפן מיט אַ נאַטור וואָס איז אָנגעפּאַסט פאַר די טראָפּישע אָדער סוב-טראָפּישע וועלדער און הייהלען. דאָרט האָט ער מיליאָנען יאָהרען געלעבט, אַ ווילדע, אַן אונציוויליזירטע בריאה. אָבער חיות און קראַנקהייט האָבען איהם סוף כל סוף פאַרטריבען פון זײַן וואַרימער, שפּע'דיגער היים. זיי האָבען איהם געטריבען ווייטער, אין צפון און דרום, אונטער נייע קלימאַטען. זײַן פלאַסטישע אינטעליגענץ האָט עס מעגליך געמאַכט פאַר איהם ווי עס איז צו דערהאַלטען זיך בײַם לעבען אין דער נייער אומגעבונג. דער רעזולטאַט איז — די ציוויליזאַציע. אָבער זײַן עצם-נאַטור, זײַן אָריגינעלער כאַראַקטער איז אונטער די נייע הימלען געבליבען אין „דער פרעמד“. פאָלגליך די אייביגע דיסהאַרמאָניע, דער אייביגער דיסאָנאַנס צווישען מענש און וועלט.

דעריבער איז די ציוויליזאַציע אין גרונד גענומען אַן אונגאָרמאַלער צושטאַנד, אַ קראַנקהייט, אַן אייביגער קריזיס. דער קריזיס באַשטעהט אין דעם, וואָס די אינוועניגסטע מענשליכע נאַטור און די דרויסענדיגע פאָרמע פון אונזער אינדוסטריעלער געזעלשאַפט שטימען ניט, פּאַסען זיך ניט, און די לעצטע איז נאָר אַ טרונע-דעקעל, וואָס שטיקט אונזערע לעבעדיגע, וויבּרירענדע, זיך רייסנדע אימפּולסען.

די באַפרייאונג פון דער מענשליכער נאַטור, איהר רעכט צו זײַן דאָס וואָס זי איז — אַט דאָס איז דער געשריי פון אונזער צייט, איהר גרויסע פאָדערונג, איהר גרויסער לאָזונג. צום ווידערשפּרוך וואָס איז לכתחילה פאַראַן צווישען דער ווילדער מענשליכער נאַטור און זײַן ציוויליזירטער סביבה קומען נאָך צו אַלערליי אַנדערע, קינסטליכע צוואַנגען. דאָס יודענטום און דאָס קריסטענטום, פּאַקטיש אַלע רעליגיאָנען פון דער וועלט, האָבען די מענשליכע נאַטור פאַרגוואַלטיגט.

„כּי יצר לב האדם רע מנעוריו“ — אַז דאָס מענשליכע האַרץ איז שלעכט — איז אַן אַלטער פּסוק אין חומש. דאָס קריסטענטום, איבערהויפּט אין זיינע אַסקעטישע פאָרמען, איז אַ פולע פאַרניינונג פון דער מענשליכער נאַטור. דער קערפּער איז נאָר אַ נעסט פון זינדיגע פאַרלאַנגען; די וועלט אַ פּלאַץ פון זינדיגע נסיונות; דער גאַנצער מענש — אַ געפאַלענער. דערפילען די פאַרלאַנגען הייסט זיך אָפּגעבן דעם טייפעל.

ערשט אונזער צייט האָט אָנגעהויבן באַטראַכטען די מענשליכע נאַטור ניט אַלס אַ גוטע אָדער אַ שלעכטע זאַך, נאָר פשוט אַלס — נאַטור. דער זיבעצעהנטער און אַכצעהנטער יאָהרהונדערט, די ראַציאָנאַליסטישע יאָהרהונדערטען, האָבען באַפרייט די פיזישע נאַטור. זיי האָבען זי עמאַנציפּירט פון געטליכער אַריינמישונג, פון גייסטער, גוטע און שלעכטע. דאָס ניינצעהנטע יאָהרהונדערט, מיט זיין רעליגיעזער און פּאָליטישער עמאַנציפּאַציע, האָט באַפרייט דאָס מענשליכע געוויסען. דאָס צוואַנציגסטע יאָהרהונדערט האָט זיך געשטעלט אַלס אויפגאַבע — די באַפרייאונג פון דער מענשליכער נאַטור.

די גרויסע לעקציע וואָס אונזער צייט האָט צו לערנען איז, אַז די מענשליכע נאַטור איז קודם כּל — נאַטור. נאַטור פּונקט אַזוי ווי די פיזישע, די כעמישע, וועלכע מוז אויספאָלגען, בלייבען געטריי איהרע געזעצען. פּרובירט דער מענש אומגעהן אונפאָרזיכטיג מיט די פיזישע און כעמישע געזעצען, איז דער רעזולטאַט פאַר איהם קאַטאַסטראָפיש. דאָסזעלבע געשעהט ווען די מענשליכע נאַטור לעבט זיך ניט אויס לויט איהרע געזעצען. דער רעזולטאַט איז ווידער — קאַטאַסטראָפיש. אַ רעוואָלוציע, אַ געזעלשאַפטליכער אויפשטאַנד איז אין תּוך קיין אַנדער זאַך ווי אַן עקספּלאָזיאָן פון די כעמישע שטאָפען פון דער מענשליכער נאַטור — אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקען, — וואָס שטימען ניט. און נעהמט מען אָן אַזאַ בליק אויף דער מענשליכער נאַטור דאַן טרעט מען צו צו דער לעזונג פון די פּראָבלעמען פון אונזער צייט מיט אַ גאַנץ אַנדער מאַסשטאַב אין דער האַנט. די ערשטע אויפגאַבע ווערט — צו דערגעהן, קודם כּל, וואָס איז אַזוינס די מענשליכע נאַטור. די פאַרשיידענע רעליגיאָנען מיט זייערע פאַרטיגע פילאָזאָפישע פאָרמולעס וועגען דעם מענשען האָבען נאָר פאַרשטעלט דעם וועג צום אמת׳ען מענשען, צו זיין האַרץ, צו זיין נשמה. און גוט האָט געטאָן די מאָדערנע פּסיכאָלאָגיע און די מאָדערנע סאָציאָלאָגיע וואָס האָבען מיט

איין מאַך מיט דער האַנט אַוועקגעשאַרט אָט די אַלע אַלטע קאָנצעפּציעס און פאָראורטיילען וועגן דעם מענשען, און זיינען צוגעטראָטען צו שטודירען דעם מענשען, צו דערגרונטעווען זיין נאַטור, אָט אַזוי ווי ער וואָלט ערשט נעכטען נעבאָרען געוואָרען. די אויפגאַבע איז אַ ריזיגע, אַ גראַנדיעזע. עס איז דעם מענשען פיעל שווערער צו שטודירען ווי די נאַטור. וואָרים די נאַטור לאָזט זיך אריינגעהמען אין אַ לאַבאָראַטאָריע און לאָזט אויף זיך עקספּערימענטירען. מיט דעם מענשען קען מען עס קוים טאָן. איבערהויפּט וואָס אַנבאַלאַנגט דעם מענשען אין זיין *געזעלשאַפטליכער* נאַטור, דער מענש אַלס אַ טייל פון כּלל, — דאָס האָט שוין דזשאָהן מילל אויף אייבּיג פאַראורטיילט אַלס אַן אונמעגליכקייט. דעם איינצעלנעם מענשען אָבער איז עס ווי-עס-איז געלונגען צו מאַכען פאַר אַ סוביעקט אין דער לאַבאָראַטאָריע. דאָס איז דער פאַרדינסט פון דער עקספּערימענטאַלער פּסיכאָלאָגיע. דאָס ערשטע סאָלידע וויסען וועגען דער מענשליכער נאַטור, אַ וויסען אויף וועלכען מען קאָן בויען, רעכענען מיט אַ גרויסען גראַד פון מאַטעמאַטישער פּינקטליכקייט, — דאָס האָבען מיר איהר צו פאַרדאַנקען.

און איינמאָל איז די מענשליכע נאַטור וויסענשאַפטליך פעסטגעשטעלט דאַן ווערט דאָס געזעלשאַפטליכע פּראָבלעם אַרונטערגעבראַכט בלויז צו דעם: צוצופּאַסען גענוי די אויסערליכע לעבענס-באַדינגונגען צו די געזעצען פון דער מענשליכער נאַטור.

דאָס דאַרף זיין די אויפגאַבע פון דער נייער שטאַטס-פילאָזאָפיע.

און זעהר קלוג באַמערקט טאַקע אין איין אָרט דער זעלבער גרעהעם וואַלאַס: די פראַגע פון סאָציאַליזם, צו נעמען איין ביישפּיל פון אַ סך, איז סוף כּל סוף ניט אַ פראַגע פאַר פאַרלאַמענטען, נאָר פאַר דער לאַבאָראַטאָריע. איז דער פּריוואַט-אייגענטום-פאַרלאַנג אַן איינגעבאָרענער מענשליכער אינסטינקט אָדער אַ געזעלשאַפטליכער פּראָדוקט? אין לעצטען אַנאַליז קאָן דאָ נאָר די פּסיכאָלאָגישע וויסענשאַפט געבען אַן ענדגילטיגען ענטפער.

אין זיין אייביגען ווידערשפּרוך מיט זיין אומגעבונג וואָלט דער מענש אפשר אונטערגעגאַנגען פונקט ווי אַנדערע חיות וואָס ווערען אַריבערגעבראַכט אין אַ פיינדליכער אומגעבונג, ווען ניט אָט די פעהיגקייט, וועגען וועלכער מיר האָבען גערעדט פריהער, די פעהיגקייט זיך אָבצוגאַרען, זיך צו

באַפרידיגען אויף קרומע, אומדירעקטע וועגען, זיך צו באַנוגענען מיט ר י י ד ע ן פון פיש ווען צום ע ס ע ן איז קיין פיש ניטאָ. די דערהויבונג, די „סובלימאַציע“ פון אינסטינקטען, הייסט עס אויפ׳ן פּסיכאָלאָגישען לשון.

ווילִיאַם דזשיימס, דער גרויסער אַמעריקאַנישער פּסיכאָלאָג, האָט געפּרואווט דעם דאָזיגען געדאַנק אָנווענדען אויף דעם פּראָבלעם פון אָפּשאַפען מלחמות. זיך שלאָגען, האָט ער געהאַלטען, און מיט איהם פּאַקטיש אַלע פּסיכאָלאָגען, איז אַן איינגעבאָרענער אינסטינקט. דעריבער וועלען מלחמות זיין, ניט קוקענדיג אויף אַלע פרידליכע טראַקטאַטען און אינטערנאַציאָנאַלע געריכטען. זיי מוזען זיין — ווייל דער מענשליכער שלעגערישער אינסטינקט מוז געפינען אַ באַפרידיגונג. אָבער — האָט ער ווייטער געזאָגט — דער שלעגערישער אינסטינקט קען זיין אויסדרוק געפינען ניט דווקא אין מלחמות פון מענש מיט מענש: ער קען „סובלימירט“, דערהויבען ווערען, אָפּגעקירעוועט ווערען, אַזוי צו זאָגען, אין מלחמות מיט דער נאַטור. דעריבער האָט ער רעקאָמענדירט, אַז אָנשטאַט דאָס יונגע לייט ווערען גערופען אין דער אַרמיי צו לערנען די קונסט פון מענשען-שעכטעריי, זאָלען זיי גערופען ווערען אין אַן אַרמיי פון אַרבייט, פון בויען גרויסע בריקען, איסלעגען אייזענבאַהנען און שליאַכען, קירעווען טייכען, האַקען וועלדער, פּלאַנצען וועלדער, א. ז. וו. דער איבערפלוס פון דער שלעגערישער ענערגיע וועט אויף אַזאַ אופן אָפּלויפען אין קאַנאַלען פון געזעלשאַפטליכער בויאונג, אָנשטאַט געזעלשאַפטליכער פאַרניכטונג. עס וועט זיין „אַ מאָראַלישער עקוויוואַלענט צו מלחמות“.

אָט דער געדאַנק פון סובלימאַציע, פון קענען אָבקירעווען אַן אינסטינקט אין אַן אַנדער ריכטונג, איהם באַפרידיגען אויף אַן אינדירעקטען אופן, — דאָס, שיינט מיר, איז דער וויכטיגסטער בייטראַג פון אונזער צייט צו דער קענטניש פון דער מענשליכער נאַטור. ער ענטדעקט אַ מערקווירדיגע רפואה צו דער ציוויליזאַציאָנס-קראַנקהייט. אָבשאַפען די קולטור, צוריקקערען דעם מענשען צו זיין פּרימיטיווען צושטאַנד — דאָס איז ניט מעגליך. אָבער באַשאַפען אַ האַרמאָניע צווישען דעם מענשען און זיין ציוויליזירטער אומגעבונג, דאָס קאָן שוין מעגליך זיין. עס ווערט אַן אַרבייט פאַר אונזער שטאַאַטס-לערע. זי דאַרף זיין אַזוי קלוג, אַזוי ווייט און טיעף-זיכטיג אַזוי צו אָרדנען אונזער לעבען, אַז אַלע אונזערע אינסטינקטען זאָלען ניט דערשטיקט נאָר סובלימירט ווערען. די שטאַאַטס-

לערע ווערט דעמאָלט אַ קונסט. ניט אַן אַרבייט פאַר „פּאָליטישענס“, נאָר, ווי פלאַטאָ האָט געטרוימט, פאַר פילאָזאָפען.

דערווייל איז נאָך דער דאָזיגער אידעאַל ווייט, דעריבער איז די ציוויליזאַציע אַ קראַנקהייט און די מענשהייט — אַ קראַנקע.

און אונזער דור, דער ציוויליזירטסטער — דער קראַנקסטער.

פון דער אידישער ליטעראַטור

די דיכטונג פון יהואש

I

יהואש פאַרנעמט אין דער אידישער פּאָעזיע אַן אייגענאַרטיגען פּלאַץ: ער איז איהר דיכטער פון שעהנקייט. ווען מען זאָל װעלען אָפּכאַראַקטעריזירען די אידישע פּאָעזיע מאַלעריש, אין קאָלירען, ווי דאָס װאָלט אַ מאַלער געטאָן, װאָלט זי, דוכט זיך, אַרויסגעקומען אין איין קאָליר, אין איין פאַרב: גרוי. גרוי איז דאָס אידישע לעבען און גרוי איז דעריבער זיין געזאַנג. גרוי איז אויך דאָס װאָרט, וואָס באַגעגענט זיך אָם אָפטעסטען אין דער אידישער פּאָעזיע. דער הימעל פון דעם אידישען דיכטער איז אַן אייביג פאַרוואָלקענטער געווען.

אַנטקעגען אָט דער פאָהן פון גרויקייט, ווען מען שטעלט אַוועק די ווערק פון יהואש, באַקומט זיך מיט אַמאָל אַ קאָנטראַסט, אַ קאָנטראַסט פון ליכטיגקייט און פאַרבען-שפּיל. יהואש האָט זיין פעדער ניט בלויז אין װאָלקען געטונקען. ער האָט זי געטונקען אין זונען-אויפגאַנגען און זונען-אונטערגאַנגען, אין דעם שימער פון שטערען און דימענט-שטויבען פון שניי, אין די שפּריצען פון ליכטיגען שוים און אין „טראָפּענס וואָס האַלטען גילדערנע זונען געפאַנגען".

און וואָס מיט פאַרב און קאָליר, דאָס איז אויך מיט טאָן און קלאַנג אין יהואש'ס לידער. װען מען זאָל װעלען אָפּכאַראַקטעריזירען די אידישע פּאָעזיע מוזיקאַליש, ווי דאָס װאָלט אַ מוזיקער געטאָן, װאָלט ער זי אויסגעדריקט אַלס פאָלקס-מאָטיוו. אַ פאָלקס-מאָטיוו מיט זיין פּשטות, מיט זיין אינטימען חן, מיט זיין קאַרגער גאַמע פון טענער. אַנדערש איז יהואש'ס מוזיק. צוזאַמען מיט'ן שטילען טאָן פון דער פאָלקס-לעגענדע הערט זיך אין איהר דאָס הילכען פון דונער-קנאַלען, דאָס װאָיען פון שניי-שטורעמס און דאָס שווייגען פון טיטאַנענבערג. יהואש'ס מוזיק איז — סימפאָניש.

אין אַנדערע ווערטער, יהואש אין דער אידישער פּאָעזיע איז פריהער פון אַלץ דער דיכטער פון פאַרב, טאָן, פאָרמע. דריי מאָטיווען האָט די אידישע

פּאָעזיע ביז איצט באַזונגען: דעם נאַציאָנאַלען, דעם פּראָלעטאַרישען און דעם מאָטיוו פון פּערזענליכען ליידען. ביי יהואש'ן טרעט אַרויס אַ פערטער, אַ נייער: דער מאָטיוו פון שעהנקייט, די פרייד פון שעהנקייט אין זיך אַליין, אָהן ריקזיכט אויפ'ן מענשליכען לעבען, די שעהנקייט, ווי עס באַגעגענט זי אויג און אויער אין פעלד, וואַלד און בלום, אין דער גרויסער ברייטער וועלט.

און וואַנדערט מען אַביסעל צווישען די לידער פון יהואש, ווערט קלאָר, פאַרוואָס ער איז פריהער פון אַלץ אַ דיכטער פון וויזועלער שעהנקייט, פון בילד, פאַרב און קלאַנג. פון אַ סך שורות אין יהואש'ס ווערק קומט אונז די אורזאַך אַנטקעגען. אויף טריט און שריט באַגעגענען זיך בילדער און אויסדריקען, וואָס ווייזען אויף אַ וואונדערליך צאַרטער עמפינדליכקייט, אויף אַ מערקווירדיגער פאַר־פיינערטקייט פון חושים. יעדער דיכטער, ווייל ער איז דיכטער, איז צאַרט און עמפינדליך. יהואש אָבער צייכענט זיך אויס פון אַלע אַנדערע דיכטער: ער איז איבער־סענזיטיוו, איבער־עמפינדליך. עס איז ווי זיינע חושים, זיין אויג, אויער, נאָז, זיין חוש פון טעם און טאַפּען, וואָלטען באַזעסען אַן איבער־קראַפט. זיי האָבען די שאַרפקייט און דעם גלאַנץ פון אַ חלף. אין דעם פּרט איז יהואש גאַנץ מערקווירדיג. ער איז ווי אַ צאַרט וויברירענדער אינסטרומענט, אויף וועלכען עס קען ניט פאַרלאָרען געהן קיין הויך, קיין טאָן, קיין שאַטירונג פון פאַרב און קלאַנג. אויף אַזעלכע חושים מוז זיך די שעהנקייט פון דער וועלט אַרויפדרינגען און אָפּקלינגען.

אָט איז אַלס ביישפּיל אַ פּערז, גענומען פון דעם ליעד „פון די קעטסקיל־בערג“:

אין מערב נידעריג געהאַנגען איז די זון,
און שאָטען־שטרייפען ב ל ו י ע, ו ו י י ב ע, ז י י ד ע נ ע
נעצויגען האָבען זיך אויף באַרג און טאָל...

מען דאַרף זיך אָפּשטעלען אויף דער צווייטער שורה: שאָטען־שטרייפען, בלויע, ווייבע, זיידענע“. וואָס זיינען עס פאַר אַ שאָטענס? פאַר'ן געוויינליכען אויג זיינען שאָטענס שוואַרץ. יהואש'ס אויג זעהט אָבער ניט אַלע שאָטענס אַלס שוואַרץ. זי געפינט אין זיי אונטערשיידען, שאַטירונגען, און יענע קעטסקיל־שאָטענס זיינען געווען — בלוי. געוויינליכע מענשען קענען שאָטענס נאָר זעהן

מיט׳ן אויג: יהואש אָבער קען זיי אויך *אָנטאַפּען* מיט׳ן אויג אַזוי ווי מיט פינגער: ער *זעהט* ווי זיי זיינען — ווייכע. ער שפירט אפילו וואָס פאַר א סאָרט ווייכקייט זייערע איז: זי איז אַ ווייכקייט פון ווייכען זייד.

אין יהואש׳ס *אויג* ליגט אויך דער חוש פון *טאַפּען*. חוש און חוש זיינען צונויפגעמישט.

עס איז אין דער פּאָעזיע אַ זעהר אומגעוויינליכע שורה. און ביי יהואש׳ן וואָלט זי אויך געבליבען נאָר אַ קוריאָזע שורה, ווען זי וואָלט געווען אַ פּאַראיינצעלטע. זי איז אָבער אַ כאַראַקטעריסטישע שורה פאַר איהם.

אָט איז נאָך אַ ביישפּיל.

„אָ פריהלינג, ווי וואָלט איך זיך וועלען פאַרבייטען
אין ליכטיג געפאַרבענעם בלאַט פון אַ בלום,
איך זאָל ניט מיט ווערטער דיין שעהנקייט פאַרקריפּלען,
נאָר *זינגען אין דופטיגען שוויינגען* דיין רוהם״...

עס איז אוממעגליך איבערצוגעבען אין ווערטער די טיעפע צאַרטקייט מיט וועלכע דעם דיכטער׳ס חושים גיסען זיך דאָ אַריבער איינס אין אַנדערען: דער געשמאַקער ריח פון דער בלום, איהר ריידענדיגע שעהנקייט און צו גלייכער צייט איהר שטומקייט גיסען זיך ביי איהם צונויף אין אַ „געזאַנג פון דופטיגען שוויינען״. אַ געזאַנג וואָס דאָס אויער *הערט ניט*, שפּירט די נאָז ווי עס *שמעקט*.

אַן ענליכע צאַרטקייט וועהט אונז אַנטקעגען אין פאָלגענדען פערז פון אַן אַנדער ליעד:

דער טאָג איז געענדיגט, די זון איז פאַרהילט,
דער מערב ווערט גרינער און בלייכער,
אַ הייפעל פאַרקופערטע וואָלקענס זיך שפּיעלט —
אַ זים מעלאַנכאָלישער זכר
פון זומער־טאָג, וועלכער פאַרגעהט,
און איבערן פעלד זיך צוּוועהט
אַ דופטיגער זיפץ און אַ וגייכער...

„אַ דופטיגער זיפץ און אַ ווייכער״ — פון דער שטומער נאַטור־סצענע הערט יהואש אַ זיפץ זיך טראָגען, אַ זיפץ וועלכען ער קען שמעקען, וועלכען ער

קען אָנטאַפּען. אויער, אויג און פינגער⸗חוש — אַלע איינס אין אַנדערען פאַר⸗
נאַנגען, איינס אויפ׳ס אַנדערע אַרויפגעדרונגען, אַלע אין איין געפיהל־פולקייט
צונויפגעשמאָלצען. פון דער שטומקייט אַרויסצוהערען אַ זיפץ, איהם נעהמען אין
די פינגער און צוטראָגען צום נאָז צו שמעקען — דאָס איז אַ מערקווירדיג פּאָע⸗
טיש בילד.

ווי אַזוי אַלע חושים פון אונזער דיכטער זיינען אין אייביגער שפּילעוודיג⸗
קייט זעהט זיך אין ערגעץ בעסער ניט אַרויס ווי אין דעם פאָלגענדען ליעד
„הערבסט אָוועגט”.

דער לעצטער מאַטער קופּער⸗שטרייף
פאַרגליהט פון מערב⸗ראַנד,
פון הימעל׳ס אָבגרונד בליצט אַרויס
אַ ק אַ ל ט ע ר דיאַמאַנט...

עס פויזעט אויף די לאָנקעס אום
אַ ווייסע נעבעל⸗טוך!
און פון די פעלדער קומט אַהער
אַ פ ו י ל ע ר גראָז⸗גערוך...

מטושטש ליגט ביים האָריזאָנט
דער ווייטער דארף צושפּרייט,
אַ פייערל און דאַן אַ צווייטס
צינדט אָן זיך ש ט י ל ע ר ה י י ט...

דאָס גאַנצע ליעד איז אַ שטיק נשמה אין ציטער, אין וויבראַציע. דורך
זיינע איבער⸗פאַרפיינטע חושים ציהט יהואש די ווייטסטע רוימען ענגער צוזאַמען
און ברענגט אונז שפּירונגען פון אַנדערע וועלטען. עס שפּריצט אויף, ווייט אין
הימעל׳ס אָפּגרונד, אַ שטערן, און דער דיכטער שפּירט מיט דער אויג
די קאַלטקייט זיינע, אַזוי ווי ער וואָלט איהם מיט דער האַנט דערגרייכט.
אין דער ווייט שיינען פייערליך אויף, און ער זעהט מיט דער אויג ווי זיי טועןֿ
עס — ש ט י ל. אין יהואש׳ס אויג וואוינט דער קעלט⸗חוש, אין זיין אויג
וואוינט אויך זיין אויער. און ווי זאָרגפעלטיג געגוי ער באַשרייבט אונז דעם
גערוך: עס איז אַ פ ו י ל ע ר גערוך, וואָס רעדט פון שפּעטען הערבסט.

אָבער די דאָזיגע אויסדריקען אַליין שעפּען ניט אויס די גאַנצע צאַרטקייט פון דעם ליעד. דאָס בילד: דער „לעצטער מאַטער קופּער־שטרייף פּאַר־גליהט“ טראָגט אַזוי פיעל שפּיל פון קאָליר, קאָליר, וואָס האַלט זיך אין איין בייטען, — ווייל אין איין פאַרגליהען פון מאַט צו מאַטער; דאָס שטילע ציטערען, דאָס פויזען, פון דעם „ווייסען נעבעל־טוך“ איבער די פעלדער, דאָס ציטערדיגע אויפבליצען פון פייערל נאָך פייערל — דאָס אַלץ איז אומגעהויער דין, אומגעהויער ווייך און צאַרט.

און בלויז ביי אַזאַ ווייכקייט און איידעלקייט פון חושים האָבען געקענט געבאָרען ווערען אַזעלכע דריי שורות ווי די פאָלגענדע פון דעם ליעד: „דער ערשטער שניי“. דער פּאָעט וויל איבערגעבען דאָס צאַרטע פאַלען פון דעם שניי און ער זאָגט:

און פוך האָט זיך אויף פוך געלעגט,
ביז רונד אַרום דער ברייטער טאָל
געטוליעט האָט זיך אין אַ ווייסען טרוים.

„און פוך האָט זיך אויף פוך געלעגט“ — עס איז שווער זיך פאָרצושטעלען אַ שורה וואָס זאָל שעהנער איבערגעבען דאָס שניי־פאַלען. אַלץ ווערט דאָ אין דעם וואָרט „פוך“ אריינגעלעגט: אי די ווייסקייט פון דעם שניי, אי זיין ווייכקייט, אי די שטילקייט און פאַמעליכקייט מיט וועלכע שניי פאַלט, און אַפילו די וואַרימקייט וואָס באַגלייט געוויינליך שטילען שניי־פאַלען. עס איז אַ שורה אָנגעפילט מיט ווייכען סענסואַליזם ווי אַ צייטיגע פרי מיט זאַפט.

און די גאַנצע פּאַנאָראַמע „טוליעט“ זיך אין א „ווייסען־טרוים“, אַ טרוים, וואָס איז ווייס — ווידער די פיינע פאַרשמעלצונג פון חוש מיט חוש.

דער דיכטער געהט שפּאַצירען אין יענעם פרישׁ אָנגעפאַלענעם שניי און זאָגט:

מיין פוס — דער ערשטער, וועלכער האָט
אַ שטעג געפּרעסט אין ווייכען זייד...

דורך זיין ווינטער־שוך פיהלט דער דיכטער די אייגענאַרטיגע שפּירונג פון שניי, ווען מען טרעט דערויף: עס איז די שפּירונג פון ווייכען זייד, ווען מען קנייטשט עס צווישען די פינגער.

און אין אַן אַנדער אָרט, אין אַ זומער־ליעד, זאָגט יהואש:

און ס'הויכט פון ערגעץ־וואו אַרויס
אַ מעלאָדיע אָהן טענער...

יהואש'ס אויער קען אויך פאַרנעהמען אַ מעלאָדיע, וואָס ווערט ניט געזונגען.

אין אַן אַנדער אָרט:

און אַלץ אינאיינעם איז געווען
אַמאָל אַ בילד, אַמאָל אַ סימפאָניע...

וואָס יהואש זעהט, הערט ער אויך, און וואָס ער הערט — זעהט ער. אַלץ איז בילד און סימפאָניע צוזאַמען.

עס איז פאַראַן אין יהואש'ן עפּיס אַ הייִדנישע פרייד מיט די ריין אָרגאַנישע איינדריקען און שפּרונגען. ער האָט ליב זיך איינצוהערען ווי אַזוי די דרויסענדיגע וועלט רינט אין איהם אַריין דורך די חושים, און דורך אַלע חושים מיט אַמאָל. זיי זיינען אַלע אין איהם אָפען און אַלע אַרבייטען זיי מיט דערזועלבער שאַרפקייט. און דער עיקר — זיי זיינען ניט דיפערענצירט. יעדער חוש דערפילט אין איהם די פונקציעס פון אַלע איבעריגע. עס איז איין אויסגוס פון שפּירעוודיגקייט, איין שטיק וויבראַציע. עס איז פאַראַן אַ מין סענסועלע שכרות אין די ווערטער פון דעם דיכטער ווען ער זאָגט דיר:

און זויג אַריין מיט אויגען און געהער
דאָס זיסע בוימער־הייליגטום...

אַ הייליגטום וואָס איז זיס — ווידעראַמאָל די פיינע איבערגיסונג פון חוש אין חוש. מיט אויגען און געהער, און מיט זיין גאַנצען וועזען זויגט יהואש זשעדנע די וועלט אַריין, מוז זי אַריינזויגען, ווייל ער איז אַזוי אָנגעשטימט, אָנגעטאָנט.

דאָס איז יהואש — די „כלי“, דער אינסטרומענט, אַ כלי געשאַפען טאָן און פאַרב אויפצונעהמען. דעריבער איז עס יהואש, אין דער מאָנאָטאָנעקייט און גרויקייט פון דער אידישער פּאָעזיע, געוואָרען איהר דיכטער פון טאָן און פאַרב, איהר דיכטער פון שעהנקייט.

II

אין וואָס ליגט די אייגענשאַפט פון אַזאַ דינער דיכטערישער געפיהלפולקייט, פון אַזעלכע בליץ־שאַרפע שפּירונגען?

ניט בלויז אין דעם וואָס זיי לאָזען דעם דיכטער אויפנעהמען פיינע ניואַנסען און אַריינדרינגען צווישען די פאַלטען פון שטילע שאַטירונגען. זייער אייגענשאַפט איז אַ טיעפערע. עס איז די אייגענשאַפט פון — רענטגען־שטראַהלען, מיט זייער דינקייט און שאַרפקייט נעהען זיי אַרונטער אונטער דער הויט פון זאַכען, דרענגען זיך אַריין אין דעם אינוועניג פון וועלט און געשאַפן און טראָגען אונז זייער האַרץ אויף דער אויבערפלאַך אַרויס.

אָט אַזאַ פאַראינערליכונג, אַזאַ אַרויסזינגען צו אונז פון אונטער דער שאָלעכץ פון דער וועלט, איז איינע פון די הויפּט שטריכען פון יהואש'ס דיכטונג.

ניטאָ ביי יהואש'ן קיין מעהר פאַר איהם באַדייטונגספולע ליעד ווי די פאָלגענדע צוויי פערזען פון דער קליינער פאָעמע „נאַכט“.

פון דונקלען באַרג־וואַלד הויבט זיך אויף אַ שטילער זילבער־ראַד,
און איבער פעלד און פעלזען פאַלט
אַ ווייכער בלייכער סוד.

— — — — — — — — — — — — —

און ערגעץ פון דעם בוימער־ים,
פון גרינעם צוויינג־געדראַנג,
אין איינציגע טרעלען שלוכצט אַרויס
אַ זיסער וועה־געזאַנג.

„אַ שטילער זילבער־ראָד“, „אַ ווייכער בלייכער סוד“, — עס איז דערזעלבער יהואש פון די „שאָטענס־שטרייפען בלויע, ווייכע זיידענע“, פון דעם „דופטינגען זיפץ און דעם ווייכען“; דיזעלבע פאַרפיינערטע שפּירונגען וואָס פלעכטען זיך איין איינס אין אַנדערען, פאַרלויפען זיך דעם וועג, ביז זעהן, הערען, שפּירען, שמעקען, גיסען זיך צונויף אין איין גוס פון געפיהלפולקייט. אָבער ניט די שורות זיינען דאָ די וויכטיגסטע. כאַראַקטעריסטיש איז דאָ די

שורה „פון גרינעם צוויינ־געדראַנג“. עס שטעהט דער דיכטער פאַרן וואַלד און שפירט וואָס עס קומט פאָר אינעווייניג אין די צווייגען: עס קומט דאָרט פאָר אַ געדראַנג, אַ שפּאַרעניש פון זאַפטען. אַ גרינער געדראַנג, אַ גרינע שפּאַרעניש.

זיין איבער־געפיהלפולקייט האָט דעם דיכטער אין די אָדערען פון די צווייגען אַריינגעפירט.

אָט די דאָזיגע אייגענשאַפט יהואש׳ס איז נויטיג צו פאַרשטעהן אין ערשטער רייה, כדי צו פאַרשטעהן יהואש׳ן דעם מוזיקער, דעם זינגער, יהואש׳ן דעם טאָן־קינסטלער.

יהואש׳ס מוזיק האָט איהר באַזונדערע אייגענשאַפט: עס איז דאָס רוב ניט זיין מוזיק, ניט דעם דיכטער׳ס אייגענער מענשליכער געזאַנג, נאָר עס איז די מוזיק פון די זאַכען גופא, פון דעם וועלט־געשאַף, וועלכע יהואש פרואווט מיט די מיטלען פון שפּראַך איבערצוגעבען.

אין דעם פרט זיינען ניטאָ קיין מעהר באַלערענדע שורות ביי יהואש׳ן ווי די פּאָעמע „ווי ס׳ווערען ליעדער פאַרפאַסט“. און דער דאָזיגער פּאָעמע פיהרט אונז דער דיכטער אַריין אין דעם ווערקשאַפט פון זיין נשמה, אַזוי צו זאָגען, און ווייזט אונז דעם פּרינציפּ אויף וועלכען ער אַרבייט. ער זאָגט:

אַזוי ווי דער אויסדרוק פון מיידעלשע אויגען,
וואָס ווערט פלוצלינג פרייליך און פלוצלינג פאַרצויגען,
מיט וואָלקענס פון קומער;
אָט לייכט ער און לאַכט ער
ווי ליכטיגער זומער,
אָט ווערט ער פאַרטראַכטער,
אָט ווערט ער אַ ווייכער, אַ מילדער,
אָט ווערט ער אַ הייסער, אַ ווילדער,
אָט קושט ער, אָט שטויסט ער צוריק, —
אַזוי ווען דאָס טעמאַ באַגייט זיך,
פאַרענדערט זיך תמיד און בייט זיך
דעם אמת׳ן דיכטער׳ס מוזיק.

און דאַן נעהמט דאָס ליעד ווייטער און ניט אונז פאַרשיידענע טעמעס, פאַרשיידענע מאָטיווען, צו אילוסטרירען דעם געדאַנק, אַז יעדע טעמע פאָדערט איהר אייגענע מוזיק, יעדער מאָטיוו זיין אייגענאַרטיגען ריטהם.

און דאָס איז אַ טיעפע און אמת'ע קאָנצעפּציע וועגען מוזיק און — וועגען דער וועלט, עס איז די מאָדערנע קאָנצעפּציע. עס איז געווען דער אויפטו פון דעם ניינצעהנטען יאָהרהונדערט דאָס, וואָס ער האָט די מוזיק אַרויסגעטראָגען פון דעם מענשען אין דער נאַטור, אין דער ברייטער וועלט אַריין. ניט נאָר דער מענש זינגט, עס זינגט אויך וואַלד און פעלד, טייך און באַרג, בוים און בלום, ים און הימעל. עס זינגט דער פריהמאָרגען, עס זינגען די שטערען. אָהן זייער געזאַנג וואָלט אפשר קיין מענשליך געזאַנג ניט געקענט זיין. דער יסוד פון מוזיק איז ריטהם, און וואָס איז ריטהם? עס איז מעהר ווי דאָס גלייכע, געמאָסטענע שטייגען און פאַלען פון דער שטימע. עס איז אַ קאָסמישער פּרינציפּ. דאָס מענשליכע לעבען און דאָס לעבען פון דער וועלט זיינען געבויט אויף אַ יסוד פון ריטהם. וואו איז קיין ריטהם ניטאָ? אונזער אָטעמען איז ריטהמיש; אונזער האַרץ-קלאַפּ איז ריטהמיש; אונזער שטענדיגער עפענען און פאַרמאַכען די אויגען איז ריטהמיש; אונזער הונגער און זאַט זיין, אונזער שלאָף און וואַכען, אונזער רוה און מיעדקייט זיינען ריטהם. געהען מיר אַריבער פון מענשליכען קערפּער צו דער וועלט געפינען מיר דאָסזעלבע. עס פליהט אַ פויגעל אין דער לופטען און פאָכט מיט די פליגלען אויף און אָפּ, גיט זי אונז ריטהם. עס שלאָגען די כוואַליעס פון ים אָהן אויפהער צום ברעג און פון ברעג צוריק; עס געהט אויף די זון און פאַרגעהט טאָג איין טאָג אויס אויפ'ן זעלבען וועג; עס בייטען זיך אייביג אין זעלבער אָרדנונג טאָג און נאַכט, זומער און ווינטער, וועלקען און וואַקסען, אויפגאַנג און אונטערגאַנג — דאָס אַליץ איז איין גרויסער, מעכטיגער קאָסמישער ריטהם, איין גרויסער מעכטיגער וועלט-געזאַנג.

מוזיקער פון פריהער האָבען עס ניט געוואוסט. ערשט די מוזיקאַלישע זשעניען פונ'ם אַכצעהנטען און ניינצעהנטען יאָהרהונדערט האָבען זייער אויער צו דער וועלט צוגעלעגט און איהר אייגענע מוזיק אויפגעכאַפּט. און זיי האָבען געפּרואווט איבערצוגעבען די מוזיק פון ווינט און דונער, פון רעגען און שניי, פון זונען-אונטערגאַנג און שטערען-שימער.

און ווייניגער ווי די מוזיקער האָבּען עס די פּאָעטען געשפּירט. יעדע קונסט, זאָגט וואָלטער פּעיטער זעהר ריכטיג, שטרעבּט צו דערגרייכען אַ צושטאַנד פון מוזיק. אפילו די שטומע קונסטען: מאַלעריי, סקולפּטור, אַרכיטעקטור, אָבּער נאָך מעהר די ריידעוודיגע קונסט, די פּאָעזיע. פונדעסטוועגען איז אפילו אין דער היינטיגער פּאָעזיע זעלטען צו געפינען אַ דיכטער וואָס זאָל שאַפען אויפן פּרינציפּ פון קאָסמישער מוזיק. דער געוויינליכער דיכטערישער מעטאָד איז: אויסגיסען אַ גאַנץ ווערק, מעג עס זיין ווי לאַנג און ווי פאַרשיידענאַרטיג אין דעם גאַנג פון דער טעמע, אין איין און דעמזעלבּען ריטהם. אַ קלאַסישער בּיישפּיל איז בּייראָנ'ס „טשאַילד האַראָלד". עס איז אַ געזאַנג פון עטליכע הונדערט פערזען, עס נעמט אַרום אַ סך צייטען און אַ סך וועלטפּונקטען. פונדעסטוועגען זיינען די עטליכע הונדערט פערזען אַלע אויסגעגאָסען אין זעלבּען פורעם פון ניין שורות, אין זעלבּען בּאַשטימטען ריטהם מיט דערזעלבּער בּאַשטימטער אָרדנונג פון די גראַמען: דער בּאַריהמטער „ספּענסער'שער" פערז.

אין דער אידישער פּאָעזיע האָט יהואש דער ערשטער אַריינגעבּראַכט דעם טאָן פון קאָסמישען ריטהם, פון וואַריאירטער, שפּילעוודיגער מוזיק, וואָס „פאַרענדערט זיך זיך תּמיד און בּייט זיך" יעדעס מאָל „ווען דאָס טעמא בּאַנייט זיך". לעבּט מען זיך איין מיט אַ געוויסען דיכטער איז אַזוי ווי מען לעבּט זיך איין מיט אַ בּלום. זאָגט אַ „ראָזע" און אייער דמיון דופט אַרויס דעם בּאַשטימטען דופט פון דער ראָזע. זאָגט: רייזען, ראָזענפעלד, פרוג און אין דמיון טויכט אויף אַ געוויסער טאָן, אַ געוויסע מעלאָדיע, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר יעדען פון זיי. ווייל עס איז זייער אייגענער טאָן, זייער אייגענע מענשליכע מעלאָדיע, וואָס איז אין אַלע זייערע ליעדער דיזעלבּע. זאָגט מען אָבּער „יהואש" טויכט ניט אויף קיין איינציגע מעלאָדיע, נאָר מעלאָדיעס, וועלכע ציהען בּאַלד נאָך זיך נאָך זייערע טעמעס.

נעהמען מיר אַלס בּיישפּיל צוויי לענגערע ליעדער אין דער אידישער פּאָעזיע, פרוג'ס „דעם שמש'ס טאָכטער", און ראָזענפעלד'ס „יהודית" און פאַרגלייכען זיי מיט יהואש'ס „מלכּה שבא". זיי זיינען אַלע דריי פון זעלבּען כאַראַקטער: זיי זיינען ערצעהלערישע. דאָס מיינט, צו געבּרויכען אַריסטאָטעל'ס פאָרמול, אַז זיי האָבּען אַן אָנהויב, אַ מיטען און אַ סוף. אינצווישען — פאַרשיי=

דענע סיטואַציעס. מוזיקאַליש דאַרף יעדע סיטואַציע האָבּען איהר אייגענע מעלאָדיע, איהר אייגענעם טאָן, וואָס זאָל איהר אייגענעם זין, איהר נשמה אויס־דריקען. אַזוי אין סימפאָניע, אַזוי אין אָפּערע. פונדעסטוועגען זיינען פרוג׳ס און ראָזענפעלד׳ס ליעדער אויסגעזונגען איינגאַנצען אין זעלבּען ריטהם. די לעצטע שורה קלינגט פונקט אַזוי ווי די ערשטע. אַנדערש בּאַהאַנדעלט יהואש זיין טעמע מוזיקאַליש. די טעמע איז: די קעניגין פון שבא הערט פון שלמה׳ס גרויסקייט, פאַרליעבּט זיך אין זיין רוהם, בּענקט נאָך איהם, און ענדליך לאָדט זי אָן אַ קעמעל־קאַראַוואַן מיט נאָר איהר רייכטום און פאָהרט צו שלמה׳ן און טרעט אויף פאַר איהם צו הערען פון זיין חכמה. די טעמע אַלזאָ בּאַשטעהט פון עטליכע בּאַזונדערע מאָמענטען, און יעדען מאָמענט און עפּיזאָד האָט יהואש זיין אייגענע מוזיק געגעבּען.

צוערשט „די נאַבריכט“:

וי דער דופט פון נאַרדען פעלדער
פון אַ ווייטען ווינט פאַרטראָגען,
וי דער וואונדערליכער ספור
פון בּאַגילדטע צויבּער־שלעסער
— — — — — — — — — — —
צו דער קעניגין פון שבא לאַנד
אָנגעקומען זיינען קלאַנגען:
ערגעץ, ערגעץ אין דעם שאָטען
פון די טויזענט־יאָהריג אַלטע
צעדערבּוימער פון לבנון —
איז פאַראַן אַ לאַנד יהודה...
דאָרטען וואוינט אַ פאָלק אַ קליינעס,
דאָרטען הערשט אַ גרויסער קעניג, א. ז. וו.

נאָך דעם דאָזיגען אַריינפיהר טראָגט אונז דער דיכטער אַריבּער צו דער קעניגין פון שבא, אין איהר גרויסען עהרפורכטיגען פּאַלאַץ און איהר טיעפער, שווערער בּענקשאַפט נאָך שלמה׳ן. ווערען די שורות אין דעם ליעד גרעסער, דער טאָן טיעפער און שווערער:

פון אָניקס און מאַרמאָר געבויט איז דער פּאַלאַץ,
די שוועלן פון זילבער געשמידט,
און טויזענט געפּאַנצערטע שוואַרצע גבורים
באַוואַכען דער קעניגינ׳ס טריט...
דאָך באַלקיס׳ געזיכט איז מיט קומער פאַרשלייערט
איהר האַרץ איז מיט זאָרגען באַשווערט,
מיט דונקעלע טרוימען פאַרוועבט האָט איהר זינען
די נאַכריכט פון ווייטען געהערט... א. אַ. וו.

דאַן צירט זי אויס אַ רייכען קאַראַוואַן מיט קעמלען און לאָזט זיך געהן איבער די מדבריות צו שלמה׳ן. און דעם דאָזיגען באַזונדערען עפּיזאָד גיט אונז דער דיכטער איבער אין אַ באַזונדער מוזיק. ער באַשאַפט אַ מעלאָדיע און קלאַנגען וואָס לאָזען אונז פיהלען דעם לעבעדיגען, לוסטיגען מאַרש פון די קעמלען, מיט׳ן געקלאַנג פון הונדערטע גלעקלעך, מיט דער בלענדעניש פון טויזענטער אָריענטאַלישע קאָלירען. ער זינגט:

הונדערט אויסגעפּוצטע קעמלען,
קלינגענדיג מיט זילבער גלעקלעך,
צוגעדעקט מיט גאָלד געזוימטע
בלוטיג=רויטע סאַמעט=דעקען —
טראָגען באַלקיס׳ בעסטע אוצרות א. א. וו.

נאָר אָט איז ענדליך געקומען דער לאַנג געגאַרטער מאָמענט: באַלקיס טרעט אויף פאַר שלמה׳ן. דער מאָמענט איז ערנסט, אָנגעלאָדען מיט שווערע געצאַמטע געפיהלען, און די מוזיק ווערט ווידער אַן אַנדערע, אַן ערנסטע, אַ שווער אָנגעלאָדענע:

אָ וואונדער=מלך, אין מיין לאַנד געדרונגען
אויף הונדערטער באַוואונדערענדע צונגען
די נאַכריכט פון דיין גרויסער חכמה איז...
און לאַנג האָב איך געשמאַכט נאָך דיינע שטראַהלען,
און טעג און נעכט געגאַרט האָב איך צו פאַלען
מיט מיין געבעט פאַר דיינע קעניג=פיס...

ווען אַ מחיקער וואָלט געוואָלט צופּאַסען מוזיק צו פּרונ׳ס אָדער ראָזענ־פעלד׳ס דערמאָנטע ליעדער וואָלט ער זי געדאַרפט צופּאַסען צום ערשטען פּערז, און דאָס גאַנצע ליעד וואָלט זיך דאַן געקענט אויסזינגען. ווי אַ פאָלקס־ליעד. די „מלכה שבא“ אָבער וואָלט אין יעדען טייל געפאָדערט אַן אַנדער מוזיק. יהואש׳ס מחיק איז — סימפאָניש.

„שניי“ איז נאָך אַ ביישפּיל פון יהואש׳ס איינענאַרטיגער מוזיק, פון איהר סימפאָנישען און פון איהר קאָסמישען כאַראַקטער. „שניי“ איז אַ ליעד וואָס שטרעבט איבערצוגעבען אַ שניי־שטורם פון אָנהייב ביז׳ן סוף, דורך אַלע זיינע מאָמענטען, אין אַלע זיינע ניואַנסען, פון דער שווערער שטילקייט, וואָס הענגט אין דער אָנגעלאָדענער לופט איידער דער שניי הויבט אָן צו פאַלען, דורך דעם גרינגען, פוכיגען פאַלען פון די ערשטע פאָר שנייעלעך און דאַן גערדיכטער און שנעלער, ביז עס שפּילט זיך פאַנאַנדער אַ וואָיענדער שטורם און — ביז דעם לעצטען מאָמענט ווען דער שטורם שפּילט זיך אויס און עס פאַלט צו אַ פרעסטעל און עס ווערט ווידער שטיל. יעדער באַזונדער מאָמענט צווישען די דאָזיגע צוויי שטילקייטען ווערט איבערגעגעבען אין זיין אייגענעם ריטהם, מיט זיין אייגענעם טעמפּאָ.

דער רוים ווערט פאַרשטומט...
פון גראען פאַרגליווערטען אויר,
אַנ׳איינציג קליין שנעעלע קומט,
און קריגט באַלד אַ חבר,
און ביידע זיך דרעהען
פּאַמעלעך אַראָפּ,
און פאַלען אין צווייען
אַרויף, אויף אַ קאָפּ
פון אַ נאַקעטען בוים,
ביי דעם זוים
פון אַנ׳איינזאַמען פעלד...
דאַן שטאַרבען זיי שנעל און צוגעהען,
דען דאָס איז דער גורל פון ערשטלינגען־שנעען —

ניט לאָזען קיין זכר פון זיך אויף דער וועלט...
דערנאָך ווערט עס דיק און געדיכט...
אין לופט דאָס געזעמעל פאַרמעהרט זיך,
און לאַנגזאַם אַ שיכט נאָך אַ שיכט,
בעט אויס און צושפּרייט אויף דער ערד זיך...
ביז איטליכער קוסט ווערט באַקליידט
און יעטוועדער בוים ווי אַ בר־מנן שטעהט,
און דאָס בלאליכע אייז
פונ׳ם טייך,
ווערט גלייך
ווי באַפּעלצט מיט אַ פוטער פון ווייס...
דאָך האַסטיג ברעכט אויס אַ בהלה —
שוין פייפט עס און ברומט עס און בילט...
די לופט ווערט פאַרפילט
מיט פלאָנטערס און ווייסע געמישען,
ביז צווישען
דער ערד און דעם הימעל,
זיך ווירבעלט און וויכערט אַ ווילדעס געווימעל,
און ס׳וואָיעט די וויסטע ממשלה
פון שדים און גייסטער —
דער שטורם איז מייסטער...
ער רייסט זיינע קייטען אַראָפּ פונ׳ם האַלז,
און געהט מיט׳ן שנעע אויף דער פרעירי אַ וואַלץ,
און אַליין
קערט ער איבער,
דער איילענדער גבור...
דאָ בעזעמט ער גריבער,
דאָ בויט ער פּאַלאַצען און טורעמס,
אין האַסטיג־פאַנטאַסטישע פורעמס
און מויערט גיגאַנטישע שטיבער...

און באַלד אין אַ וואַהנזין־געשלידער,
זיך קרייזט ער און דרעהט זיך און פלעכט זיך;
און יאָמערט און סווישטשעט און צוויבערט,
און שופעלט און שאַרט און צושויבערט,
ביז איטליכער בנין צוברעכט זיך,
און פאַלט אין אַ הויפען אַנידער,
צי ווערט אין די וואָלקענס געהויבען,
אין פוכיגע שטיקלעך און שטויבען...
און שוין איז דער ווירבעל צופלויגען...
פאַרצויגען
מיט לעבליכען ליכט,
ליגט דער לאַנדשאַפט׳ס געזיכט,
און דימענטען גלאַנצען אויף פעלדער אָהן פלעקען,
און ס׳הויכט איבער ווייסע און ענדלאָזע שטרעקען
דער פראָסט,
ביז ער לאָזט
אַ הייטעל פון זילבער אויף זיי...

די סימפאָניע פון שניי.

און אַזוי בייט יהואש די מוזיק לויט יעדער טעמע, און אין יעדער טעמע לויט אירע באַזונדערע טיילען, וואָרום ער דרינגט אַריין איינוועניג אין דער טעמע און זינגט אַרויס איהר אייגענע מוזיק, איהר אייגען האַרץ.

III

צוויי לידער — צוויי מעלאָדיעס:

פון איהר קליינעם קעמערל,
זומענדיג אַ זמרל
קומט אַרויס די גאָלדענע
ריהרעוודיגע ביהן...

זעהט זי וואו אַ בייטעלע,
שפירט זי וואו אַ קווייטעלע,
שפרייטענדיג די פליגעלעך
לאָזט זי זיך אַהין... א. אַז. וו.

די מעלאָדיע — אַ גרינגע, אַ שפּילעוודיגע, אַ לייכט באַוועגליכע, אַ קלינגענדיגע. אַזוי ווי עס איז דאָס פליהען און זומען פון דער ביהן.

און אַ פערז פון אַן אַנדער ליעד:

איך בין געשטאַנען אָן אַ בוים געלעהנט,
און שווייגענדיג געבראַכט האָב איך אַ גרוס
די גרינע וואַלד־בערג פון די פעלזען־בערג —
פון קאַלטע, קאַהלע, גרויסע פעלזען־בערג,
מיט ווייסע שניי־טורבאַנען אויף די קעפ
וואָס דאָרטען אין מיין ווייטער מערב־היים
אין נאַק'טער גרויסקייט גלאָצען קעגען זון...

עס רעדט זיך אין דעם דאָזיגען פערז פון די ריזיגע קאָלאָראַדאָ־בערג, צווישען וועלכע יהואש האָט פאַרבראַכט אַ גרויסען טייל פון זיין לעבען. ערנסט, גרויס, ריעזיג פאַנאַנדערגעוואָרפען זיינען די בערג, און ערנסט, ברייט, ווייטאָפּהילכענדיג איז דער ריטהם וואָס גיט איבער זייער מוזיק. פונקט ווי דער ריטהם אין דעם ערשטען פערז איז אַ גרינגער, אַ לויפיגער, אַזוי איז דער ריטהם דאָ אַ לאַנגזאַמער, אַ שווער־אָנגעלאָדענער, מיט לאַנגע, אויסגעצויגענע וואָקאַלען. פון די צוויי ווערטער אַליין „ק—אַ—לטע, ק—אַה—לע" קען מען דוכט זיך הערען די שווערע באַרג־עכאָס פון די אָבגרונטען אַרויסהילכען.

נאָר דאָ שטויסען מיר זיך אָן אין אַ צווייטער פאַזע פון יהואש'ס מוזיק, אין אַ צווייטער קוואַל פון זיינע מוזיק־עפעקטען: די איינצעלנע בוכשטאַב. זיין מוזיקאַלישען עפעקט אין אַזאַ שורה ווי „פון איהר קליינעם קעמערל, זומענדיג אַ זמרל" אָדער „פון קאַלטע, קאַהלע גרויסע פעלזען־בערג" באַקומט יהואש ניט נאָר דורכ'ן ריטהם פון דער גאַנצער שורה. ער באַקומט זי אויך דורך גליקליך צוגעטראָפענע איינצעלנע קלאַנגען און וואָקאַלען. וואָס איז דער קלאַנג וואָס אַ ביהן, און יעדע פליג, מאַכט פליהענדיג אין דער

לובטען? זי „זומט“, זי שאַפט אַ קלאַנג וואָס איז אַזוי ווי פון „ז“=ענס און „מ“=ען צונויפגעשטעלט: „זממממ“... פון דאַנען נעהמט זיך טאַקע דאָס וואָרט „זומען“.

און כדי צו שאַפען דעם מוזיקאַלישען עפעקט פון דער ביהנ׳ס פליהען האָט יהואש געטאָן דאָס, וואָס די ביהן אַליין טוט: ווי די ביהן אין איהרע פליגעל אַזוי האָט יהואש אין זיינע שורות צונויפגעהויפט „ז“=ענס און „מ“=ען, נאָר די קלאַנגען פון דער ביהנ׳ס קלאַנגען=שאַץ.

„פון איהר קליינעם קעמערל
זומענדיג אַ זמר׳ל“...

זיבען ווערטער צעהלען די צוויי שורות. און די פיער וויכטיגסטע זיינען פול מיט׳ן „ז“=קלאַנג און דעם „מ“=קלאַנג.

דינער, באַהאַלטענער איז דער מוזיקאַלישער עפעקט פון דער אַנדער שורה, „פון קאַלטע, קאַהלע, גרויסע פעלזען=בערג“. אָבער אַן אָפענע אויער קען ניט פאַרפעהלען איהם אויפצוכאַפען. די וואָקאַלען זיינען אַלע גרויסע, ברייטע, אַקצענטירטע, און דעם „אַה“ אין „קאַהלע“ קען מען ניט אַרויסריידען אַנדערש ווי מיט אַ ברייט=געעפענטען האַלז און אַ טיעפער=אָטעמדיגער ברוסט: דער עכאָ, דאָס אָטעמען פון די אָפענע בערג...

אין אַזעלכע מוזיקאַלישע עפעקטען, וואו די קלאַנגען פון די ווערטער גיסען זיך צונויף מיט דער מוזיק וואָס וואוינט אין דער באַזונדערער זאַך גופא, איז יהואש׳ס פאָעזיע מערקווירדיג רייך.

אין דער אידישער פאָעזיע איז דער דאָזיגער עלעמענט, ביז יהואש׳ן, כמעט אינגאַנצען פאַרזעהן געוואָרען. עס איז באַקאַנט דאָס באַקלאָגען זיך פון פרוג׳ן, אַז ער האָט „מיט אַלע כחות, מיט דעם לעצטען צאהן, געביסען און געריסען דעם זשאַרגאָן“ „צו מאַכען איהם אַביסעלע כאָטש וויידך“. פרץ האָט אויך געהאַט טענות, וואָס אידיש האָט ניט „קיין רעכטען קלאַנג, קיין רעכטען טאָן“. עס איז אָבער געבליבען פאַר יהואש׳ס שאַרפען אויער צו דערהערען דעם רעכטען קלאַנג אין אידיש. יהואש איז דער אַנטדעקער פון דער מוזיק פון אידישען בוכשטאַב. קיינער האָט ניט באַנוצט דעם אידישען בוכשטאַב פאַר אַזעלכע וואונדערליכע מוזיקאַלישע עפעקטען ווי ער.

מיר האָבען שוין אויבען געזעהן די מוזיק, וואָס יהואש ברענגט אַרויס מיט דער „מ“ און דער „ז“. פיליכט זיינע שעהנסטע קלאַנגען האָט יהואש פון דער „נון“ אַרויסגעבראַכט. אין דעם ליעד „מלכּה שבא“ צ. ב., וואָס איז אויבען ציטירט געוואָרען, זאָגט די קעניגין, אויפטרעטענדיג פאַר שלמה׳ן:

אָ וואונדער מלך, אין מיין לאַנד גערדרונגען,
אויף הונדערטע באַוואונדערענדע צונגען
די נאַכריכט פון דיין גרויסער חכמה איז...

די ערשטע צוויי שורות — האָבען זיי ניט „קיין רעכטען קלאַנג, קיין רעכטען טאָן“? זיי וואָלטען געקענט געשטעלט ווערען צווישען די שעהנסטע שורות אין יעדער פּאָעזיע, און זייער וואונדערליכען קלאַנג דערגרייכט דער דיכטער מיט דער בוכשטאַב „נון“.

יהואש׳ס נייגונג צו גרופּירען ווערטער אַזוי אַז די „נון“ זאָל באַשאַפען אַ מוזיקאַלישען עפעקט זעהט זיך נאָך קלערער אַרויס אין אַ וואָרט־געפלעכט אין פאָלגענדען פערז.

עס שעפּטשעט אין די הויכע גראָז
דער ווינט באַקלעמט און שוואַך,
זאָגט קדיש נאָך דער גרויסער זון
אויף אָוועט־ווינטען־שפּראַך.

„אָוועט־ווינטען־שפּראַך“ — איינער פון די שעהנסטע שפּראַך קלאַנגען. שעהנער אָבער נאָך דערפון איז אַ וואָרט־געפלעכט, וואָס מיר באַגעגנען אין אַן אַנדער ליעד, אין „שליטען־גלעקלעך“. אין דעם ליעד זינגט זיך פון אַ שליטען־הוליאַנקע, מיט גלעקלעך, אין אַ שעהנער ווינטער־נאַכט. זינגט דער דיכטער נאָכדעם ווי דער שליטען מיט די גלעקלעך פאַרשווינדט אין דער ווייט:

אָבער ווי פאַר׳כשופ׳ט לאַנג
בלייבען האַרץ און זין,
נאָך דעם שליטענגלאָקענקלאַנג
ציהט עס מיך אַהין.

„שלײַטענגלאָקענקלאַנג“ — דרײַ װערטער צונױפֿגעפֿלאָכטען אינאײנעם, װעלכע גיבען איבער אי דעם נעקלאַנג פֿון די גלעקלעך אי די װײַטקײט פֿון װעלכער ער דערטראָגט זיך, אין אַ װאונדערליכער האַרמאָניע.

אַנדערע בוכשטאַבען האָט יהואש באַנוצט אַרױסצוברענגען אַנדערע עפֿעקטען. אין דער פּאָעמע „שנײ“ צום בײַשפּיעל װיל יהואש איבערגעבען לעבעדיג פֿאַר׳ן אױער דעם אײַנענאַרטיגען גערױש פֿון אַ שטאַרקען װינטיגען שנײ־שטורם. זינגט ער:

און ער קרײַזט זיך און דרעהט זיך און פֿלעכט זיך
און יאָמערט און סװישטשעט און צױבערט
און שופּעלט און שאַרט און צרשױבערט...

אין די היסענדיגע קלאַנגען „ס“, „ש“, „צ“ הערט מען דעם באַקאַנטען סװששש, װאָס אַ שטורם מאַכט. און אין דעם אײגענעם ליעד אין די שורות:

פּײַפֿט עס און ברומט עס און בילט,
די לופֿט װערט געפֿילט
מיט פֿלאָנטערס און װײַסע געמישען
ביז צװישען
דער ערד און דעם הימעל
זיך װירבעלט און װיכערט אַ װילדעס געװימעל
און ס׳װאָיעט די װיסטע ממשלה
פֿון שדים און גײַסטער —
דער שטורם איז מײַסטער.

צו די „ס“ און „ש“ און „צ“ אין די לעצטע עטליכע שורות װערען נאָך צונױפֿגעהױפֿט „װאָר׳ן“ װאָס רופֿען אַרױס פֿאַר׳ן אױער דעם אַנדערען באַקאַנטען גערױש פֿון אַ שטורם־װינט, װװװװװװ...

אין אַזעלכע שורות זוכט דער דיכטער צו רעפּראָדוצירען קלאַנגען װאָס זײַנען װירקליך פֿאַראַן אין דער נאַטור. יהואש אָבער הערט אָפֿט „מעלאָדיעס אָהן טענער“ און אַזעלכע מעלאָדיעס זוכט ער אױך אָפֿט צו באַשאַפֿען מיט דער הילף פֿון דעם בוכשטאַב.

אין „דאָס ניט געזונגענע ליעד“ צ. ב. באַקומט יהואש דעם איינדרוק פון דער אונטערגעהענדער זון אַזוי ווי זי וואָלט געווען אַ ריזיגער ראָד וואָס קייקעלט זיך אַרונטער אויף טרעפּ, און ער וויל דעם דאָזיגען גערויש רעפּראָדוצירען אין זיין שפּראַך. זינגט ער:

„אין זומער אָוועגט ווען דער זון־ראָד ראָלט
אַרונטער אויף די לעצטע מערב־טרעפּ“

„דער זון־ראָד, ראָלט אַרונטער“, „מערב־טרעפּ“ — אין די ראָלענדע ריש'ן, וואָס זיינען דאָ צונויפגעקליבען, געלינגט עס דעם דיכטער צו באַשאַפען די אילוזיע פון אַווירקליכען גערויש פון רעדער, וואָס קייקלען זיך אויף טרעפּ.

אין אַ ווייטערדיגען פערז אין דעם אייגענעם ליעד באַנוצט יהואש די „ריש“ אויף אַרויסצוברענגען אַ גאַניץ אַנדער קלאַנג עפעקט. ער שילדערט דאָרט די מיליאָנען גערוישען פון די מיליאָנען פליגעלעך און באַשעפענישען, וואָס מען הערט אין אַ זומערדיגער נאַכט אין אָפענעם וואַלד און פעלד. און דער דיכטער וויל עס איבערגעבען ווי אַ גערויש פון אַ ריזיגען אָרגעל אָדער פון ריזיגע וואַ־סערען, און ער דערגרייכט די אילוזיע מיט דער „ריש“. אין די פאָלגענדע שורות באַווייזט זיך די „ריש“ צוערשט שטיל, דערנאָך וואָס אַ שורה ווייטער — אַלץ געדיכטער און געדיכטער, ביז אין די לעצטע שורות דערהערט זיך ווירקליך אַן אָרגעל־גערויש אָדער אַ וואַסער־געפּילדער. ער זאָגט צום ליעד:

דאַן קלינגסטו מיר
אָ, ניט־געזונגענעם ליעד!
דאַן ווינקסטו מיר
פון אַלע שטערען,
דאַן ברענגסטו מיר
אין די אויגען טרערען,
דאַן דרענגסטו מיר
פון ווייטע ספערען,
ווי ס'רוישען פון פאַרהילטע אָרגעל־רערען
ווי ס'רוישען פון געהיימע וואַסער־מערען...

יהואש קען אַפילו דעם ניט מוזיקאַלישען בוכשטאַב אויסנוצען פאַר מוזיקאַלישע עפעקטען, און צווישען זיינע מייסטערהאַפטעסטע שורות איז איינע אין וועלכער ער באַנוצט אין יעדען וואָרט די „ז“.

עס זינגט זיך אין דעם ליעד פון אַ שפּאַציר אין וואַלד אין אַ ליכטיגער לבנה-נאַכט. די שטראַהלען פאַלען דורך די צווייגען פון די בוימער און ברעקלען און ברעכען זיך און ציטערן און וויברירען אין טויזענט פיצלעך און שפּליטערונגען, זינגט דער דיכטער:

דורך הוילע צווייגען האָבען
גזשיפט זיך זילבער-זאַנגען.

„געזיפט זיך זילבער זאַנגען“ — אין יעדען וואָרט אַ „ז“. דאָס גאַנצע אַנשוילִיכע בילד ליגט אין דעם „ז“. דער „ז“ ווערט ערשטענס אַליין אַרויסגערעדט נאָר דורך זיפען זיך און ציטערן צווישען די ציינער: זזזזזז... אָבער דער דיכטער פאַרטיפט עס נאָך מיט די פולע ווערטער. דאָס וואָרט „געזיפט“ גיט אונז אַ בילד פון קליינע ברעקלעך. זאַנגען, קערנער — אויך ברעקלעך. דורך אַזוי פיעל מיטעל, און דער עיקר דורך דער וויבראַציע פון „ז“ דורך די ציינער, זוכט דער דיכטער איבערצוגעבען די ברעקלונג און שפּליטערונג פון די שטראַהלען.

אין די ציינער האָט דער דיכטער דערשפּירט די שטראַהלען-ברעקלונג.

עס באַגעגענען זיך ביי יהואש'ן אָפט שורות, וועלכע שפּיעלען זיך מיט בוכשטאַב-קלאַנגען צוליעב זייער איינענער שעהנקייט, און ניט דוקא כדי אַרויסצוברענגען די קלאַנגען פון דער טעמע גופא. אַזעלכע שורות זיינען, צום ביישפּיל:

קיינער וועט צו מיר ניט קומען,
ווי אַ וועל אַוועקגעשוואומען
איז די ווייטע, ווייטע וועלט.

אַזעלכע קלאַנג-ווידערהאָלונגען זיינען די געוויינליכע „אַליטראַציעס“. זיי זיינען ניט מוזיקאַליש-אָרגאַניש צונויפגעוואַקסען מיט דער טעמע. ביי יהואש'ן זיינען אַזעלכע אַליטעראַציעס ווייניג. די כאַראַקטעריסטישע יהואש-„אַליטעראַציע“ איז די וואָס העלפט איהם אַרויסברענגען קלאַנגען, וואָס די טעמע האָט נויטיג.

אין יהואש'ס לידער דאַרף מען אַלזאָ אונטערשיידען צוויי מוזיקאַלישע עלעמענטען: דעם ברייטערען ריטהם פון דעם ליעד, וואָס זוכט זיך צונויפצוגיסען מיט'ן ריטהם פון דער גאַנצער טעמע, און די מוזיק פון דעם איינצעלנעם קלאַנג אָדער בוכשטאַב, וואָס זוכט נאָכצומאַכען אַ באַשטימטען ווירקליכען טאָן אין דער באַזונגדערער זאַך, אָדער באַשאַפען די אילוזיע פון אַ באַשטימטען טאָן.

דאָס איז יהואש'ס מוזיק. מיר וועלען אַריבערגעהן צו זיין פאַרבען־מאַלעריי.

IV

עס איז פאַראַן אַ קונסט פאַרנעמען, איינער פון די וויסעסטע אין דעם עסטעטישען לעבען, וואָס קומט פון קונסט מישונג, אַזוי צו זאָגען, ווען איין קונסט דערגרייכט די עפעקטען וואָס געהערען אין אמת'ען צו אַן אַנדער קונסט. צו קוקען אויף אַ געמעל און פאַרנעמען קלאַנגען, צום ביישפיל, צו הערען אַ סימפאָניע און זעהן פאַרבען — דאָס איז איינער פון די איידעלסטע גענוסען וואָס די קונסט האָט אָנצובאָטען.

עס איז אייגענטליך דער העכסטער אידעאַל פון די קונסטען. עס איז שטענדיג געהען אַ שטאַרקע שטרעמונג אין דער אייראָפּייאישער עסטעטיק די קונסטען אָפּצוטיילען איינע פון דער אַנדערער, זיי אָבזונדערען, אַוועקצושטעלען יעדע איהרע גרעניצען. לעסינג, צום ביישפיל, האָט אַזאַ צוטיילונג געמאַכט. אין צוויי קאַטעגאָריעס האָט ער די קונסטען איינגעטיילט. אין די קונסטען פון דעם אויג און אין די קונסטען פון דעם אויער. צו דער ערשטער געהערען: מאַלעריי, סקולפּטור, אַרכיטעקטור; צו דער צווייטער — מוזיק און ליטעראַטור. ווי אַ שטרענגער לאַנד־מעסטער האָט ער די גרעניצען פון יעדער קונסט אָנגעצייכענט און איהר אָנגעזאָגט: ביז אַהער זאָלסטו קומען און ווייטער ניט גרייכען.

די העכסטע קונסט האָט ער געזעהן אין רייסטער קונסט.

געגען דער טענדענץ פון צוטיילונג איז געגאַנגען אַ צווייטע טענדענץ — פון פאַרשמעלצונג. די אייראָפּייאישע קונסט טראָגט זיך אַרום מיט אַן אידעאַל

פון אַ מין איבער=קונסט, פון אַ קונסט פון אַלע קונסטען. די עסטעטען זיינען דאָ געגאַנגען אין די טריט פון די נאַטור=פילאָזאָפען. די נאַטור פילאָזאָפען האָבען שטענדיג געטרוימט, און טרוימען נאָך היינט, צו געפינען אַן אורעלעמענט, אַן ערשטען, דעם עלעמענט פון וועלכען די אַלע באַקאַנטע נאַטורעלעמענטען זיינען נאָר פאַרשיידענע אַנטפּלעקונגען. פונקט אַזוי האָבען די עסטעטען און קינסטלער געטרוימט פון אַ סינטעטישער קונסט, אַ קונסט אין וועלכער אַלע פינף חושים מיט אַמאָל זאָלען זיך באַטייליגען. אין מוזיק האָבען זיי געזעהען די האָפנונג פון אַזאַ איבער=קונסט. זיי האָבען געהאָפט אַז די מוזיק וועט גרייכען אַ מדרגה, וואו זי וועט ניט נאָר לאָזען הערען טענער, נאָר אויך מאַכען זעהן קאָלירען, שמעקען ריחות און געבען אַנדערע אָרגאַנישע שפּירונגען.

מעגליך אַז דאָס איז אַ דערגרייכבאַרער אידעאַל, מעגליך אַז דאָס איז אַן אוטאָפּיע פון די קונסטען. איינס אָבער איז געוויס: קונסטען זיינען ניט ריין, נאָר געמישט. קונסט איז אַן אויסדרוק פון דער מענשליכער נשמה און די מענשליכע נשמה איז ניט איינגעטיילט אין קיין „קלעטקעס“, ניט צוגרענעצט אין באַזונדערע „רייכען“ פון דיכטונג. זי איז קאָמפּליצירט אָבער זי איז איינהייטליך. זי וויים ניט פון קיין גרעניצען וואו עס ענדיגט זיך איין שעפערישער כח — דער מאַלערישער, צום ביישפּיל, און עס הויבט זיך אָן אַ צווייטער — דער מוזיקאַלישער. זיי זיינען אַלע איינגעפלאָכטען איינס אין אַנדערען, איבערגעוועבט, צונויפגעגאָסען, אין אייביגען צווישענשפּיל.

און דעריבער האָט מילעי געקענט מאָלען זיין „אַנגעלוס“, דאָס באַריהמטע בילד וואָס זיין טעמע איז: דער קלאַנג פון דעם קירכען=גלאָק דערמאָנענדיג, אַז ס׳איז צייט פון תפלה. ווהיסטלער האָט געמאָלען בילדער וואָס ער האָט אָנגערופען מיט מוזיקאַלישע נעמען: נאָקטורנע, סימפאָניע. און מוטהער, דער באַריהמטער קונסט=קענער, האָט געשריבען וועגען בעקלינ׳ס בילדער, אַז זיי לאָזען הערען די ט ע נ ע ר פון פ אַ ר ב ע ן פונקט ווי וואַגנער׳ס מוזיק לאָזט זעהן די פ אַ ר ב ע ן פון ט ע נ ע ר.

און פלוטאַרך, דוכט זיך, איז עס געווען וואָס האָט געזאָגט: „מאַלעריי איז שטילע פּאָעזיע, פּאָעזיע — רײדענדיגע מאַלעריי“.

צו קוקען אויף פּאָעזיע ווי אויף מאַלעריי — דאָס איז איינער פון די קונסטגענוסען אין דער פּאָעזיע. פּאָעזיע איז אַ מין מיטעל=קונסט צווישען דער

מוזיק און דער מאַלעריי. זי טיילט די גלאָרדייכקייט פון ביידע. פון דער מוזיק באָרגט זי ריטהם און קלאַנג; פון דער מאַלעריי — די בלענדעניש פון פאַרבען. און פונקט ווי יעדער גרויסער דיכטער טראָגט מיט זיך זיין אייגענעם טאָן, אַזוי טראָגט ער אָפט מיט זיך זיין אייגענע פאַרב־שאַטירונג. זאָגט „מילטאָן" און איהר זעהט — רויט און שוואַרץ, די פאַרבען פון גיהנם און אָבגרונד. שעלי — דער דיכטער פון לויטערען אויר; באַלמאָנט — דער דיכטער פון פייער.

וואָס אָנבאַלאַנגט דער אידישער ליטעראַטור איז עס אַן אינטערעסאַנטע פסיכאָלאָגישע רעטעניש אָט דער פאַקט וואָס זי איז — פאַרבען־בלינד. מיר האָבען שוין געהאַט די געלעגענהייט אָנצומערקען: דער קאָליר־מאָטיוו פון דער אידישער ליטעראַטור איז — גרוי. דער אידישער דיכטער האָט מעהרסטענס איננאַנצען קיין פאַרבען אַרום זיך ניט געזעהן, און האָט ער זיי יאָ געזעהן — האָט ער זיי דאָך ניט געזעהן. פרוג, צום ביישפיל. פאַר איהם: „שיינט די לבנה", און „ס'גלענצען די שטערען". דאָס איז אפשר געזעהן אָבער איינפאַך, באַנאַל, אומדיכטעריש. עס דערמאָנט אָן דעם באַקאַנטען וואָנר פון דעם פאָלקס־ליעד: „פאַפיר איז ווייס, און טינט איז שוואַרץ". פרוג האָט אַפילו געקענט זינגען מיט אַזאַ אויסדרוק ווי: „עס גלענצען די בלומען". וועלכע בלומען „גלענצען" עס? וואָס זאָגט „גלענצען" וועגען דער פאַרבען־שעהנקייט פון בלומען?

אַ געבענשטע אויסנאַהם אין דער אידישער ליטעראַטור איז — יהואש.

יהואש'ס ליעדער בלענדען מיט פאַרבען, זיינען אָנגעגאָסען מיט זון, ווי שימערירן אין אייביגען ליכט־און־שאָטען שפּיל.

יהואש איז דער מאַלער, דער דיכטער פון פאַרב אין דער אידישער ליטעראַטור.

אָט איז אַ ביישפּיל פון יהואש'ס מאַלערישער קראַפט, כמעט כלאחר־יד פון זיינע ליעדער אַרויסגעכאַפּט. ער זינגט אין „דעם ניט געזונגענעם ליעד":

וועז די געדיכטע נאַכט־כמאַרעס זיך טיילען,
און לויפענדיג פון פינסטערע וואָלקען־היילען
רייסט דורך זיך דער לבנה'ס רונדער ראַנד,
און גייסטער מיט אַן אונגעזעה'נער האַנד

פאַרשפּרייטען איבער דעם אוקינוס׳ וואַלען
אַ שמאָלען פּערל־באַנד,
אַ שטעג פון שימער און פון שטראַלען,
אַ בריק פון ליכט, געשפּאַנט
פון האָריזאָנט צום לאַנד —
און לינקס און רעכטס
דער תּהום זיך הויבט און ברעכט — —

וואָס איז זי, די דאָזיגע שטעל פון דעם ליעד? וואָס איז זי מעהר: אַ פּאָעמע אָדער אַ געמעל?

זי איז ביידע. זי איז — אַ פּאָעטישער געמעל, א פאַרבען־בילד אין ווערטער. דער מאַלער קען זי לייכט אַרונטערנעהמען אויף דער קאַנווע. מיר קענען זי אַפילו זעהן אָהן דער קאַנווע. זי איז קלאָר, זי איז העל, זי איז אין מעכטיגע שטריכען געמאָלען. עס איז אַ מאָמענט אין אַ שווער־פאַרכמאַרעטער נאַכט, ביים ברעג פון שטירמישען אָקעאַן, ווען דורך די וואָלקענס רייסט זיך פּלוצלינג דורך אַ פּאַס לבנה און פאַרציהט אַ „בריק פון ליכט" פון ברעג ביז ווי ווייט די אויג קען גרייכען. און ווי קרעפטיג די פאַרבען זיינען אָנגעוואָרפען: ווי געדיכט עס איז די פינסטערניש, ווי העל די ליכטיגקייט. עס איז אויף אַ קאַנווע אפשר קיינמאָל גלענצענדער ניט אָנגעוואָרפען געוואָרען דער קאָנטראַסט פון ליכט און פינסטערניש.

אָבער די שעהנסטע שעהנקייט פון דעם בילד ליגט אפשר אין דעם געפיהל, אין דער ליידענשאַפט מיט וועלכער עס זיינען דורכגענומען די ליכט־שורות. „און גייסטער... פאַרשפּרייטען איבער די... וואַלען

אַ שמאָלען פּערל־באַנד,
אַ שטעג פון שימער און פון שטראַהלען,
אַ בריק פון ליכט, געשפּאַנט
פון האָריזאָנט צום לאַנד.

עס פיהלט זיך די זשעדנעקייט מיט וועלכער דעם דיכטער׳ס אויג איז נעפאַלן אויף דעם פּלוצלינג אָנגעוואָרפענעם ליכט. דאָס בילד נעדויערט אָפּט

נאָר איין אויגענבליק, אָבער דער דיכטער כאַפּט אויף דאָס ליכט אין א סך שאַטירונגען. ער באַמערקט ווי דאָס ליכט איז צוברעקעלט אויף די צושפּריצטע וואַסער ווי „פּערל" און אָט איז עס שוין אַ „שטעג פון שימער", פון טאַנצענדיגען, וויבּרירענדען ליכט. און דאַן ווערט עס פּלוצלינג אַ „בריק פון ליכט".

פאַר יהואש'ן פאַרבען זיינען — אַ ליידענשאַפט.

און אָט איז אַ צווייטע שטעל פון אַן אַנדער ליעד: „אָוונט=קלאַנגען".

די זון איז אין דער אונטער=וועלט,
און אויף דעם באַרג=אַלטאַר
זיך צינדט אַ רויטער בראַנד,
און ווייהרויך=וואָלקענס שטייגען אויף
און שלייערן די פלאַם
מיט דינעם רויך=געוואַנד.

און וואָס איז ד י שטעל ? איז זי ליעד, איז זי בילד ? זי איז אויך ביידע. זי איז אויך אַ טעמע פאַר פּינזעל און קאַנווע. עס איז — אַ שטודיע אין פאַרבען=שפּיעל. די טעמע : אַ שפּיץ באַרג, אָנגעצונדען פון די לעצטע שטראַהלען פון דער זון, געזעהן פון אונטען, אין טאָל, דורך אַ דינעם וואָלקענטומאַן. דאָס נאָר. מען דאַרף נאָר פאַרמאַכען די אויגען און דאָס בילד באַוויזט זיך לעבעדיג. דאָס זיינען ניט מעהר די שווערע, טיפע פאַרבען פון דעם שטורם=בילד. עס איז אַ בילד פול צאַרטקייט, דורכזיכטיגער ציטערדיגקייט. זונען=ליכט דורך טומאַן — ווי אָפט אַנטציקט זיך די אויג דערמיט אין די זומערען, און אפילו אין ווינטער=צייט דורך אַ שניי=טומאַן, און וואָס פאַר אַ באַליעבטער מאָטיוו עס איז פאַר די מאַלער.

און אויך דאָ פיהלט זיך דער הונגער און די געפיהלפולקייט מיט וועלכער דער דיכטער זויגט די שעהנקייט פון דעם נאַטור=בילד אַריין. זיי שפּירען זיך אין די ווערטער „באַרג=אַ ל ט אַ ר" און „ו ו י י ה ר ו י ך=וואָלקענס" „אַלטאַר" און „ווייהרויך" זיינען רעליגיעזע זאַכען און זיי הויבען=אָן דאָס וואונדערליכע בילד מיט אַ שטילער הייליגקייט, זיי מאַכען דאָס נאַטור=בילד פאַר אַ גאָטעסדינסט. אפילו אַ „פּעלדבּלום" וואָס שטעהט דערביי

ווינט איהר קאָפּ ענטציקט
און ס׳פּאַלט אַ דימענט־טרער
אַרונטער אין איהר בוס...

די בלום ווינט פון פרייד, און דער דיכטער ווינט מיט איהר...

פאַר יהואש׳ן פאַרבען און קאָלירען זיינען ניט אַ זאַך מיט וועלכער נאָר צו צירען זיינע פערזען. זיי זיינען פאַר איהם אַן ענטציקונג, אַ פרייד, אַ ליידענשאַפט, אַ הונגער.

און דעריבער מאָלט יהואש אַזוי פיעל זונען־אונטערגאַנגען. ביי יהואש׳ן אַליין געפינען זיך מעהר זונען־אויפגאַנגען און אונטערגאַנגען ווי אין דער גאַנצער אידישער ליטעראַטור. און יעדעס בילד אַנדערש געזעהן און אַנדערש פאַר־צייכענט. אַמאָל זעהט ער, אין פריהמאָרגען, ווי „רויט און רויטער ווערט דער מזרח, צינדט פאַנאַדער זיך ווי צונטער“, אַמאָל זעהט ער, ביים אויסלעשען זיך פון טאָג, ווי „בּיסלאַכווייז אַלץ בלייכער ווערט דאָס גאָלד און רויט, די פאַרבען שטאַרבען און ווערען גרינליך טויט“; אַן אַנדערש מאָל איז עס גאָר „אַ הייפעל פאַרקופּערטע וואָלקענס זיך שפּילט“ און ווידער איז עס „די שטילע אָוונט־שעה, מיט גאָלד און פורפור־פאַסען“; דאַן אויך „ברעכט פונ׳ם מזרח דער מאָרגען אַרויס, און פינזעלט די הימלען מיט פורפור און רויז־פאַרב, מיט קופּער און גאָלד און ס׳רוקט זיך אַרויס אַ רונדע און רויטע און בלוטיגע זון“ — אַ גאַנצע גאַמע פון פאַרבען, פונ׳ם ערשטען שפּראָץ אויף טאָג ביז העלען טאָג. און אַזוי ווייטער און ווייטער, אָהן שיער.

עס איז נויטיג צו באַמערקען ווי דעם דיכטער געלינגט עס איבערצוגע־בען אַזאַ פאַרשיידענאַרטיגקייט פון פאַרבען, כאָטש די אידישע שפּראַך פאַר־מאָגט אַזוי ווייניג ווערטער פאַר פאַרבען. זיין רייכער ווערטער־שאַץ פאַר פאַרב און קאָליר זעהט זיך אפשר אין ערגעץ ניט בעסער אַרויס ווי אין דעם פאָלגענ־דען ליעד, וואו יהואש וויל איבערגעבען די גאַנצע פאַרבען־רייכקייט פון שפּעטען הערבסט.

קומט צו שפּרייזען ווייכער תשרי
איבער אָבגעשאָרענע פעלדער,
פליקט ער בוימער

ווי געשאָכט'נע פויגעל,
קנייפּט ער הויפּענס פון די ריטער,
טרייבט ער שאָטענס פון דער ערד.
ווערען גאָלד און קופּער טיכער
אויסגעהאָפטען אויף דער ערד.
גאָלד און ווערמיל פאַרב און קופּער;
שפּרינגט אַ וועווערקע פון בוים
מיט אַ הויכען אויפגעפּאָכטען עק
און שאַרט אין גאָלד און קופּער,
אין גאָלד מאַראַנץ און קופּער,
פאַלט די זון אין שטיקער
דורך אָפּגעהוילטע צווייגען,
קוקט דורך הונדערט בלייזען
דער טייך מיט קיהלע בלויע אויגען...
קומט פון ווינקעל וואַלד אַן אַלטער
מיט אַ בינטעל אויפ'ן אַקסעל,
קליין און איינגעהויקערט
אונטער הויכע ליכטיגע אַלייען,
איבער גאָלד און ברוין און קופּער,
איבער גאָלד ציטראָן און קופּער.

עס איז קענטיג: עס איז דער „אינדיאַנער זומער". עס איז אַ פאַרבען-סימפאָניע פונ'ם הערבסט. די פאַרבען זיינען אימפּרעסיאָניסטישע, העלע, שרייאינגע. ווי דער לייט-מאָטיוו אין אַ סימפאָניע אַזוי ווידערהאָלט זיך דאָ דער לייט-מאָטיוו — קופּער, און דאָס איבעריגע — צעהנדליגע שאַטירונגען פון קאָליר אויסגערעכענט.

ווידער אַ בילד וואָס בעט זיך אונטער'ן מאַלער'ס פּינזעל.

אין זיין ליעדעל „דער קליינער טייך" איז יהואש מקנא דעם טייכעל וואָס ער איז דער היטער פון אַ קעניגרייך. דאָס קעניגרייך איז ווידער פאַרבען: „ביי-טאָג דער וואַלד, ווי אַלט און גרויס, קומט וויגען זיך ביי איהם אין שויס, און

בײנאַכט דער גאַנצער שטערן־װעג קומט רוהען אױף זײן דעק". יהואש'ס פּאָע־זיע איז אַזאַ קענינגרײך װי דער טײכעל. אין איהר שפּיגלען זיך אױך די שטערן און דער הימעל־פּראַכט, אין איהר שימערירען אױך װאַלד און פעלד און בלום אין זײער רײכטום פון קאָליר און פאַרב. איבעראַל, צו אַלע עלעמענטען פון דער נאַטור, איז יהואש געגאַנגען נאָך קאָליר־עפעקטען.

און דער עיקר צו דער זון, און צום — שנײ.

יהואש האָט ליעב אַלע פאַרבען, אַלע קאָלירען. ליעבער אָבער פון אַלע האָט ער — די ליכטינקײט, די העלע ליכטינקײט פון זון און שנײ.

יהואש'ס שנײ־ליעדער צעהלען זיך שיער ניט אין די צעהנער. קײן אײנ־ציגער מאָטיװ, מיט דער אױסנאַהם אפשר פון דעם זון־מאָטיװ, איז אין זײנע ליעדער ניט אַזוי פאַרטראָטען װי דער שנײ און זײן װײסקײט. „שנײ־שטערן" („אין געװעב", ב.) קען גערופען װערען דער געזאַנג פון װײסקײט.

װײסקײט,
װײסקײט,
װײסע טיכער אױף די טײכען,
װײסע ציכען אױף די גריבער,
װײסע האָרבען איבער שטײנער,
װײסע סטעפּ באַזעצט מיט װײסע זאַנגען,
װײסע קעפּ פון לינדען מיט געצאַקטע צײהנער,
װײסע צעפּ געבונדען אױף די צאַמען.
װײסקײט,
שטראָמען װײס־צושטױבטע ים'ען...

און „שנײ" און װידער „שנײ" און דער „ערשטער שנײ" און „שנײ־רוה" און „שנײ־לעגענדע" און „שליטען־גלעקלעך" און „דימענט־שטױב", װאָס איז נאָר שנײ אונטער זונען־שטראַהלען — דאָס זײנען נאָר אײנציגע פון די שנײ־ליעדער בײ יהואש'ן. און אַלע פול מיט ענטציקונג איבער דער װײסקײט, איבער דער לױטערקײט, איבער דער זױבערקײט פון שנײ און דער פראָסטיגער שנײ־לופט.

III

איך בּין אין פעלד אַרויס...
מיין פראָסט־הויך איז געווען
דער ערשטער וועלכער האָט
דעם קאַלטען קלאָרען אויר דורכגעפלעקט...

דער הויך, דער אָטעם האָט זיך געלעגט ווי אַ פלעק אין דער לופט. עס ליגט אַ געוואַלטיגע שילדערונגס־קראַפט אין דעם איינציגען וואָרט „דורכגע־פלעקט“. דער אָטעם אַ פלעק אויף דער לופט — ווי ריין און לויטער עס דערפיהלט זיך די לופט.

און די זון און די זונען־שטראַהלען — פון זייער ליכטיגקייט איז יהואש ממש שכּור. עס שווימט ניט אַ פיש פריידיגער אין וואַסער ווי עס פיהלט זיך יהואש אין מיטען פון אַ גאָס זונען־שטראַהלען.

און די הייסע מיטאָג שטראַהלען
בּליסטשען אָפּ פון טויזענט פונקטען,
שלאָגען אָפּ זיך פון די טייכלעך,
גלאַנצען אָפּ פון פענסטער־שויבען...

אין די איינע פיער שורות זיינען אָנגעהויפט ים'ען מיט זונען־ליכט. און אין אַן אַנדער ליעד:

און די זון פון סאַמע מיטען
מיט צעגליהטע פייער־שפּיזלען
שטריקט און העפט אַ טוך פון גינגאָלד,
אויף די לאָנקעס און די טייכען...

דאָס איז מאַלעריי — אויב ניט נאָך העכער. עס ווילט זיך זאָגען אַז אין אַזעלכע פערזען האָט די פּאָעזיע זאָגאַר איבּערגעשטיגען די מאַלעריי אין איהר אייגענעם געבּיט. עס איז שווער זיך פאָרצושטעלען ווי אַזוי דער מאַלער קען אין פאַרבּען איבּערגעבּען דעם בּליאַסק פון די שטראַהלען ווי זיי „בּליס־טשען אָפּ פון טויזענט פונקטען“ אָדער בּרענען ווי „צעגליהטע פייער־שפּיזלען“ העפטענדיג „אַ טוך פון גינגאָלד“. אַזאַ געמעל איז נאָך, דוכט זיך, קיינמאָל ניט געמאָלען געוואָרען. אָדער ווי זאָל די מאַלעריי איבּערגעבּען ווי עס —

„הענגט אויף אַ צווייג
אַ גילדענע זון אין אַ טראָפּען געפאַנגען“ ?

די שעהנקייט פון אַ גאַנצער זון אין אַ קליינעם טראָפּען טוי געפּאַקט — נאָר אַ גאָט־געבענשטע אויג קען אַזעלכעס דערזעהן, און נאָר אין דעם כּח פון דער פּאָעזיע ליגט עס איבערצוגעבען עס.

און אפשר נאָך שעהנער דערפון איז אַ זונען־אונטערגאַנג אויפ׳ן ים: וואו

אויבען וואָלקענס ווילד צופלאַקערט,
אונטען בייטען גאָלד צעאַקערט...

די כוואַליעס פון ים ווי צעאַקערטע בייטען גאָלד — וואָס קען זיין נאָך שעהנער, נאָך בלענדענדער דערפון ?

אָבער יהואש אליין האָט נאָך אפילו שעהנערס דערפון געזעהן:

דאָס שעהנסטע וואָס די בליקען
מיינע האָבען אין מיין הייפּעל טעג געפונען
איז געווען אַ שטראַהל וואָס טונקט
זיך אין אַ טייך, און ווערט צעפונקט
פון ווינט אויף הונדערט קליינע זונען...

די לעצטע דריי שורות — עס איז שווער צו זאָגען אין וואָס זיי זיינען וואונדערבאַרער: אין זייער מאַלעריי אָדער זייער „נון“־מוזיק... עס וועט ניט זיין קיין גוזמא צו זאָגען אַז זיי קענען פאַררעכענט ווערען צווישען דעם שעהנסטען צענדליג שורות אין דער גאַנצער וועלט־פּאָעזיע.

עס דאַרף נאָך באַמערקט ווערען אַז יהואש האָט ליב נישט קיין רוהיג ליכט, נאָר באַוועגליכעס, ציטערדיגס, ליכט ווי עס צאַפּעלט זיך, ווי עס וויבּרירט. זיין באַרג־שפּיץ ברענט ניט — ער צינדט זיך; זיינע שטערען שיינען ניט — זיי גלימצערן; דאָס לבנה־ליכט לייכט ניט — עס שימערירט; זיין זון — פלאַמט אָדער שפּריצט, זיינע שטראַהלען ווערען צעפונקט, ברעכלען זיך אויף טריזענט בליאַסקען — אַזאַ ליכט איז נאָך ליכטיגער, נאָך בלענדענדער...

אָט דאָס איז יהואש דער דיכטער, דער פאַרגעטערער פון ליכט.

V

יהואש דער נאַטור=דיכטער —

מיר האָבען שוין אייגענטליך געזעהן יהואש'ן אַלס נאַטור=דיכטער ווען מיר האָבען גערעדט וועגען זיין מוזיק און זיינע פאַרבען. יהואש האָט זיינע קלאַנגען פון דער נאַטור געקליבען, און זיינע פאַרבען פון דער נאַטור געשעפּט. אָבער יהואש אַלס נאַטור=דיכטער האָט נאָך אַן אַנדער זייט, דערגרייכט נאָך אַ העכערע מדרגה.

וואָרום עס זיינען פאַראַן פאַרשידענע מדרגות פון נאַטור=דיכטונג. די ערשטע, די איינפאַכסטע — ווען דער דיכטער כאַפּט נאָר אויף די אויסערליכע זייט פון דער נאַטור, די אויסווערטיגע געשטאַלט איהרע: בילדער, פאַרבען, טענער וואָס פאַלען אויף אויג און אויער. די צווייטע, די העכערע — ווען דער דיכטער ב אַ ל ע ב ט זיינע נאַטור=בילדער, הויכט אין זיי אַריין אַן אָטעם, פאַרפערזענליכט זיי, אָבער די בילדער בלייבען אַליץ איינצעלנע, באַזונדערע.

די דריטע, די העכסטע מדרגה, — ווען די נאַטור ווערט באַנומען ניט בלויז אין באַזונדערע טיילען און בילדער, נאָר אַלס עפּעס גאַנצעס; ווען זי ווערט באַלעבט און דורכגענומען פון עפּעס אַ ברייטען, אומכאַפּענדען, פּאָעטישען באַגריף, וואָס שמעלצט זי צונויף אין א י י ן בילד, אין איין גראַנדיעזען פאַרנעהם. ווי פאוסט זאָגט:

ווי אַליץ זיך אין אַ גאַנצעס וועבט
איינס אין צווייטען ווירקט און לעבט,
עס שטייגען די הימלישע קערפּער אַרויף און אַראָפּ
און איינע דער צווייטער די גאָלדענע עמער דערלאַנגט...

דאָס איז די פאַנטעאיסטישע נאַטור=ריכטונג. אַזוי האָבען די נאַטור געזעהן: געטהע, בייראָן, שעלי, וואָרדסוואירטה...

אין דער אידישער פּאָעזיע האָט יהואש אַזאַ נאַטור=דיכטונג געגעבען. די באַזונדערע נאַטור=ליעדער זיינע, און זייערע איינצעלנע בילדער, ויינען דורכגעוועבט מיט אַ פאַרבינדענדען פאָדים: אַ גאַנצע אינדיווידועלע נאַטור=אַנשוי=

אונג. די דאָזיגע נאַטור=אַנשויאונג, אויסגעוויקעלט פון די ליעדער, איז אַ פּאָ=עמע אין זיך אַליין, אַ פּאָעמע און—אַ בּייטראָג, אַ בּייטראָג צו דער פילאָזאָפיע וועגען דער נאַטור און דעם מענשענס בּאַציהונג צו איהר, זיין פּלאַץ אין איהר.

די דאָזיגע נאַטור=פילאָזאָפיע יהואש׳ס וועלען מיר דאָ פּרואווען אויסוויקלען.

קודם=כל דער אומפאַס, די ברייטקייט פון יהאש׳ס נאַטור=דיכטונג. יהואש׳ס נאַטור=פּאָעזיע איז ניט בּאַגרעניצט צו געוויסע עלעמענטען, צו געוויסע טיילען אָדער צו געוויסע שטימונגען פון דער נאַטור: זי איז רחבות׳דיג, זי איז קאָסמיש. ניטאָ אַ ווינקעל אין דער גרויסער ברייטער וועלט וואוהין זיין אויג און אויער האָבען איהם ניט געפיהרט. זיינע סימפּאַטיען זיינען אומבּאַגרעניצט. אין זיינע לאַנדשאַפטען געהען אַריין בערג און טאָלען, טייכען און ים׳ען, ערד און הימלען. ער דרינגט אַריין אונטער דער שאָלעכץ פון דער ערד און שוועבט אין שטורם=ווינטען איבער די וואָלקענס. זיין „געזאַנג“ איז באמת דער

געזאַנג פון גראָז,
געזאַנג פון ערד,
געזאַנג פון גאָלד=אַריץ איז געדערים פון אַ פעלז,
געזאַנג פון צין=ווייסען טייך
געזאַנג פון אויסגעלאָשנעם וואָלקען
ביים שוועל פון דער פאַרטונקעלטער זון,
געזאַנג פון הונדערט מיילען ברענענדיגען וואַלד
און סטאַדעס פון בּופלען אין געלאָף פון פלאַמען,
געזאַנג פון וואָרים אין זיין פוכינען בּאַדעק,
געזאַנג פון ווינט אויף אַלע מאַסטען אין די ים׳ען,
געזאַנג פון אַלע טויטע נעכט
און אַלע אומגעבאָרענע באַגינענס — — —

אין דער דאָזיגער ציטאַטע זעהט זיך דער ווייטער פאַרנעהם פון יהואש׳ס בּליק ניט נאָר אין דער בּרייט; ער שפּירט זיך אויך אין דער טיעף. מען דאַרף זיך דאָ דער עיקר אָפּשטעלען אויף דער שורה: „געזאַנג פון גאָלד=אַריץ אין געדערים פון אַ פעלז“. די שורה דרינגט טיעפער ווי עס טוט געוויינליך די נאַטור דיכטונג. די נאַטור=פּאָעזיע בּאַנוגענט זיך געוויינליך מיט׳ן אויסער=

ליכען געזיכט פון דער ערד. אָבער יהואש לאָזט זיך אַרונטער איין פלאַך נידרינגער — אונטער דער הויט פון דער ערד. ניטאָ קיין מעהר טויטע זאַך אין דער נאַטור ווי אַ האַרטער, קאַלטער פעלז. אָבער אַפילו אין דעם האַרצען פון דעם פעלז שפירט יהואש לעבען. „אונטער טויטע הויטען קריכען אום געבורטען".

אָט די איינגעזאַפּט יהואש'ס אַרונטערצודרינגען אונטער דער אויבערפלאַך פון דער ערד, צו זינגען פון דאָס וואָס עס קומט פאָר אונטער דער שאָלעכץ פון דער אַזוי גערופענער „טויטער נאַטור", אונטער דער הויט פון בוים, פלאַנץ און גראָז — איז דער גרונט-שטריך, איז דער אָריגינעלסטער שטריך אין יהואש'ס נאַטור-פּאָעזיע. יהואש'ס נאַטור-פּאָעזיע האָט אַ זעקסטען חוש. געהט מען אַריין אין וואַלד און פעלד אין זיינע נאַטור-לידער דערפיהלט מען זאַכען, וואָס מען האָט פריהער ניט געפיהלט. מען ווערט געוואָהר פון אַ נייער עקזיסטענץ, פון אַ נייעם פלאַך לעבען, אַ פלאַך נידריגער און טיעפער אין דער ערד ווי מיר זיינען געוואוינט אָנצונעמען.

פרייד און ציטער,
פרייד און ציטער,
אונטער טויטע הויטען קריכען אום געבורטען,
אונטער שוואַרצע בייטען טאַנצען נייסטער.

אַזוי זינגט יהואש אין איינעם פון זיינע לעצטע לידער. און אין איינעם פון זיינע ערשטע זינגט ער אין זעלבען טאָן:

איך ליעב צו אָטעמען דעם ערד-גערוך,
די וואַרימקייט און פייכטקייט פון *געבערען*.
דען זיסער ווי אין בלומען-פראַכט
מיר איז דער פריהלינג אין זיין אָנהויב *ווערען*.

דאָס *ווערען*, דאָס פאָרקומען, דאָס וועבען און שאַפען זיך, וואָס געהט אייביג אָן אין דער ערד — דערפון איז יהואש געוואַלטיג פאַרכאַפּט. יהואש ווייס ניט פון קיין גרעסערען וואונדער ווי דעם פריהלינג-וואונדער, ווען

דורך די וואָרצלען, דורך די צווייגען
הויבט די זאַפט זיך אָן צו שפּריצען
וועלכע שפּעטער זיך באַווייזען
ווערט אין בלומען און אין קווייטען,

און ווען

עס שפּרייט זיך מיט קרעפטיגער יונגער געוואַלט
דער פריהלינג נאָך־אָקאָרשט געבאָרען.

און קומט יהואש אַריין אין וואַלד פיהלט ער אַ „גרינעם צווייג־געדראַנג“ און ווי „דאָס אויבערשטע בלאַט“ אויפ׳ן שפּיץ בוים „פאַרגליווערט האָרכט צו דעם רוף פון פאַרבאָרגענע וואָרצלען“. ער שפּירט ווי עס שטראָמט דאָס לעבען פון וואָרצעל צו בלאַט און פון בלאַט צו וואָרצעל און ער הערט וואָס עס קומט פאָר אינווייניג אין דעם רויזענקנאָספּ.

אין רויזענקנאָספּ לעכצט די גענעפּטיגטע קווייט
איהר פעסטונג פאַנאַנדערצורייסען.

וואָס איז עס דאָס דאָזיגע שפּרייטען און שפּאַרען, די דאָזיגע אונטערערדישע עקזיסטענץ, וואָס יהואש דעקט פאַר אונז אויף?

עס איז אַן עראָטיק, עס איז אַ מין עלעמענטישער סענסואַליזם, עס איז — אַ געשלעכטס־לעבען.

די נאַטור אין יהואש׳ס ליעדער איז אָנגעפילט מיט ליידענשאַפטען, זי ברויזט מיט געשלעכטליכער תאוה, זי גיסט זיך איבער מיט עראָטישען גענוס, עס שלאָגט פון איהר — מיט לייב־גלוסטיגקייט.

עס איז דוכט זיך אין ערגעץ ניט צו געפינען אַזעלכע שורות ווי די פאָלגענדע אין דעם ליעד „אין וואַלד“.

איך בין ביי אַ גרויסען געהיימניס געווען...
כ׳האָב דעם אַלטען פאַרפלאָכטענעם וואַלד
אין זיין הייליגסטער שעה איבעראַשט

— — — — — — — — — — — —

דער אָוועגט־הויך האָט אין מיין אויער געשושקעט
„פֿאַרלאָז אונז! קיין מענש דאַרף ניט זיין
ווען דער וואַלד איז מיט זיך און מיט נאָט“...
דאָך איך בין געבליבען, און שאָטען נאָך שאָטען
געזעהן זיך צושפּרייטען אויף קוסטעס און גראָז,
ביז דונקעלערהייד איז אַ צווייג אין אַ צווייג
און אַ שטאַם אין אַ צווייטען פֿאַרשלונגען געוואָרען —
צוזאַמענגעקושט אין אַ בונד אַ געהיימען...

אין דער טונקעלקייט פֿון דער נאַכט זעהט דער וואַלד אויס צונויפֿגענאָסען, בוים אין בוים פֿאַרשמאָלצען, און דער דיכטער זעהט עס ווי אַ גרויסע ריזיגע ליעבעס־באַהעפֿטונג פֿונ׳ם וואַלד, אַ געשלעכטס־אויפֿגוס, אַ חתונה־נאַכט פֿונ׳ם וואַלד, פֿון וועלכער עס וועט קומען ניי לעבען

און אַ ברייטע ערד מיט אָנגעקוואָלענע בריסט
וועט זיך קרעמפּען, וועט זיך שטרעקען:
געבורט, געבורט.

אין אָט דער עראָטיק זיינען אַלע עלעמענטען פֿון דער נאַטור אַריינגעצויגען. ליבע — דאָס איז די גרויסע טרייב־קראַפֿט אין דער ערד, אין געוויקס, אין דעם הימעל. און איין עלעמענט ציהט זיך צום צווייטען נאָך גענוס, איין זאַך לעכצט נאָך דער באַריהרונג מיט אַן אַנדערער, פֿון וועלכער זי ווערט באַלעבט און באַ־פֿרוכטעט. „גרינע אויגען קוקען פֿון אַלע ריטלעך צום יונגען הימעל“; דער קאַרשענבוים שמאַכט צו די גראָזען און שנעעט זיי אַרונטער זיין ווייסען בליטהען־צודעק; אַ קערן פֿאַרזייט „שפּראָצט אין דער טיעפֿעניש און קריכט צום ווייסען ליכט“, און „צינגלעך גראָז באַלעקען זיך מיט גאָלדענע געטראַנקען“. אַלץ ציהט זיך אויבען, אויבען, צום לעבען, דער נאַנצער

— — פֿריהלינג קוועלט
פֿון די טיעפֿע וואָרצלען אונטען
צו די מאָך־באַדעקטע שטאַמען,
פֿון די טונקעל־קאַלטע גרונטען
צו דער זון און איהרע פֿלאַמען.

און ניט נאָר די ערד איז דורכגענומען מיט אָט דער עראָטיק און ליבע. אויך די זון, די שטערען און די הימלען. די עלעמענטען פון די הימלען זיינען אין אייביגען צווישענשפּיל מיט די עלעמענטען פון דער ערד, און דאָס שפּיל איז אַ — ליבעס־שפּיל.

די זומער־נאַכט, אין ים פאַרליבט,
האָט טיעף זיך אַרונטערגעבויגען:
מיין ווילדער ים, מיין שטאָלצער ים,
קום קוש מיר די גאָלדענע אויגען...

אָדער

אַ גאַנצען טאָג האָט אויף דער זון
דער ריזענבאַרג געהאַרט,
אַ גאַנצען טאָג איהר לעצטען קוס
מיט אומגעדולד דערוואַרט.

איצט קומט די גליקליכע מינוט,
די זון קומט שנעל אַראָפּ,
און בולט'ער און שוואַרצער שטעקט
דער באַרג אַרויס זיין קאָפּ...

אָט פאַלט זי פלאַמענדיג אַרויף
אויף איהר געליבטענס קאַרג
און קוסט מיט הייסער ליבעסגלוט
איהר חתן־ריעז, דעם באַרג.

אַמאָל איז דער זונען־אונטערגאַנג איפּ'ן שפּיץ־באַרג פאַר יהואש'ן אַ נאָ־טעס־דינסט; אַמאָל איז עס — אַ ראַנדעוואו, אַ ליבעס־באַגעגניש צווישען דער זון און דעם ריזען־באַרג. און וויפיעל ליידענשאַפט, וויפיעל „הייסע ליבעס־גלוט" אָט די צוויי ריזען־עלעמענטען פון דער נאַטור פיהלען דורך אין די גע־צעהלטע מינוטען פון זייער באַגעגניש.

און ווי ביי זון און באַרג אַזוי איז אויך די באַגעגניש פון טאָג און נאַכט ווען זיי טרעפען זיך אין דער אָווענט־שעה:

איצט קומט די שטילע אָווענט=שעה
מיט גאָלד און פורפור=פּאַסען,
און זומער=טאָג מיט זומער=נאַכט
זיך קושענדיג פאַרקנאַסען...

און ניט נאָר גרויס מיט גרויס אין דער נאַטור ליבען זיך און זוכען זיך. עס שעהמען זיך ניט צו קומען די גרויסע ריזיגע נאַכט, און די אומצעהליגע מיליאָנען שטערען איהרע, צו זוכען ליבע און קוויקונג ביי אַ קליינער, פאַרשעמ־טער — נאַכטבלימעל. אַ גאַנצען טאָג שטעהט זי אַ פאַרשלאָסענע, ביינאַכט נאָר עפענט זי זיך און דעקט אויף איהר שעהנקייט. קענען נאַכט און שטערען דעם נסיון ניט ביישטעהן. עס איז זעלטען צו געפינען אַ ליבעסליעד אַזוי צאַרט און וייך ווי דאָס ליעד יהואש׳ס „נאַכט=בלום“.

בלומען ליכט=באַנאָסענע
לאַבען רונד אַרום,
איינע אַ פאַרשלאָסענע
שטעהט די אָווענד=בלום...

בלאַט אויף בלאַט פאַרדעקענדיג
אין אַ קנויל געדרעהט,
טוליעט זי זיך שרעקענדיג
ביז דער טאָג פאַרגעהט...

שטאַרבט די זון זיך טוקענדיג
אין אַ טייך מיט בלוט,
קומט די נאַכט באַקוקענדיג
וואָס די שטילע טוט...

פינטלען שטערען טויזענטער,
זוכען זיי די בלום:
„טויט ז׳דער טאָג, דער ברויזענדער,
קום, דו קליינע, קום...“

שפּרינגט זי אויף אַ ציכטיגע
נאַקעט פֿון איהר כּוס..
פֿאַלען שטערען ליכטיגע
שמאַכטענדיג אין גראָז...

די קינדער פֿון הימעל זיינען אין די קינדער פֿון דער ערד פֿאַרליבט...

אָט אַזוי באַלעבט יהואש די נאַטור. אַנדערע דיכטער האָבען די נאַטור באַזעלט, פֿאַרגייסטערט, פֿאַרמאָראַליזירט; יהואש האָט זי — פֿאַרסענסואַליזירט. אַן אַנדער דיכטער, צ. ב. האָט אַזאַ געזונטען סענסואַליזם געמאָלען: דזשעק לאָנדאָן. אָבער לאָנדאָן האָט געמאָלען דעם סענסואַליזם פֿון דער חיה; יהואש — פֿון דער טויטער נאַטור. און אין דעם באַשטעהט די באַזונדערע אָריגינאַליטעט פֿון יהואש'ס נאַטור-דיכטונג.

זי איז פֿאַנטאַסטיש, און זי איז עס אָריגינעל. אין דער פֿאַנטאַסטישער נאַטור-דיכטונג איז עס אָפֿטמאָל שווער אָפּצוהיטען די פֿיינע גרעניץ צווישען נאַטור און מענש. דער דיכטער וויל די נאַטור באַלעבען מיט מענשליכע געפֿיהלען און ער — פֿאַרמענשליכט זי: דאָס הייסט, ער פֿאַרשמעלט זי, מאַכט זי קלענער, דריקט זי צוזאַמען צו מענשליכער מאָס. יהואש'ן אָבער געלינגט עס אויפֿצוהיטען דעם קינסטלערישען באַלאַנס: די ליבע צווישען דער זון און דעם באַרג, צווישען דער נאַכט און דעם ים — זי איז אַזוי גרויס און מעכטיג, אַז זי קען ניט זיין בלויז אַ קאָפּיע פֿון דער מענשליכער ליבע. עס דערפֿיהלט זיך, פֿאַרקערט, אַז די מענשליכע ליבע איז נאָר אַ קאָפּיע, אַ טראָפּען, אַ שפּריץ, אַ קליינער, נישטיגער טיילכעל פֿון דער גרויסער ליבע פֿון זון און באַרג, פֿון ים און נאַכט, פֿון דער גאַנצער נאַטור.

VI

די בייטען גרייט געלעגען,
פֿאַרהוננערט נאָכ'ן זאָמען,
און זאַפּטען גאַנצע תּהום'ן,
און הימלען שוואַרץ מיט רעגען...

מיר האָבען אין די פאָריגע שורות געזעהן: די נאַטור אין יהואש'ס ליעדער איז פול מיט עראָטיק. זי שפריצט מיט ליבענס־גלוט. זי איז אָנגעלאָדען מיט אַ שווערער ליידענשאַפטליכקייט. אַליץ אין דער נאַטור: די ביימער אויף דער ערד, די זאַפטען אונטען אין די אָבגרונטען, די אָנגעלאָדענע וואָלקענס אויבען אין הימעל — אַלע וואַרטען זיי און לעכצען נאָך באַפרוכפערונג, נאָר באַפּאָטערונג, נאָכ'ן זאָמען.

און ער, דער זאָמען, בענקט אויך ווי זיי, און ווי זיי רייסט ער און ציהט זיך, וואָרום

אין דעם זאָמען וואַרט די שפּראָצונג
אין די קנאָספען וואַרטען בלומען.

און ווען ס'געשעהט די באַהעפטונג צווישען ערד און זאָמען הויבט אָן צו „שפּאַרען און צו שפּראָצען דאָס נייע לעבען", עס „זופּט דער קוסט מיט הונדערט ליפּען", עס „זוכט דער גראָז וואָס מעהר צו נאַשען", און עס ווערט איבערגעהן אַ טאָג, אַ היינט, ביז מאָרגען, און

מאָרגען
וועלען גרויסע בלומען פּלאַצען פון די בעכער
און שפרינגען אין געזיכט דער זון...

דאָס גאַנצע שאַפען און געבוירען פון דער נאַטור אין די דריי פערזען אָפּגעשפּיגעלט: פון דעם ערשטען תאוה'דיגען בענקען ביז דער צייטיגער פרי. עס איז אַ סענסואַליזם, אַ געשלעכטליכקייט וואָס קוועלט און שטראָמט און ברויזט אין אַליץ און ציהט זיך — פון אָבגרונטען ביז אַרויף צו דער זון.

די ערד־עראָטיק איז אָבער ניט דער איינציגער מאָטיוו אין יהואש'ס נאַטורליעדער. יהואש'ס נאַטור פיהרט אויך אַן אַנדער לעבען, אַ ברייטערען, אַ פאַרשיידענאַרטיגען. יעדע זאַך אין דער נאַטור האָט איהר אייגענעם חלום צו טרוימען, איהר אייגענעם געפיהל אויסצולעבען. דאָס געפיהל פון שעהנקייט, צום ביישפּיל. ביי אַנדערע דיכטער איז די נאַטור שעהן—פאַר'ן מענשען. יהואש'ס נאַטור איז שעהן—פאַר זיך. זי לאָבט און קוויקט זיך מיט איהר אייגענעם אויסזעהן, מיט איהר אייגענעם חן. בלויז אין זיין לעצטען באַנד האָט יהואש אַ ליעד, „דאָס אויג-

זנאָו אומגעצעהלטע זונען האָבען דורך מיליאָנען יאָהרען „געשטאָכען די הויטען פון דעם תהו" און געפּאָדערט: „געבּער אַן אויג, געבּער פאַר אונז אַן אויג" — מסתּמא צו געניסען און בּאַוואונדערען זייער שעהנקייט. בּכלל אָבער געפינט יהואש'ס נאַטור איהר אייגענעם נענום אין איהר איינענער שעהנקייט. ווען דער הימעל פוצט זיך אויס אין דער גאַנצער גלאָררייכקייט פון אַ ווינטער־נאַכט איז עס ניט נאָר צו רייצען דער ערד'ס ליבּע נאָר אויך צו ווייזען איהר ווי שעהן ער איז. פאַלט אַ שטערען אין די בּוימער קושען זיי דעם הימעל'ס נאָבּ. עס שטעהט אַ קליין בּלימעלע, צו־פוס פון אַ ריעזען־בּאַרג, און ווערט אַזוי אַנטציקט פון דעם זונען־אונטערגאַנג אויפ'ן בּאַרג־שפּיץ, אַז זי צעוויינט זיך אַזש מיט אַ טראָפּען טוי. און וואָלקענס זיינען עולה־רגל פון ווייטע מרחקים, אויסגעצירט און אויסגעפוצט, צו אַ שעהנהייט־פעסט, צו אַ יום־טוב פון ליכט — אָנצוקוקען אַ זונען־אונטערגאַנג:

פון אַלע עקען הימעל זאַמלען שטילערהייד
אַ מחנה וואָלקען זיך, אין גאָלד און רויט געקליידט,
און שטופען זיך אַליין נעהנטער צו דעם מערבֿ'ס בּרעג,
אום אָנצוזען די שעהנע זון וואָס געהט אַוועק.

פון וועמעס־וועגען איז זון און הימעל און שטערען שעהן? „וועמעס וועגען דאָרט אין מערב שפּילט דאָס נאַכט־און־ליכט טעאַטער?" פאַר'ן מענשען? ניין: עס פיהלט זיך: צו גרויס איז דאָס שפּיל, צו קליין דער מענש. פאַר איהר, דער נאַטור אַליין, פאַר די בּערג, פאַר די וועלדער, פאַר בּלאַט און בּלום, פאַר ווינט און וואָלקענס — פאַר זיי איז די שעהנקייט פון דער נאַטור. בּלויז זיי זיינען גרויס און בּרייט גענוג זי אויפצונעהמען, זי בּאמת צו געניסען. און דעריבּער ווענדט זיך יהואש צום פריהלינג און זאָגט:

אָ פריהלינג, דיך קען נאָר געהעריג בּאַזינגען
דאָס וואַרימע ווינטעל וואָס צערטעלט די גראָז,
דער פיגעל וואָס פלאַטערט צום העל בּלויען הימעל
און צוויטשערט און טרילערט און ווייס ניט פאַרוואָס,
די קליינע מוראַשקע וואָס קריכט דיר לכּבוד
אַרויס פון דער נאַסער, פאַר'חשכ'טער ערד,

דאָס קלײנצינקע פֿליגעל אפילו װאָס לעבּט נאָר,
איין איינציגען טאָג פון דיין אָטעם גענערט,
די װאָלקען, די שטראַהלען...

דאָ איז דער טאָן ניט — עראָטיק װי אין די אַנדערע פריהלינג ליעדער װאָס מיר האָבּען געבּראַכט. דאָ איז — אַנטציקונג, פרייד איבּער דער שעהנקייט פון דער זון, פון דעם פריהלינג. דאָ איז — עסטעטיק.

יהואש'ס נאַטור איז אַן עראָטישע, זי איז אויך אַן עסטעטישע. זי ליבּט זיך אַליין, זי געפעלט זיך אַליין.

און אַזוי לעבּט יהואש'ס נאַטור: אין זיך, מיט זיך, פאַר זיך. און לעבּט איהר לעבּען גרויס, טיעף, ריזיג...

עס איז אַן אָריגינעלע אויפפאַסונג פון דער נאַטור. און איינגעאַרטיג זיינען אויך די שטימונגען און געפיהלען װאָס באַװעגען דעם דיכטער'ס האַרץ אין מיטען פון אַזאַ נאַטור, אַזוי באַגריפען און באַנומען.

װאָס פיהלט יהואש אין מיטען פון דער נאַטור, װעלכע געפיהלען טראָגען זיך אין זיינע ליעדער פון װאַלד, פעלד, ים, הימעל?

פרייד און לייד...

פרייד — מיט דער אויסערליכער זייט פון דער נאַטור; מיט איהר אינװעניגסטער זייט אָבּער — אומעט און צער.

דאָס אויסװערטיגע געזיכט פון דער נאַטור, איהר שעהנקייט פון ליכט-און-שטראַהלען שפּיל, איהרע פאַרבּען, איהרע קלאַנגען, איהרע פאָרמען — זיי פילען אָן זיין האַרץ מיט פרייד, מיט אַנטציקונג. מאַסען ליעדער האָט יהואש אין װעלכע עס װערט באַזונגען קיין אַנדער זאַך װי די פריידיגע שעהנקייט פון דער נאַטור: פון דעם „װינט װאָס כאַפּט אַ הויפען זון און באַשיט דעם טייך און עס קומען פישען און זופען“; פון דעם טייכעל װאָס פלוידערט קינדיש דורכ'ן װאַלד-באַרג און שלעפערט איין די בּוימער, פון דעם רויך פון אַ הויז װאָס „גרייזעלט אַנקעגען אַ פראָסטיגער זילבּער-לבנה“ א. א. װ. אָהן שיער. שעהן זיינען אָט די אַלע זאַכען אָנצוזעהן, איז עס אַ פרייד.

פיהלט זיך אָבּער דער דיכטער אַריין אין דעם ל ע ב ע ן פון דער נאַטור, אין יענעם לעבּען װאָס „װאַקסט און שפּרייט זיך, שפּאַרט און שפּראָצט“ אין די

אָדערען פון צווייגען און די געדערים פון פעלזען — דעמאָלט כאַפּט דעם דיכטער אַרום אַ בענקשאַפט, אַ געפיהל פון איינזאַמקייט און פאַרלאָרענקייט.

ווארום ער קען אין יענעם לעבען ניט אַריינדרינגען, ניט באַנעהמען עס. עס בלייבט פאַר איהם פאַרהוילען, אַ סוד...

ערד און הימעל ביידע שווייגען
האַלטען איין דעם סוד פון פריהלינג

— — — — — — — — — — — — —

ערד און הימעל און לבנה
עפּעס דאַכט מיר זיינען אַלע
טיעף פאַרזונקען אין מחשבות
און מיט זיך אַליין פאַרנומען...

עפּעס דאַכט מיר האָט מיין לעבען
גאָר קיין שייכות ניט מיט זייערן,
און איך שטעה און זיפץ און פרעג זיך:
ווער דאַרף דיך דאָ קראַנקעס מענשעל?

ער, דער דיכטער, איז אויסגעשלאָסען פון דעם לעבען פון דער נאַטור. ערד און הימעל נעהמען איהם ניט אַריין אין זייער נעהיימנים, זיי לאָזען איהם שטעהן אין דרויסען, אַליין, ווי אַ פרעמדען, ווי אַן איבעריגען...

זיי טרייבען איהם אפילו פון זיך. ווען דער וואַלד גרייט זיך צו זיין ליבעס-פעסט שושקעט אַן אָווענט-ווינט דעם דיכטער אין אויער: „פאַרלאָז אונז, קיין מענש דאַרף ניט זיין ווען דער וואַלד איז מיט זיך און מיט נאַכט". נאָך בייזער און שטרענגער איז די נאַטור צום דיכטער אין איינעם פון זיינע פריהסטע לידער „נאַטור און לעבען":

איך בויג זיך צו די בלומען איין,
זיי ווילען מיך ניט קענען,
די אויגען דיינע, זאָגען זיי,
מיט לוסט פון ראַכע ברענען.
דאָס טייכעל פליסט מיט נאָלד באַשפריצט

און לויפענדיג, דאָס וואַסער
מיר רוישט ברוגז'דיג: אַוועק
דו גאָט און מענשענהאַסער.

— — — — — — — — — — — —

די רוהיגע נאַטור דיך האָט
אַריינגעלעגט אין חרם...

מיר פיהלען דאָ פאַרוואָס דער מענש איז דער נאַטור דערווידער: די נאַטור איז רוה, די נאַטור איז פאָלקאָמענקייט, די נאַטור איז פרידען, דער מענש אָבער — איז אומרוה, ער איז ביטערקייט, ער איז האַס. ער איז דעריבער — אַן אומגעראָטענע, אַן אומגעלונגענע זאַך אין דער נאַטור, אַ פאַלשער שטריך אין אַ בילד, אַ פאַלשער קלאַנג אין אַ סימפאָניע. דעריבער איז ער אין דער נאַטור — ניט אויף זיין פלאַץ, אַ גאַסט אויף אַ פרעמדער חתונה.

איינזאַמקייט, פאַרלאָזענקייט איז אַ באַקאַנטער מאָטיוו אין דער נאַטור-פּאָעזיע בכלל. אָבער די איינזאַמקייט יהואש'ס איז זעהר אַן אייגענאַרטיגע. עס איז ניט אַ געפיהל אַז אין דער נאַטור איז ניטאָ קיין טרייסט און קיין פרייד צו געפינען. טרייסט און פרייד און לעבען און נענוס איז דאָ אַ סך צווישען הימעל און ערד. נאָר דער מענש איז דערפון אויסגעשלאָסען, אַרויסגעוואָרפען, — וויל ער איז מענש: ווייל ער איז אַ באַוואוסטזיניגע זאַך.

דיך קענען באַוואוסטלאָזע בלומען נאָר ריהמען
מיט זייערע פאַרבען און ריחות אַ סך...

זינגט יהואש אין איין אָרט צום פריהלינג. באַוואוסטלאָזע — ד. ה. זאַכען וואָס זיינען נאָר אינסטינקט, רויה, עלעמענטיש, ערדיש. דער מענש איז אָבער ניט איננאַנצען ערד: ער איז אַ „ווילדער מיש-מאַש פון שטראַהלען און שטויב" — שטראַהלען, גייסט.

עס איז אָט די „גייסטינקייט" פון דעם מענשען וואָס שיידט אָפּ, ווי אַ גלעזערנע וואַנט, דעם מענשען פון דער נאַטור. עס קען, דער מענש, דורך זיין „גייסט", ווי דורך אַ שויב, אָנקוקען די נאַטור, זי זעהן; אָבער אַריינטרעטען אין איהר, זיך צונויפגיסען מיט איהר — דאָ שטעהט די שויב אינצווישען.

צו אָט דעם מאָמענט אין יהואש׳ס דיכטונג געהער איין ליעד זיינס, וואָס איז איינע פון די מערקווירדיגסטע ליעדער אין דער פּאָעזיע:

איך ווייס ניט ווי אַזוי דאָס איז געווען:
איך בין געלעגען אונטען
איינגעדעקט אין וואַר׳מער זומער=נאַכט פון קאָפּ ביז פיס,
האָבען גראָזען אונטער מיר
און צווייגען אין דער הויך
גערעדט צו מיר,
און עמיצער אין מיר האָט זיי געענטפערט
און איך האָב צוגעהערט זיי ביידען
און ניט פאַרשטאַנען...

עס איז אַ מערקווירדיגע צושפּאַלטונג פון דעם „איך“, וואָס ווערט דאָ אין דעם ליעד אויסגעדריקט. דאָס ליעד איז געשריבען ניט לאַנג צוריק, און איז מיט אַ צוואַנציג יאָהר עלטער פון דעם „שטראַהלען און שטויב“ ליעד. אָבער עס איז אַן עכאָ פון דעמזעלבען קול. דאָס ביסעל „שטויב“ אין דעם מענשען רעדט זיך עס צוזאַמען מיט גראָז און צווייג, פרעגט און ענטפערט אָב, איבער דעם „איך“, אַרום דעם „גייסטיגען“ מענשען, וועלכער הערט זיי ביידען און קען זיי ניט פאַרשטעהן.

עס דערמאָנט אָן איבסענ׳ס „פרוי פון ים“: דער מענש איז אַמאָל אַ ים=באַשעפעניש געווען. ער האָט אָבער אויסגעקליבען יבשה; וואוינט אין זיין האַרצען אייביג די בענקשאַפט צוריק צום ים, צוריק צו די פרייע וואַסערען.

אָט די אָפּגעריסענקייט פון דער נאַטור, און דער צער דערפון, איז איינע פון די גרונט=טענער אין יהואש׳ס נאַטור פּאָעזיע. די אָפּגעריסענקייט און — דער פאַרלאַנג זיך צונויפצוגיסען מיט איהר. קיין מאָטיוו ווערט ניט אַזוי פיעל וואַריאירט, אויף אַזאַ און אויף אַן אַנדער אופן אויסגעזונגען, אין יהואש׳ס נאַטור=ליעדער ווי דער פאַרלאַנג, דאָס שטרעבען דורכצוברעכען די „שויב“ פונ׳ם גייסט, אַריבערצושפּרייזען די שייד=וואַנט און זיך צונויפגיסען מיט דער נאַטור, זיך פאַנאַנדערשמעלצען, זיך פאַרלירען, זיך אויפלעזען אין איהר לעבען, און כאָטש איין מאָל דערפיהלען וואָס איז, עס אַזוינס דאָס לעבען פון דער נאַטור

אין זיך אַליין, אַט יענע מעכטיגע עראָטיק, יענע גוואַלטיגע כּחות וואָס שאַפען און געבוירען, און טרייבען און באַוועגען הימעל, ערד און שטערן.
אין איינעם פון זיינע פריהסטע לידער זינגט יהואש:

איצט בין איך אַליין אין די דופטיגע פעלדער
פון זיך אַליין שעפּטשען אַרוים מיינע ליפען:
דו הייליגע אייביגע גרויסע נאַטור־וועלט,
נעהם־צו אין דיין שוים מיך און לאָמיר פאַרגעסען
מיין שפּל'ען מענשליכען איך אויף אַ ווײַלע
פאַרטרינקען מיך לאָז אין דיין קוועלענדען ברונען
פון לעבען וואָס האָט ניט קיין סוף און קיין אָנהויב.

אַריינגעהן אין דעם שוים פון דער נאַטור, זיך אויסטאָן פון דעם מענשליכען „איך", ווערען אַ טיילכעל פון איהר, דער גרויסער, דער אַל־פאַרשלינגענדער מוטער ערד, מוטער־וועלט — דאָס איז אַ געפיהל וואָס גרייכט פשוט צו אַ ליידענשאַפט אין יהואש'ס נאַטור־לידער. ווי פון אַ מעכטיגער קראַפט איז ער פון דעם דאָזיגען געפיהל באַהערשט און באַצוואונגען. צום פריהלינג זינגט ער:

אַ פריהלינג, ווי וואָלט איך זיך וועלען פאַרבייטען
און ליכטיג געפאַרבענעם בלאַט פון אַ בלום
איך זאָל ניט מיט ווערטער דיין שעהנקייט פאַרקריפּלען
נאָר זינגען אין דופטיגען שווייגען דיין רוהם...

און נאָך אפילו עפּעס וועניגער ממשות'דיגס ווי די בלאַט פון אַ בלום וואָלט דער דיכטער געוואָלט ווערען, כּדי די פאַרשמעלצונג מיט דער נאַטור זאָל זיין טיעפער, גאַנצער. אין איינעם פון די לעצטע ליעדער פרעגט אַ צויבער־מאַן דעם דיכטער:

איך האָב אַ קעניגרייך —
און וואָס איז דיין באַגעהר? —
„צו זיין אַ וואַסער־בלום אין טייך,
און מיט'ן טייך זיך וויגען הין און הער".

איך האָב אַ צויבערשטאָק
און וואָס איז דיין פאַרלאַנג ? —
„צו זיין אַ זום־זום דורכ׳ן טאָג,
און שלומערען אין אָווענט אויף אַ זאַנג״...

איך קום מיט אַלצדינג אָן,
וואס קלייבסטו אויס דערפון ? —
„צו זיין אַ טוי אויף רויטע מאָן
און שימערען און אויסגעהן אין דער זון״...

„צו זיין אַ זום־זום דורכ׳ן טאָג״, אַ „טוי אויף רויטע מאָן״ — דאָס איז אַ „קוים־זיין״, אַ קוים־עקזיסטענץ, אין דער נאַטור. אָפט דריקט זיך אויס דער־זעלבער מאָטיוו אין דעם פאַרלאַנג צו פיהלען די נאַטור אין זיך:

מיין צוקאָפּענס זיינען
האַרטע איינגעדרעהטע וואָרצלען,
זאָג איך זיך: אָט וועט געשעהן,
איינער פון די איינגעדרעהטע וואָרצלען

וועט מיר איינוואַקסען אין לייב,
און דורך מיינע בלוטען וועלען זאַפּען
וואַסערען פון אונטער־ערד׳שע טייכען,
און זאַפטען פון שטומע, טרויעריגע זאַכען
וואָס רעדען ניט, און טראַכטען ניט,
נאָר וואַקסען, וואַקסען, וואַקסען.

שיער ניט אַן אונהיימליכער סענסואַליזם פיהלט זיך אין אָט דעם פאַרלאַנג צו שפּירען אין די אייגענע אָדערען ווי עס שטראָמען די וועלט־זאַפטען אין בוזים פון דער ערד. און זיינע מינוטען פון העכסטען עקסטאַז פיהלט דער דיכטער דעמאָלט, ווען „דער וועלט׳ס גרויסער בוזים איהם הויבט מיט זיין אָטעם אַרויף און אַרונטער״, אָדער ווען

דו הערסט ווי עס ציהט און עס צאַפּעלט און גרינט
און דו אָטעמסט דעם נאַסען און גראַזיגען ווינט

און מיט איטליכען בלאָז
ווערסטו רעגען און ווינט, און ווערסט ערד און ווערסט גראָז...

אָדער ווען עס פאַלט איהם אַ טראָפּען רעגען אין געזיכט און ער דערפיהלט זיך „איינגעוועהט אין דער געהיימניס“ פון דער נאַטור, „איינגעזאַלבט און קען זיך היימיש פיהלען מיט וואָלקען און טיטאַנען־בערג, מיט בליץ און דונער־ברילען“.

צו דער זעלבער רייה ליעדער געהער אויך דאָס ליעד „אַ בודהא געבעט“. עס איז דערזעלבער מאָטיוו: דער פאַרלאַנג זיך אויפצולעזען אין בודהא, אַריינצוגעהן אין דער נירוואַנא, אויפהערן צו זיין כדי מ ע ה ר צו זיין, אויפהערן צו עקזיסטירן כדי אַ העכערע עקזיסטענץ צו דערגרייכען. און בודהא איז דאָ נאָר אַ נאָמען פאַר נאַטור. אין ברייטקייט פון שוואונג, אין צאַרטקייט פון שפּירונג, אין שאַרפקייט און דינקייט פון געפיהל האָט דאָס ליעד קיין גלייכען ניט אין דער אידישער פּאָעזיע.

בודהא,
גרויס דיין האַרץ און טיעף
ווי הונדערט ים'ען,
רוהיג ווי דער שניי פון הימאַלאַיאַ
אין דעם ווייסען מאָרגען —
טרינק אַריין מיין זעל
ווי די ערד טרינקט איין
אַ שפּרענקעל טוי געבליבען פון דער נאַכט,
ווי די זון זויגט איין
אַ הייטעל נעבעל אויפ'ן גאַנגעס טייך,
ווי די פולע נאַכט פאַרשלינגט
דעם שאָטען פון אַ שמעטערלינג...
לאָמיך שלומערען אין דיר
ווי אַ בלינדער זאָמען שלומערט
אין דער וואַרמער בייט,
און שפּירען בלינדערהייט
ווי אַלע וועלטען צוקען דורך דיין האַרץ...

נאָר אַן אויפגעלעזטער אין דער נאַטור וועט ער זיין גרויסע ליידענשאַפט קענען זעטיגען: צו פיהלען די גאַנצע נאַטור צוקען דורך זיינע אָדערען און טועם זיין דעם טעם פון דער נאַטור׳ס אייגענעם רויהען, עלעמענטישען, קרעפטיגען און מעכטיגען לעבען.

דאָס ליעד האָט קיין גלייכען ניט אין דער אידישער ליטעראַטור: עס איז אַ מייסטערווערק אין דער גאַנצער וועלט-ליטעראַטור. און אַזוי אויך יהואש׳ס גאַנצע נאַטור-דיכטונג: צווישען די אָריגינעלסטע אין דער גאַנצער ליטעראַטור.

אָט דאָס זיינען די עלעמענטען פון יהואש׳ס נאַטור-דיכטונג. עס איז מעהר ווי נאַטור-דיכטונג און געוויינליכען זין: שעהנע געמעלען פון שטיקלעך און ברעקלעך נאַטור. עס איז אַ גאַנצע, ברייט-פאַרכאַפּענדע, פּאָעטישע נאַטור-קאָנצעפּציע, אַן איינגעאַרטיגער פּאָעטישער וועלט-בליק, אַ דיכטונג און אַ פּילאָזאָפיע — די העכסטע מדרגה פון נאַטור-דיכטונג.

VII

מען קען ניט פאַרבייגעהן און ניט אָנווייזען ווי יהואש׳ס ברייטער חוש פאַר דער נאַטור האָט אונז געגעבען די נאַטור אין איהר דאָפּעלטען אויסדרוק: אין דעם אויסדרוק פון שעהנקייט און דעם אויסדרוק פון ערהאַבענקייט. ווארום פילפאַך איז די נאַטור און פילפאַך איז די ווירקונג וואָס זי מאַכט. די נאַטור איז גרויס און איז אויך קליין; זי איז נאָהנט און איז ווייט. אַ טיעפער אָבגרונט איז גרויס, אַ קלאָרער וואַסער-שטראָם איז קליין; אַ קוסט מיט בלומען איז נאָהנט, אַ זונען-אונטערגאַנג איז ווייט און ניט דערגרייכבאַר. איינס איז שעהן; דאָס אַנדערע איז — ערהאַבען. קאַנט האָט, דוכט זיך, דער ערשטער די צוויי געפיהלען אַנאַליזירט. ביידע, זאָגט ער, אי דאָס שעהנע אי דאָס ערהאַבענע, באַווירקען אונז אַנגענעהם; דער פאַרגניגען אָבער איז פאַרשידען: דער אָנבליק פון אַ באַרג וואָס זיין שפּיץ גרייכט אין די וואָלקען, די באַשרייבונג פון אַ שטורם — זיי גיבען אַ פאַרגעניגען וואָס האָט אַ צומיש פון מורא, פון פחד. אָבער אַ טאָל מיט בלומען, דורכגעשניטען מיט אַ שלענגעלדיגען שטראָם, אַ באַשרייבונג פון די רוהיגע פעלדער פון עליזעאום — דאָ איז דער פאַרגעניגען אַ פריידיגער, אַ שיינענדיגער. דאָס ערשטע איז דאָס ערהאַבענע, דאָס סובלימע אין דער נאַטור; דאָס צווייטע — דאָס שעהנע.

הויכע דעמבע־בוימער, איינזאַמע, טונקעלע וועלדער, די נאַכט — זאָגט ווייטער קאַנט — זיינען ערהאַבען: טאָג, בלומען־בייטען, קליינע בוימער — די זיינען שעהן.

די צוויי געפיהלען זיינען אָפּט מעהר ווי געפיהלען: זיי זיינען טעמפּעראַמענטען. יהואש פאַרמאָגט די ביידע טעמפּעראַמענטען:

ווי אָפט געזעסען בין איך אונטען אינ׳ם טאָל
באַקוקענדיג די שטיינערנע טיטאַנען־בערג,
וואָס טרעפּוויז שטאַפּלען זיך, ביז זייער שניי־זוים ווערט
פאַרלאָרען אין דעם הימעל׳ס ווייסע וואָלקען־פּרענז...
ווי אָפּט פון ווילד־צושליידערטע גרומאַדעס שטיין
חילות פון גיגאַנטען האָב איך אויסגעמאָלט
צונויפגעפלאָנטערט אין אַן אונגעהויערע שלאַכט,
און אַלע פעלז־בלאקען פאַרוואַנדעלט האָבען זיך,
אין ריזען־הענט, אין ריזען־פיס, אין ריזען־קעפּ...
— — — — — — — — — — — —
ווי אָפּט אין מיטען פון דעם אויסגעמאָלטען בילד
אַ פראָסט־געדאַנקען דורכגעשוידערט האָט מיין ברוסט,
אַז אַלץ אַרום איז טויט, און שטיל, און שטום און וויסט,
און איך אין טאָל אַן איינציג מילב־לעבען וואָס צאַנקט,
אַ מילב־לעבען וואָס יעדער טויטער פעלז אַרום
האָט אָנגענלאָצט מיט שטיינערנעם און קאַלטען האַס.

דאָס איז דאָס סובלימע, דאָס ערהאַבענע און גראַנדיעזע אין דער נאַטור. ברייט, ריזיג, מעכטיג, פול מיט פּחד. און אָט איז אַן אַנדער ליעד, אַ מוסטער פון דאָס שעהנע און היימליכע:

די לופט איז היים און ווירציג
מיט בוימער־פעך גערוך,
אין בלאָען הימעל בלאָנדזשעט
אַ שטרייף פון וואָלקען־פוך...

אויף ד'הויכע טאָפּאָל־שפּיצען
שלאָפט איין דאָס העכסטע בלאַט,
דער טייך הערט אויף זיך בלעזלען,
און שפּרייט זיך העל און גלאַט...

דער סאָד איז שטיל און זוניג,
נאָר ווען־ניט־ווען זיך הערט,
אַ דומפּער קלאַפּ פון עפּעל,
וואָס פאַלען צו דער ערד...

און ווען־ניט־ווען אַ בינען־זום,
ווי עמיץ זינגט פון שלאָף,
און ערגעץ פונ'ם שייער
דאָס קוואָטשקען פון אַן עוף...

דאָס לעצטע — אַ נאַטור סצענע, אין וועלכער עס „וואוינט דער גייסט פון שטילער טרוימערייי״; דאָס ערשטע—אַ „קאַלטע, שטאָלצע שטיינערנע וועלט״, די וועלט פון בערג.

בערג זיינען בכלל אַ באַליבטער נאַטור־עלעמענט ביי יהואש'ן. יהואש'ס בערג זיינען — די אַריסטאָקראַטען פון דער נאַטור. זיי שטאַרצען די קעפּ אייביג קעגען הימעל, העכער און איבער אַלץ און אַלעמען, הויבען די ערד אויף אין הימעל אַריין, און קוקען אויף דער וועלט שטאָלץ, קאַלט, מיט געטער־בליק. ווען זיי „שלאָפען אונטער די בלויע נעבעלדעקען״ האָבען די שטראַהלען ניט „די חוצפּה זיי צו וועקען״, און ווען די שטערען ביינאַכט ווינקען זיי ליבע אַרונטער — קוקען זיי זיך אפילו ניט אום: פאַר זיי זיינען ניט די קליינע שטערען, פאַר זיי איז — די זון:

קענען ניט די זון פאַרגעסען,
גרויס און פייערדיג און שעהן,
און די בלאַסע שטערען זעהען
אַזוי אָרים אוים און קליין.

די בערג זיינען ביי יהואש'ן די גראַנדיעזע קראַפט פון דער נאַטור אין רוה, אין פאַרגליווערונג; דער שטורם, און דער ים.— דאָס איז די סובלימע קראַפט פון דער נאַטור אין באַוועגונג. איך האָב שוין ביי אַ פריהערער געלעגענהייט ציטירט אַ ליעד פול מיט דער מאַכט און קראַפט פון אַ ווינטער־שטורם. אָט איז אַ שילדערונג פון אַ זומער־שטורם:

א, ניט געזונגנעם ליעד!
ווען ס'רייסט די שוואַרצע קודלעס פון דער נאַכט
דעם שטורם־וועטער'ס לויז־געלאָזטע מאַכט;
ווען ס'ברעכט זיך אָפּ פון קייט דער אוראַגאַן
און בייטש מיט לאַנגע בליצען זיין געשפּאַן,
און וואַרפט זיך אויף די הויכע פעלזען־ווענט,
און וויגט דער בערג אויף זייער פונדאַמענט,
און ווירבעלט צווישען ערד און הימעל
באַנלייט פון דונער'ס קראַך־געטימעל
דאַן...

וואָס פאַר אַ רציחה, וואָס פאַר א דראַנג! ווי מעכטיג האָט זיך דער אוראַגאַן פון קייט געריסען, און האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט, — ווער קען זיין מאַכט ווידער־שטעהן, זיין גאַנג צוריקהאַלטען? ווער נאָך אין דער אידישער ליטעראַטור האָט אַזוי געמאָלען די קראַפט, די פּשוט'ע פיזישע קראַפט פון דער נאַטור און איהר דראַנג די קראַפט צו באַווייזען, די כּחות אין שפּיל צו לאָזען?

דער אויבען־געבראַכטער שטורם־פערז איז גענומען פון „דאָס ניט געזונגענע ליעד". דאָס גאַנצע ליעד איז אַ פראַכטפולער מוסטער פון דאָס סובלימע. דאָס ליעד שילדערט פיער מאָמענטען פון אַ זומער־נאַכט: זונען־אונטערגאַנג, די מיטען־נאַכטיגע שטונדע, די ערשטע שווערע וואָלקענס — אָנזאָגער פון אַ שטורם, און דעם שטורם גופא. מיט זיינע מעכטיגע בילדער, מיט דער וואונדערליכער מאַלעריי און גרויסען, גרעניצלאָזען שוואונג איז „דאָס ניט געזונ־גענע ליעד" איינע פון די שעהנסטע נאַטור־ליעדער אין דער פּאָעזיע. אין מיטען פון דער גראַנדיעזער נאַטור, וואָס דאָס ליעד שילדערט, ווערט דער דיכטער אַרומגעכאַפּט מיט אַ טיעפען באַגעהר אַרויסצוזינגען די גאַנצע גרויס־

קייט און שעהנקייט איהרע, אָבער ער פיהלט זיך מאַכטלאָז. און ער פאַרגעהט זיך ממש אין טיעפען און צאַרטען פאַרלאַנג נאָך דעם ליעד, וואָס איז אַזוי גרויס און שעהן אַז עס קען ניט אַרויסגעזונגען ווערען. און ס'באַקומט זיך אַ האַונדערליכע מישונג פון דאָס גראַנדיעזע און באַשיידענע, פון דאָס סובלימע און שעהנע צוזאַמען:

דאַן הער איך דיך, אָ, ניט געזונגענעם ליעד!
דאַן שפּרינג איך אויף אַ ניי־באַלעבטער,
שוין ריהרט מיך אָן דיין קעניג־צעפּטער,
און ס'שטראָמט דורך מיינע גלידער
די לאַנג־פאַרלאַנגטע גנאָד,
דער ציטריג־צאַרטער סוד,
דאָס היים געגאַרטע ליעד,
דאָס ליעד פון אַלע ליעדער...
שוין ברעכט דער גייסט די צאַמען,
שוין איז דאָס האַרץ אין פלאַמען,
שוין פלאַקערט דאָס געבליט...
אָט איז עס... נאָך אַ טריט —
און ס'קומט דאָס ניט געזונגענע ליעד...
ווי ווייס עס שטראַלט!
אָט באַלד, אָט באַלד...
אַ פאַסיג וואָרט און פעסט געבונדען
אויף אייביג איז די ליכט־געשטאַלט...
דאָך וועה! שוין איז דאָס בילד פאַרשוואונדען —
איך האָב עס ניט באַצוואונגען,
דאָס ניט געזונגענע ליעד,
מיר איז צו זינגען ניט געלונגען
דאָס ניט געזונגענע ליעד. —

ניט נאָר קראַפט אין באַוועגונג, נאָר בכלל די נאַטור אין באַוועגונג און איבערגאַנג, איז ביי יהואש'ן אַ באַליעבטער מאָטיוו. אין „בין השמשות“ נעמט

דער דיכטער דעם צאַרטען מאָמענט פון נאַכט־צופאַלען און גיט איהם איבער אין אַ נאָמע פון שאַטירונגען און שטימונגען—פון דעם ערשטען זעצען זיך פון דער זון ביז טיעפער טונקעלקייט. ער הויבט אָן אַ „שניי" פון אַן ערשטען קליין שנייעלע, לאָזט איהם זיך פאַנאַנדערשפּילען אין אַ ברייטען און אַלץ ברייטערען שטורם, ביז ער ווערט אויסגעשעפּט אין שטילקייט. יהואש פּרואווט אפילו אויפצוכאַפּען מאַניפעסטאַציעס פון דעם נאַטור־לעבען וואָס בלייבען אין מיטען, ניט־דערענדיגטע, האַלב־פאַר'חלש'טע, ווי צום ביישפּיל, אַ שטורם וואָס קלייבט זיך אָן אָבער געהט זיך פאַנאַנדער רוהיג, אָהן אויסברוך.

עס בלייבט נאָך אַ וואָרט צו זאָגען וועגען שפּראַכען־בילדער אין יהואש'ס נאַטור־דיכטונג. דאָס קענטיגסטע, דאָס יהואש'דיגסטע שפּראַכען־בילד האָט אַ מאָדנע אייגענאַרטיגקייט: אַ צאַרטע, קוים־פיהלבאַרע, ניט אָנגעהמבאַרע זאַך טיילט עס אוים מיט אַ מאָדנער שאַרפקייט און רעליעפנעקייט פון איהר סביבה, פון איהר מעדיום. „אונטער צווייגען האָב איך זיך באַהאַלטען, מיט אַ שאָטען פאַר מיין אונטערשפּרייט"; כ'האָב געפאַנגען די וואָנג פון דער נאַכט אויף אַ קוויט אין די קאָרן"; „שאָטענס פון דער הויך, שאָטענס פון דער נידער ציהען אוים די גלידער": „איך האָב געזיפט דעם ים, געאַקערט ווינט; „און אונטער זיינע פיס צונגעהט ווי שפּינוועב דער וועג; „געפאַנגען דאָס אויג פון פאַרטאָג אויפ'ן בלויוויסען מאָן", און ווען ס'הויבט אָן צו טאָגען

.....און אומגעריכט
האָט אויפגעציטערט לעבען מיר די נאַכט,
און איינער האָט גענומען אויפקלייבען די שטערען
אַזוי ווי איך האָב נעכטען אויפגעקליבען
דעם פאַרמערס קארשען אין אַ קויש...

פוך און הויך איז די שטאָף פון וועלכע אַזעלכע מעטאַפאָרן זיינען געמאַכט, און נאָך דינער: דאָך לאָזען זיי זיך, דוכט זיך, מיט די הענט אָננעהמען, אַזוי קאָנקרעט, אַזוי קערפּערליך ווערען זיי אויף יהואש'ס פעדער.

דאָס זיינען, אין קורצען, איינינע פאַזען פון יהואש'ס דיכטונג. אַנדערע טרעטען אַרוים אין זיינע פילאָזאָפישע ליעדער, זיינע ליעבעס־ליעדער, זיינע

פאַבלען — די ליעדער פון לעבענס=חכמה, און אין זיין סטיל, וואָס איז אַ מייל=צייכען אין דער אידישער ליטעראַטור=שפּראַך. אָבער צו די זאָל אַ צווייטע אַרבייט געווידמעט ווערען.

„מו

אין פינסקי'ם

אין פינסקי'ס ערצעהלונג „חיים ד
לײדינטער, א באשימפטער, א באשפינ
מיט א צובראָכען הארץ, זײן תהלים א
געבעט פאר זײן קראנקער װײב, א
צרות, שלעג, זידלערײען, אונטערדריק
נעמט א מענש".

חנה, אין דער ערצעהלונג „אױס
איהר מאן דער קונצענמאכער — אָט
אן ארטיסט און איז געװאָרען א של
פורים-סעודה פרײלאך צו מאכען דער
געװאלד צוריקצושלעפען. און זי זוכט
נאָכצולאָזען די רײכע, און עס רײסט זין
בים װי: עס זאָל זײ נאָך באשערט זײ

אָט די טראגעדיע פון זײן „יענע
פון זײן אָנגעקניפט אָן א פרעמדען װײ
דיגע אומשטענדען, צו זײן גענ
רען א שלאָסער — די טראג
מענשליכער פערזענליכקײט אין צ
מאָטיװען אין פינסקי'ס שאפען.

דרײ באגריפען פון טראגעדיע ה
באגריפען פון מענשליכען לײדען, פון
ערשטער געהער דער צײט װען די מ
באהערשט געװען. װאו איז דעמאָלט ד
פון װעמען װערט דאָס מענשליכע לע
איז דעריבער דער סוף פון דעם מענ

„מענש"
אין פּינסקי'ס ערצעהלונגען

אין פּינסקי'ס ערצעהלונג „חיים דער משרת" זיצט דער העלד, חיים, אַ באַליידיגטער, אַ באַשימפּטער, אַ באַשפּיגענער פון זיין בעל הבית, און זאָגט תהלים מיט אַ צובראָכען האַרץ. זיין תהלים איז געבעט און אַ פּראָטעסט אינאיינעם. אַ געבעט פאַר זיין קראַנקער ווייב, אַ פּראָטעסט פאַר זיך, געגען יאָהרען פון צרות, שלעג, זידלערייען, אונטערדריקונג, געגען פופצעהן יאָהר זיין — „יענעמס אַ מענש".

חנה, אין דער ערצעהלונג „אויסגעפירט", איז ווילד פון באַליידיגונג וואָס איהר מאַן דער קונצענמאַכער — אָט דער וואָס איז געבאָרען געוואָרען צו זיין אַן אַרטיסט און איז געוואָרען אַ שלאָסער — איז אַוועק פון זיין אייגענער פּורים-סעודה פריילאַך צו מאַכען דעם בעל הבית. לויפט זי אַהין איהם מיט געוואַלד צוריקצושלעפּען. און זי זוכט עפּעס אַ גרויזאַם וואָרט, עפּעס אַ פלוך נאָכצושלאָזען די רייכע, און עס רייסט זיך צו איהרע ליפּען קיין גרויזאַמערע קללה ביז ווי: עס זאָל זיי נאָך באַשערט זיין צו זיין „יענעמס אַ מענש".

אָט די טראַגעדיע פון זיין „יענעמס אַ מענש", פון ניט זיין — זיך אַליין, פון זיין אָנגעקניפּט אָן אַ פרעמדען ווילען, פון ווערען באַצוואונגען פון דרויסענדיגע אומשטענדען, צו זיין געבאָרען אַן אַרטיסט און ווערען אַ שלאָסער — די טראַגעדיע, מיט איין וואָרט, פון דער פרייער מענשליכער פּערזענליכקייט אין צוואַנגען — איז איינער פון די לייטמאָטיוון אין פּינסקי'ס שאַפען.

דריי באַגריפען פון טראַגעדיע האָט די ליטעראַטור אַרויסגעבראַכט, דריי באַגריפען פון מענשליכען ליידען, פון טראַגישען מענשליכען אונטערגאַנג. דער ערשטער געהער דער צייט ווען די מענשהייט איז נאָך פון רעליגיעזען געפיהל באַהערשט געווען. וואו איז דעמאָלט דער קוואַל פון מענשליכען ליידען, וואו און פון וועמען ווערט דאָס מענשליכע לעבען באַשטימט? — פון גאָט. טראַגיש איז דעריבער דער סוף פון דעם מענשען ווען ער, דער מענש, שטויסט זיך

צוזאַמען מיט'ן ווילען פון גאָט, פונ'ם שיקזאַל, פון איבערנאַטירליכע קרעפטען, טראַגיש — ווייל דער אויסגאַנג איז פון אָנהויב אָן באַשטימט, דער אונטערגאַנג אומפאַרמיידליך. די גריכישע טראַגעדיע איז די דאָזיגע טראַגעדיע: „דער געבונדענער פּראָמעטעאוס", „קעניג אדיפּוס" א. אז. וו. „איוב" איז די אידישע טראַגעדיע פון דעם קאַמף פונ'ם מענשען געגען גאָט.

דער צווייטער באַגריף פון טראַגעדיע איז דער שעקספּירישער, די טראַגעדיע פון כאַראַקטער. שעקספּיר'ס מענשען געהען אונטער ניט אין קאַמף מיט גאָט. זיי קומען אום צוליב עפּעס אַ חסרון אין זייער אייגענער נאַטור — ווען די ריהרט אָן די מאָראַלישע אָרדנונג פון דער וועלט. פון וואָס קומט אום קעניג מאַקבעטה? פון זינדיגער אַמביציע — אַ כאַראַקטער שוואַכקייט. וואָס טרייבט האַמלעט'ן צום טויט? ווידער זינד וואָס קומען פון שוואַכען מענשליכען כאַראַקטער. אָטעלאָ קומט אום פון אייפערזוכט, מענשליכער פאַלשקייט, א. אז. וו.

דער דריטער באַגריף פון טראַגעדיע איז דער מאָדערנער, דער איבסענישער, די טראַגעדיע פון אומגעבונג. גאָט? ער איז ווייט. דער מענשליכער כאַראַקטער? — יאָ, אָבער וואָס איז דער מענשליכער כאַראַקטער? איז דער מענש געבאָרען דאָס וואָס ער איז געוואָרען? ניין. און דאָס איז געווען דער אויפטו פונם נייַנצענטען יאָהרהונדערט, וואָס ער האָט צוויי עלעמענטען אין דעם מענשליכען כאַראַקטער געפונען: דעם געבאָרענעם און דעם געוואָרענעם. דער מענשליכער כאַראַקטער ווערט געבאָרען איין זאַך, אָבער עס ווערט פון איהם אַ גאַנץ אַנדער זאַך—אונטער דער ווירקונג פון דער אומגעבונג, פון די אומשטענדען, פון דער—געזעלשאַפט. און אונזער צייט אַנטדעקט אַ נייעם מין טראַגעדיע—דעם אונטערגאַנג פונ'ם מענשען אין קאַמף מיט דער געזעלשאַפט. אין נאָראַ'ס טראַגעדיע איז ניט גאָט, ניט איהר אייגענער כאַראַקטער שולדיג — די געזעלשאַפט איז אין איהר שולדיג. אָסוואַלד אין „די גייסטער" געהט אונטער, ווי זיין פאָטער פאַר איהם איז אונטערגעגאַנגען — צוליב די אומשטענדען אין וועלכע ער איז אַריינגעצוואונגען געוואָרען.

די טראַגעדיע אין דעם לעצטען זין, די טראַגעדיע פון דער מענשליכער פערזענליכקייט ווי זי ווערט פון אומשטענדען באַצוואונגען און געבראָכען, איז די טראַגעדיע פון פּינסקי'ס העלדען. מען דאַרף דאָ באַטאָנען דאָס וואָרט

„ג ע ב ר אָ כ ע ן“. פֿאַרשיידענע קינסטלער האָבען אַ פֿאַרשיידענעם בליק אויף דעם מענשען, פֿאַרשיידענע באַציהונגען צו איהם. פּינסקי׳ס קוק און באַציהונג צום מענשען איז אַן אייגענאַרטיגע. זי איז ניט קיין עטישע — פֿאַר איהם טיילען זיך ניט די מענשען אויף גוטע און שלעכטע, עהרליכע און ניט עהרליכע, מאָראַלישע און אונמאָראַלישע. זי איז אויך ניט קיין ריין־עסטעטישע — ניטאָ פֿאַר איהם קיין שעהנע כאַראַקטערען און קיין מיאוס׳ע, אינטערעסאַנטע און ניט־אינטערעסאַנטע. ביי פּינסקי׳ן זיינען דער עיקר פֿאַראַן — מענשען גאַנצע און מענשען צובראָכענע, צוקריפּעלטע. און אַ גאַנצער מענש איז פֿאַר פּינסקי׳ן אַ בכבוד׳ער מענש. פֿאַר פּינסקי׳ן איז דער עצם מענש פֿריהער פֿון אַלץ אַ ו ו י ר ד י ג ע זאַך, אַ זאַך וואָס איהר עסענץ איז — בכבוד׳יגקייט, חשיבות. דאָס איז דער מענש אין זיין וואָרצעל, אין זיין אורשפּרונג. עס זיינען ניטאָ, לכתחילה, מענשען חשוב׳ע און אומ׳חשוב׳ע. די עצם טבע פֿון דער זאַך מענש איז ווירדיגקייט, ערהאַבענקייט, אַזוי ווי די עצם טבע פֿון גאָט איז די גייסטיגקייט, די עצם טבע פֿון מלאכים קדושה. די מענשען ווערען געבאָרען, „הויך“ צו געהן, „אַזוי ווי די פֿונקען אַרויף צו פֿליהען“.

וואָס ווערט אָבער פֿון דעם „בכבוד׳ן מענשען“ אין אונזער וועלטעל?

דאָס איז דער גרונט־אינטערעס אין פּינסקי׳ס שאַפֿען. ער זעצט אַריין זיינע מענשען אין דער היינטיגער אומגעבונג, דער עיקר אין דער אומגעבונג פֿון אינדוסטריעלען קאַמף און עקאָנאָמישער אָרימקייט, און ווייזט—ווי אַזוי די ווירדיגע זאַך ווערט פֿאַראומווירדיגט, די חשוב׳ע מענשליכע נשמה — באַליידיגט און ערנידריגט. די ראַנגלעריי פֿון פּינסקי׳ס העלדען איז ניט אַזוי די ראַנגלעריי מיט דער אָרימקייט, ווי מיט דער פֿאַרשוועכונג, מיט דער פֿאַראומווירדיגונג און פֿאַרשוועכונג פֿון עפּעס וואָס איז אין איהר נאַטור ערהאַבען, איידעל, עקזאַלטירט — די מענשליכע נשמה. זייער קריזיס איז דעמאָלט, ווען דאָס געפֿיהל פֿון שאַנדע ברענט דורך זייער האַרץ, און שאַנדע ניט אַזוי פֿאַר אַנדערע ווי פֿאַר זיך אַליין. און פּינסקי׳ס אָנקלאַגע געגען דער היינטיגער געזעלשאַפֿט איז דער עיקר דאָס — וואָס זי ערנידריגט און באַליידיגט די מענשליכע פּערזענליכקייט.

נעהמען מיר אַלס ביישפּיל ווידער אַמאָל חיים דעם משרת, וועמען מיר האָבען שוין דערמאָנט. די ערצעהלונג „חיים דער משרת“ איז — אַ שטודיע אין מענשליכער שפלות.

איהר לייענט איבער די ערצעהלונג און עס רייסט זיך ניט חילענדיג ארויס ביי אייך פון הארצען: וועה, ווי נידריג דער מענש קען זינקען! עס איז זעלטען צו באגעגענען אין דער ליטעראטור א כאראקטער אזוי בזוי'דיג, אזוי מענשליך־געפאלען ווי חיים. זיין ווייב איז אין א געפערליכען צושטאנד; ער מוז קריגען ביים בעל־הבית עפעס געלט. שטעהט ער הינטערן בעל־הבית'עס טיר ווי א נע־שלאגענער, אומריינער הונט, ניטא גענוג שטאלץ מיט דער צונג א פיהר צו טהאן. און ער וואלט ניט געקראגען ווען ניט זיין קליין רבקה'לע, ביי וועמען דאס לעבען האט נאך קיין צייט ניט געהאט דעם שטאלץ צו צוברעכען. ביי זיין זייט איז דאס מיידעלע א הערשערין; ביי איהר זייט איז ער — א געפאלענער שקלאף.

פון בעל־הבית פיהרט איהם פינסקי אריבער אין זיין הויז און ווייזט אונז ווי אזוי אויך דא איז ער צוטראטען און פארניכטעט. האט איהם פינסקי ליב אדער פיינט דערפאר? ניין. האלט איהם פינסקי מאראליש פאראנטווארטליך דער־פאר? ניט דאס אינטערעסירט איהם. איהם אינטערעסירט נאר צו ווייזען ווי אזוי דאס וואס איז אמאל א מענש געווען איז איצט — א צוטראטענער ווארים. און אז חיים איז אמאל א מענש געווען ווייזט אונז פינסקי דערמיט וואס ער לאזט זיין העלד זיצען א גאנצע נאכט און וויינען ביים תהלים אויף זיין מזל, אויף לאנגע יאהר צרות, קלעפ, שלעג, זידלעריי, אויף לאנגע יאהר זיין „יענעמס א מענש“. און פינסקי ווייזט אונז אויך אז חיים קען זיך ניט העלפען, אז ער איז מאכטלאז זיך צו וועהרען: ער ברייננט זיין העלד אויף מארגען צוריק צו זיין בעל־הבית, כאטש יענער האט איהם ווי א הונט דורכגעטריבען. ווארום, וואס האט חיים פארט געקאנט טהאן? ווייב און קינד ווילען דאך פארט עסען?!

אין חיים'ען ווייזט אונז פינסקי דעם מענשען שוין אחר המעשה, ווען ער איז שוין „פארטיג“, דעם פארענדיגטען פראדוקט פון דער היינטיגער ארדנונג. ליבער א סך האט פינסקי צו ווייזען זיינע „מענשען“ אין דעם פראצעס פון איבערגאנג, ווען זיי ראנגלען זיך נאך מיט דער אומגעבונג צו דערהאלטען זייער גאנצקייט, אויפצוהיטען זייער ווירדע. מאשע אין דער ערצעהלונג „אין צוואנ־גען“ איז אזא העלדין. דער מאן, בצלאל, האט געוואלט אז זי, די ווייב, זאל אויך עפעס טהאן צו פארדינען. ווייל דער ארימער געהאלט וואס ער פארדינט „כאפט ניט“. וואס זאל זי טהאן? ער האט פאר איהר אן עצה. ער האט פאר איהר

אַ מאָדעל: באַשע לאה, וועלכע גערט מיט קאָשיקעס. אָבער וואָס פֿאַר אַ שרעקליכער געדאַנק עס איז פֿאַר מאַשע׳ן צו ווערען גלייך „דער שטיק דינסציובע“. ווי באַליידיגט זי פֿיהלט זך, ווי מוטיג זי ראַנגעלט זיך: „וועסט שוין מיך מאַכען פֿאַר אַ פּשעקופּקע, וועסט שוין מיך מאַכען“—שרייט זי מיט פֿאַרצווייפֿלונג צום מאַן. אָבער ער פֿון איין זייט, די אָרימקייט פֿון דער אַנדערער זייט, ענגבערען אין איהר, ענגבערען טעג און וואָכען און מאָנאַטען און יאָהרען. ביז עס טרעפֿט איין מאָל, נאָר איין מאָל, חמשה עשר בשבט, ווען עס מאַכט זיך אַ געלעגענהייט אָפּצוטראָגען עטליכע קאָשיקעס און מאַכען אַ רובל דערביי. זי ראַנגעלט זיך ווי אַ פֿויגעלע אין די נעגיל פֿון דער קאַץ, אָבער זי קען זיך ניט אַרויסדרעהען. זי גערט. דער רובל איז דאָך אַזוי נויטיג, אויף ברויט, אויף אַ קלייד. און זי גערט. איהר נשמה פּראָטעסטירט אָבער דער רובל מאַניעט; ער שטעהט פֿאַר די אויגען. זי גערט איין מאָל און — וועט שוין שטענדיג גערן.

אַ שעהנע, ווירדיגע מענשליכע נשמה האָט מיט אַ רובל געקעמפֿט — און דער רובל האָט געזיגט.

ווירדיגקייט געגען אומווירדיגקייט, קדושה מיט טומאה האָבען זיך גע־באָרעט, און די טומאה האָט גובר געווען.

נאָך אפשר קינסטלערישער, זיכער פֿיעל טיעפֿער, איז דיזעלבע טראַגעדיע פֿון מענשליכען איבערבּרוך געשילדערט אין דער ערצעהלונג „אַ פֿאַרפֿאַלענער“. שמעון איז געווען אַן אָנשטענדיגער, ערליכער מענש, און דער עיקר — ווירדיג, שטאָלץ. אָבער פֿאַרזונקען אין אָרימקייט. וואַרפֿט אין איהם אַ פֿריינד אַריין דעם געדאַנק צו מאַכען אַ פֿינף רובל פֿורים פֿון פֿורים־שפּילעריי. זיין גאַנצער וועזען שרייט און פּראָטעסטירט געגען אַזאַ געדאַנק. ווי זאָל ער, שמעון, זיך אַליין אַזאַ שאַנדע אָנטאָן? אָבער ניט ברעכט אייזען, און זי האָט שמעון׳נען אויך געבראָכען. תשעה באב, ניט פֿורים, איז ביי שמעון׳ען אין הויז געווען ווען ער און זיינע צוויי קינדער האָבען זיך פֿאַרשטעלט פֿאַר פֿורים־שפּילער און זיינען אַוועק „איבער די הייזער“. דער נשמה־פּיין איז געווען אומדערבאַרמדיג אַזוי אויך. דאַרף זיך נאָך מאַכען, אַז אַן אַנדער פֿורים־שפּילער, אַ שכור׳ער, רייסט ביי איהם אַראָפּ די באָרד און מען דערקענט איהם, שמעון׳ען. דאָס איז געווען דער לעצטער קלאַפּ. די שאַנדע איז געווען צו שווער אַריבערצוטראָגען און ער הויבט אָן זינקען און זינקען ביז ער ווערט אַ שכור, אַ „פֿאַרפֿאַלענער“. און דאָך

איז געווען אַ צייט ווען „שמעון האָט קיין רויטע נאָז ניט געהאַט און די אויגען זיינען ביי איהם ניט פאַרצווינען געווען מיט אַ רויטער פליסיגקייט“.

און אַזוי ווייטער, אַ גאַנצע רייה פון העלדען אין פּינסקי׳ס ערצעהלונגען. דראַבקין איז אַ בראַווער יונג, אַ גלענצענדער בעל־מלאכה, אַ שטאָלצע, מוטיגע נאַטור, זעלבסטשטענדיג, אומבאַהערשט און אומבאַצוואונגען, אַזוי אַז ער קען זיך ניט איינהאַלטען קיין גאַנצען טאָג ביי די בעל־הבתים, די „עקספּלואַטאָרס“. ווערט ער אַ בעל־הבית פאַר זיך. אָבער עס העלפט ניט זיין באַשלוס צו זיין בעסער צו די אַרבייטער ווי די עקספּלואַטאַטאָרס: וואָרום דער חשבון שטימט פּאָרט: „אַרבייט־געלט וועט דיר קאָסטען כמעט אין צווייען טייערער ווי אַן אַנדערען, אויסאַרבייטען אין טאָג וועלען זיי אין צווייען נידריגער ווי ביי אַן אַנדערען — ווער וועט דיין סחורה קויפען?“

און דער שטאָלצער דראַבקין פאַלט, דער ווירדיגער ווערט — פאַראומווירדיגט.

די מעהרסטע העלדען אין פּינסקי׳ס ערצעהלונגען ענדיגען דערמיט וואָס זיי ווערען גייסטיג חרוב. ביי אַנדערע ענדיגט זיך עס פיעל טראַגישער — זיי געהען איינגאַנצען אונטער. איציע, אין „אַ מעשה מיט אַ הונגעריגען“, געהט אונטער אין ראַנגלעריי מיט׳ן הונגער, ער געהט אָבער אונטער אַ שטאָלצער און ווירדיגער מענש אַזוי ווי ער איז אויפגעוואַקסען אַ שטאָלצער און ווירדיגער מענש: ער הענגט זיך אין געפענגניס. אָבער ער הענגט זיך ניט כדי פּטור צו ווערען פון די ליידען, נאָר כדי „אָפּצוטהאָן“ די מענשען, נקמה צו נעהמען אין זיי, אין דער געזעלשאַפט, אין יענע וועלכע האָבען אַן אינטערעס אין מוטשען איהם, אין רודפ׳ען איהם, אין לאָזען איהם הונגערן. ער וועט זיי אָפּטהאָן, „ווי די אָפּגעשמיסענע וועלען זיי בלייבען“, ווען זיי וועלען קומען איהם נעהמען און איהם געפינען — אַ געהאַנגענעם.

אַזאַ סאָרט נקמה איז אפשר נאַאיוו, אָבער זי טראָגט אין זיך אַ טיעפען סאָציאַל־פילאָזאָפישען זין: זי ווייזט דעם באַזונדערען כאַראַקטער, וואָס עס האָט דער קאַמף פון דעם יחיד געגען דער געזעלשאַפט; זי ווייזט די אומגעהויערע מאַכטלאָזיגקייט פון דעם איינצעלנעם געגען דעם כלל, די מורא׳דיגע אומגלייכהייט פון די כחות. וואָרום, וואו איז זי, די געזעלשאַפט, אָט דער שונא וואָס איז פול איבעראַל און איז דאָך אומזיכטבאַר? און ווי אַזוי זאָל ער, דער הונגעריגער

איציע, זיך ראַנגלען מיט איהר ? וואו זאָל ער אָנהויבען ? פינסקי פיהרט איהם אַרויף אויפ'ן מאַרק=פלאַץ. דאָרט שטעלט זיך איציע אַוועק און — שטערט די מענשען אין זייער גאַנג. מען שלאָגט זיך אָן איהם אָן, מען שטויסט איהם, מען שטופט איהם, און ער האָט דערפון הנאה: ער „רעכענט זיך אָפ" מיט די מענשען, — ער טוט זיי רשעות.

עס איז שווער זיך פאָרצושטעלען אַ מעהר פאַטעטישע שילדערונג פון מאַכטלאָזיגקייט, פון אומגלייכען קאַמף, ווי די דאָזיגע „רשעות" איציעס. ביי שיילאָק'ן סיידען. ער, שיילאָק, דער ריעז, דער גייסטיגער גבור, וויל זיך אויך אָפרעכענען מיט זיינע פיינד, וואָס קען ער אָבער טהאָן? ער קאָן — זיך אָנעסען כאָטש אויף זייער רעכענונג; ער קאָן מיט אַ באַדינער אַ פוילענצער זיי אָנטיילען...

דיזעלבע מאַכטלאָזיגקייט נעגען דער אומגעבונג ווערט אויך געשילדערט אין „אַ מלחמה מיט גאָט". דער באַליידיגטער און שווער=געקריוודעטער פרומער איד ברעכט אויס אין שטאָלצען צאָרן נעגען גאָט אַליין. און וואָס גרעסער די מאַכטלאָזיגקייט אַליץ אונטערשטראָכענער איז דער מוטיגער שטאָליץ.

אין אָט דעם אומגלייכען קאַמף צווישען יחיד און כלל, וואו איין זייט איז באַוואָפענט מיט'ן מורא'דיגסטען כלי=זין — הונגער, נעהט עס די מענשליכע פערזענליכקייט אונטער, ווערט זי איינגעקאָרטשעט, איינגעשרומפען, צודריקט. און אַזוי ווי אַלס קאָנטראַסט, צו ווייזען וואָס דער מענש ק ע ן זיין, האָט פינ=סקי באַשאַפען אַ פאַנטאַסטישע ווירקליכקייט, אַ ווירקליכקייט אין וועלכער ער האָט געקענט לאָזען זיינע מענשען זיך אויסלעבען ג אַ נ ץ, פאָלקאָם, אָט אַזוי ווי דער דיכטער שטעלט זיך פאָר דעם אמת'ן מענשען, דעם גאַנצען, דעם ניט=צוקריפעלטען.

איך מיין דאָ זיינע היסטאָרישע ערצעהלונגען: „ברוריה", „זרבבל", „די נסיונות פון רבי עקיבא". קינסטלער זיינען שטענדיג געלאָפען צו דער פאַר=גאַנגענהייט אָדער צו דער צוקונפט צו געפינען זיך קינסטלערישע רעטונג פון דעם איצט. פינסקי איז געגאַנגען צו דער אידישער געשיכטע. דאָ האָט ער זיין פאַנטאַזיע געקענט געבען פרייען גאַנג, פרייען שפיל. דאָ האָט ער זיך אויסגעדיכטעט אַ מענשליכע פערזענליכקייט — דעם היפך פון דער וואָס ער האָט געפונען אַרום זיך. אַזוי ווי די איז געפאַלען אַזוי איז יענע געהויבען, אַזוי ווי די איז קליין און נישטיג, אַזוי איז יענע גרויס און ווירדיג. ברוריה, זרבבל,

רבי עקיבא, שמעון — דאָס זיינען וואונדערליכע געשטאַלטען, גרויסע, פאַרכאַפּענדע. „ברוריה“ איז אָהן ספק פינסקי׳ס מייסטערווערק צווישען זיינע ערצעהלונגען. אין דער דאָזיגער ערצעהלונג דערהויבט ער זיך צו אַ גוואַלדיגער הויך. אין סטיל איז זי זיין צייטיגסטע אַרבייט, אין דער ליבעס־שילדערונג — טיעף אָריגינעל. איך ווייס ניט פון נאָך אַ ביישפּיל אין דער ליטעראַטור, וואו די ליבע ווערט געשילדערט, ווי פינסקי טוט עס דאָ, דורך דעם כח פון דער שטימע. שמעון זוכט צו באַזיעגען די ציכטיגע ברוריה, ניט דורך פּערזענליכען רייץ, ניט דורך פּערזענליכער באַריהרונג מיט איהר: ער ווייזט זיך זעלטען אויף איהרע אויגען. ער וויל זי ברעכען — מיט זיין שטימע. און אַלע גאַמען פון דער ליבע, פון דעם ערשטען האָפנונגספולען אויפוואַכען ביז דער לעצטער פאַרצווייפעלטער אַנטזאָגונג ווען ער מוז מיט לעדיגען אַוועקגעהן, ווערען אין דער שטימע אָפּגעשפּיגעלט. דאָס איז אַזוי אָריגינעל אַז מען קען ניט פאַרביינעהן ניט דערמאָנענדיג עס, כאָטש אונזער אינטערעס איז דאָ דער עיקר — אין די פּערזאָנען. „ברוריה“ איז אַ יובעל־געזאַנג דער פאָלקאָמענער פרויען געשטאַלט, דער אידעאַלער פרויען פּערזענליכקייט. גרויס און שעהן און פאָלקאָם איז אויך די פּערזענליכקייט פון רבי מאיר. שטאַרק און פול זיינען אויך די איבעריגע פּערזאָנען אין דער ערצעהלונג. זיי זיינען מעהר ווי פּערזאָנען, זיי זיינען פּערזענליכקייטען.

די רעאַלע העלדען פינסקי׳ס און זיינע היסטאָריש־ראָמאַנטישע — דאָס זיינען נאָר צוויי פּנים׳ער פון דערזעלבער זאַך, צוויי פּנים׳ער פון דעמזעלבען „מענשען“: איינס ווי ער איז, דאָס צווייטע ווי ער וואָלט נעקענט זיין.

אָט דער מאָטיוו איז דער גרונט מאָטיוו אין פינסקי׳ס ערצעהלונגען, איבערהויפּט אין די ערצעהלונגען פון דעם אַרבייטער לעבען. אין דעם דאָזיגען מאָטיוו ווערען אַנדערע מאָטיווען פאַרשמאָלצען. דער עטישער און עסטעטישער מאָטיוו, צום ביישפּיל. מיר האָבען אויבען געזאָגט: פינסקי שאַצט ניט די מענשען — עטיש אָדער עסטעטיש. דאָס איז ניט אינגאַנצען ריכטיג. די ג אַ נ צ ע פּערזענליכקייט, די פּערזענליכקייט אַנטוויקעלט מיט אַלע איהרע פּאָטענצען, איז פאַר איהם אויך די ש ע ה נ ע פּערזענליכקייט. כאָטש די ניט־גאַנצע איז ניט מיאוס. „מענש“ ביי פינסקי׳ן קען בכלל ניט זיין מיאוס. עס קען נאָר זיין אין אַ קלענערער מדרגה פון שעהנקייט. און די וואַרימקייט מיט וועל־

כער פּינסקי'ס גאַנצער שרייבען איז אַזוי אָנגעגאָסען זאָגט אונז „וואו עס ליגט זיין האַרץ" אויך עטיש. געוויס „רעדט" זיך פּינסקי ניט „אוים" עטיש. ער „משפט" ניט, ער „פאַרדאַמט" ניט די „אָרדנונג". דערויף איז ער צופיעל קינסטלער. ער טוט נאָר איינס: ער שטעלט איהר אַנטקעגען איהרע צוקריפּעלטע העלדען, די פאַראומווירדיגטע מענשליכע פּערזענליכ־קייט, און די אָרדנונג ווערט במילא פאַרדאַמט. ווארום:

באַהאַנדעלט שטענדיג די מענשהייט אַלס ציעל, קיינמאָל ניט אַלס מיטעל — האָט קאַנט אַוועקגעלייגט אַלס דעם גרונט־פּרינציפּ פון דער עטיק. און דאָס עטישע לעבען איז דאָס פאָלקאָם אַנטוויקעלטע לעבען — האָט אַן אַנדער חכם, אַריסטאָטעל, געזאָגט.

פּינסקי'ס ערצעהלונגען ווייזען, אַז אונזער אָרדנונג טוט די ביידע זאַכען ניט. און דערמיט זיינען זיי טיעף און ריהרענד עטיש.

ה"גרויס
אינדעב איה

בײ פּרץ'ן געפינט זיך אַ שנ
ראַקטעריזירונג פון'ם נאַנצען אידיש
װען די נשמה אין די „דרײ נ
עפּעס, װאָס איז אױסטערליש שע
װיכטיג, געפינט זי ניט און באַקלאָג
קלײן... פעדערלאַך, שטרױעלאַ
װי די שלעכטע.

מען דאַרף זעהן דאָס אידיי
קלײנקײט, פון געצאַמטקײט, פון ג
בײ אַנדערע, כדי צו פאַרשטעהן די
ליטעראַטור. דאָס אידישע לעבען
באַגרעניצט און פאַרשטיקט, אַ לע
דערפאַר איז די אידישע ליטעראַטו
פון דעם ברעקעל, פון דער — ס

צװײ קרעפטען האָבען דאָס
געלאָזט זיך אױסברײטען, זיך אַ ק
איז געװען אַן אינערליכע, די
ליכע האָט זיך אױסגעדרי
די פילאָזאָפיע פון דער אידישער
שלחן ערוך, אין דעם „דאָמאָסטר
איז די פילאָזאָפיע פון דעם „סינ"
קער, יעדער ריהר אין דעם אידישע
פון פריהער, פון אַמאָל. די גרעני
פאַר דער פרײער טאַט, פאַר דעם או

די „גרויסע טאַט“ אין דער אידישער ליטעראַטור

בּיי פּרץ'ן געפינט זיך אַ שטעל, וואָס קאָן אָנגענומען ווערן אַלס אַ כאַראַקטעריזירונג פונ'ם גאַנצען אידישען לעבּען.

ווען די נשמה אין די „דריי מַתנות“ פליהט אַרום צו זוכען פאַר די צדיקים עפּעס, וואָס איז אויסטערליש שעהן, עפּעס, וואָס איז אומגעוויינליך גרויס און וויכטיג, געפינט זי ניט און באַקלאָגט זיך: די מעשים פון די מענשען זיינען אַזוי קליין... פעדערלאַך, שטרויעלאַך, פלעווּעס, שטויבּעלאַך; די גוטע מעשים ווי די שלעכטע.

מען דאַרף זעהן דאָס אידישע לעבּען אין אָט דער פּערספּעקטיוו פון קליינקייט, פון נעצאַמטקייט, פון ענגשאַפט, לגבי דער רחבות פון דעם לעבּען בּיי אַנדערע, כדי צו פאַרשטעהן די טיעפערע איינגענשאַפטען פון דער אידישער ליטעראַטור. דאָס אידישע לעבּען איז אַ בּאַשרענקט און בּאַצוואונגען לעבּען, בּאַגרעניצט און פאַרשטיקט, אַ לעבּען פון שטרויעלאַך, פון קליינע בּרעקלאַך. דערפאַר איז די אידישע ליטעראַטור — די ליטעראַטור פון דער קליינער טאַט, פון דעם בּרעקעל, פון דער — ס ק י צ י ע.

צוויי קרעפטען האָבּען דאָס אידישע לעבּען בּאַצוואונגען און עס ניט געלאָזט זיך אויסבּרייטען, זיך אַ קער צו טאָן, די פליגעל צושפּרייטען. איינע איז געווען אַן אינערליכע, די צווייטע — אַן אויסערליכע. די אינערליכע האָט זיך אויסגעדריקט אין דער אידישער רעליגיאָן. די פילאָזאָפיע פון דער אידישער רעליגיאָן ווי זי איז פאַרקערפּערט אין דעם שלחן ערוך, אין דעם „דאָמאָסטראָי“, אין דעם טאָג־טעגליכען לעבּענס־פיהר, איז די פילאָזאָפיע פון דעם „סיג“, פון דער צאַם, פון דער גרעניץ. יעדער קער, יעדער ריהר אין דעם אידישען לעבּען איז געווען פאָרגעשריבּען פאָראויס, פון פריהער, פון אַמאָל. די גרעניץ האָט ניט געטאָרט איבּערגעשפּאַנט ווערען. פאַר דער פרייער טאַט, פאַר דעם אונאָפּהענגיגען שריט איז קיין פלאַץ ניט געווען.

נעווים האָט אָט די פּילאָזאָפיע פון „סיני“ געהאַט איהר אורזאַך און איהר באַרעכטיגונג. זי האָט דאָס פאָלק קאָנסערווירט. אָבער שוין אין דעם וואָרט אַליין ליגט די אָנצוהערעניש אויפ׳ן שאָדען: קאָנסערווירען — דאָס הייסט אויפהאַלטען אין זעלבען צושטאַנד, איינגעדריקט און איינגעפרעסט, קיין לופט ניט צוגעלאָזט.

די צווייטע קראַפט, די אויסערליכע, דאָס איז געווען די אידישע רעכטלאָזיקייט. די אייביגע רדיפות, דער קליינגעלד־האַנדעל, די פּאָליטישע געבונדענקייט, די תּפיסה אין די געטאָס, דער תּחום — דאָס איז געווען אַ גרויסע שטייג, אין וועלכער אַ גרויסען שפּרייז צו טאָן איז ניט געווען וואו. דאָס גאַנצע אידישע לעבען איז צו קליינגעלט געוואָרען.

דעריבער זיינען די אידישע מעשים, די גוטע ווי די שלעכטע — פּלעווּעס אין שטויבעלאַך געווען. דער עיקר — די שלעכטע, די זינד. אין דעם אידישען לעבען האָט מען ניט געקענט זינדיגען. און ליטעראַטור איז — זינד. זינד אין דעם ברייטערען זין, אין דעם זין פון קאָנפליקט, צוזאַמענשטויס, ברוך. דאָרט, וואו ס׳איז קיין קאָנפליקט ניטאָ, דאָרט וואו אַלץ געהט שטענדיג אין דער גלאַטער קאָלייע, וואו אַלץ איז גאַנץ, דאָרט איז קיין באַוועגונג, קיין טעטיגקייט ניטאָ, און דאָרט קען קיין ליטעראַטור ניט זיין.

וואָרום קיינער האָט נאָך ניט אָנגעשריבען דאָס ווערק פון דעם גאַנצען, דאָס ווערק פון דער ניט־געשפּאָלטענקייט. דאָס רוהיגע לעבען, דאָס גאַנצע גליק, די ניט־צושפּליטערטע נשמה איז געשילדערט געוואָרען בלויז אין די — אוטאָפּיאַס.

דערזייף זיינען זיי אוטאָפּיאַס.

דאָס אידישע לעבען איז געווען אַזוי ווייט פּאַראַליזירט, אַז די אידישע טאַט, די וואָס איז יאָ געווען, איז אַ כאַראַקטעריסטישע: זי איז אַנדערש ווי די גוי׳אישע טאַט: זי איז אַן אָהן־ממשות׳דיגע, אַ ווייכע, אַ וועזען אָהן ביינער. נעהמט אַ כאַראַקטעריסטישע ערצעהלונג אין דער וועלט־ליטעראַטור, און איינע — אין דער אידישער ליטעראַטור. אין דער ערשטער איז דאָ וועזענטליכע פּאַסירונג, געשעהעניש, אויפטו, געפלעכט פון סיטואַציעס, אויב איהר ווילט פאַקט, פלייש. אין דער כאַראַקטעריסטישער אידישער ערצעהלונג איז די האַנדלונג—שטימונג, רייד, טראַכטען, עפּעס וואָס איז לופטיג, ניט קאָנקרעט, אָטעם.

זיינט, גייסט. אָט איז אַן ערצעהלונג פון גיו דע מאָפּאַסאַן. „דער האַלזבאַנד", דוכט זיך, הייסט זי. איהר סקעלעט איז פאָלגענדער: אַ יונגע פרוי, דאָס ווייב פון אַן אָרימען שרייבער אין מיניסטעריום, בענקט נאָך אַ לעבען פון בעלער, גלוסטינקייט, גלאַנץ. בענקט און קאָן עס ניט האָבען. איינמאָל ניט דער מיניסטער אַ באַל און דער אָרימער שרייבער ווערט געלאַדען. זיין פרוי לייהט ביי איהר פריינדין אַ דימענטענעם האַלזבאַנד. זי האָט אַ נאַכט פון פאַרגעניגען. פאָרענדיג אַהיים פאַרלירט זי אָבער דעם האַלזבאַנד. פאַר'משכונ'ט מען אַל'ץ און מען פאַרשולדיגט זיך און מען קויפט אַ האַלזבאַנד וואָס איז פונקט ווי דער פאַרלאָרענער. און די יונגע פרוי ווערט אַ וועשוואַשערין, געהט טאָן הויז־אַרבייט, כדי אָפּצוצאָהלען די חובות פאַר'ן האַלזבאַנד. עס געהען איבער אַ צעהנדליג־יאָהר. זי איז פאַר דער צייט גרוי און אַלט געוואָרען. איינמאָל באַגעגענט זי איהר אַלטע פריינדין און דערוויסט זיך, אַז דער פאַרלאָרענער האַלזבאַנד איז געווען פון פראָסטע גלעזלאַך און האָט געקאָסט אין גאַנצען עטליכע צעהנדליג־פראַנק. די פרוי כאַפּט זיך, אַז זי האָט איהר לעבען פאַרשפּילט דורך אַ נאַרישען טעות.

דאָס איז דער סקעלעט פון מאָפּאַסאַנ'ס ערצעהלונג. עס איז אַ ממשות'דיגע האַנדלונג. עס איז דאָ וואָס אָנצונעהמען. איהר קענט עס איבערדערצעהלען.

אָט אָבער איז דער אינהאַלט פון אַ פּאָר אידישע ערצעהלונגען. שלום אַש'ס „אַ אידישע טאָכטער": אַ אידיש מיידעל האָט לאַנגע שעהנע האָר. האָט זי חתונה און מען שערט זיי איהר אָפּ, און איהר האַרץ ווערט נעבאַך צובראָכען.

אָט איז דער אינהאַלט פון פּרץ'ס „אַז מען זאָגט משוגע גלויב". ביי אַ יונגענמאַן שטאַרבט דאָס ווייב; לעבט ער אָבער מיט איהר קבר און הערט ניט אויף צו בענקען נאָך איהר.

רייזען'ס אַ מעשה'לע: אַ איד דאַרף אַ פינף־און־צוואַנציגער. געהט ער צום גביר לייהען. ער האָט אָבער קיין מוט ניט צו זאָגען זיין בקשה און געהט אַוועק מיט גאָרניט.

די דריי דערמאָנטע אידישע מעשה'לאַך זיינען געוויס יעדע אַ קליין מייסטערווערק. וואָס איז אָבער דער כאַראַקטער פון זייער אינהאַלט אין פערגלייך מיט מאָפּאַסאַנ'ס? עס איז דאָ אַן אינהאַלט, אָבער עס זיינען ניטאָ קיינע פּ א ס י ר ו נ ג ע ן. די פּאַסירונגען זיינען ריינער זעלען־שטאָף. זיי געשטאַלטען זיך

אין צייט, אָבער ניט אין רוים. זיי זיינען ווי די זומער-וועב פעדימלאַך: שעהן צום אָנקוקען, אָבער ניטאָ וואָס אָנצונעהמען. איהר קענט אַ אידישע מעשה׳לע בלויז לייענען; איהר קענט זי ניט איבערדערצעהלען. וואָרום מען קען איבערדערצעהלען פּאַסירונגען, געשעהענישען, אָבער מען קען ניט איבערדערצעהלען שילדערונגען. די אידישע ליטעראַטור איז גאָלע שילדערונגען, רייד, געפיהלען, געדאַנקען, אָבער ניט קיין טאַטען.

די אידישע טאַט איז — אונטעטיגקייט. דערפאַר איז אונזער ליטעראַטור אַזוי רייך מיט מענשען אָהן ווילען, אָהן אַ רוקען-ביין, אָהן דעם כח אויסצופיהרען עפּעס מכח אל הפועל. איבערהויפּט איז רייזען רייך אין אַזעלכע מענשען. כמעט אַלע זיינע העלדען קאָנען אויסגעשטעלט ווערען אין איין שערענגע מיט אַן אויפשריפט איבער זייערע קעפּ: „טויגעניכטסען“.

עס איז נויטיג צו פאַרשטעהן דעם דאָזיגען גרונד-שטריך פון דער אידישער ליטעראַטור דערפאַר, ווייל דאָס גיט אונז דעם שליסעל צו איינעם פון די וויכטיגסטע ערשיינונגען אין איהר, צו דעם פעהלען פון דעם גרויסען ראָמאַן ביי אונז. שוין זייט עטליכע יאָהר, אַז מיר זיצען און קוקען אויף די פינגער פון אונזערע פען-קינסטלער און קוקען זיך אויס די אויגען: ווען וועט פון אונטער זייער פען שוין אַרויסקומען דער ראָמאַן, דאָס גרויסע ווערק, דאָס גרויסע אין דעם זין פון מאָס. דוכט זיך, אַז די ערשטע זאַך, וואָס מיר טוען, ווען מיר נעמען אַ ניי אידיש בוך אין האַנט אַריין איז — צו זעהן וויפיל זייטלעך עס האָט. אָבער דער גרויסער ראָמאַן קומט ניט. ער קען ניט קומען. וואָרום דאָס אידישע לעבען איז סקיצענהאַפט, און דעריבער מוז די אידישע ליטעראַטור אַ סקיצענהאַפטע זיין.

פאַר׳ן גרויסען ראָמאַן פאָדערט זיך קודם כל די גרויסע טאַט. עס פאָדערט זיך ה אַ נ ד ל ו נ ג, און האַנדלונג, וואָס לאָזט זיך ענטוויקלען און פאַרוויקלען. אָבער אין דער אידישער גאַס איז אַזאַ האַנדלונג ניט געווען. דאָס אידישע לעבען איז געווען איינפאַך ביז׳ן העכסטען גראַד: דאָס הויז, דאָס קרעמעל, דער ווערקשטאַט און די שול — דאָס איז גאָר דער געביט, אין וועלכען דער אידישער מענש האָט זיך באַוועגט. אָט אַזעלכע מענשען אין אַזאַ אומגעבונג האָט דער קינסטלער ניט געקענט פאַרגעבען קיין גרויסע פּראָבלעמען אויסצופיהרען. פון קורצע קליינע פעדים קען דער וועבער קיין גרויסען צייג ניט אויסוועבען.

מען דאַרף נאָר אָנכאַפּען איינינע גרויסע ראָמאַנען אין דער מאָדערנער ליטעראַטור, הוגאָס, אַנאַטאָל פראַנס'עס, זאָלאַס, טאָלסטאָי'ס און זיך פרעגען, צי וואָלטען זיי מעגליך געווען אין דער אידישער ליטעראַטור. וואָלט דאָס אידישע לעבען אין דעם קליינעם שטעדטעל געקענט ליפערען שטאָף גענוג פאַר אַזאַ ריזיג פאַנאַנדערגעוואָרפענעם, אַזאַ בריט=פאַרצווייגטען ווערק ווי „דער מענש וואָס לאַכט", „פּאַריז", „אַננאַ קאַרעניאַ" אָדער „וואָסקרעסעניע" ? אַזעלכע ווערק וואָלטען אין דעם אידישען שטעדטעל ניט געקענט אויפגעהן. דער באָדען דאָרט איז ניט רייך גענוג פאַר זיי זיך צו שפּייזען, דער רוים — ניט ברייט גענוג פאַר זיי זיך פאַנאַנדערצוצווייגען.

הוגאָ'ס איראָניע, פאַר וועלכער מלכים זיינען צו קליין געווען, וועמען וואָלט ער מיט איהר ביי אונז געביסען ? אפשר דעם גבאי אָדער דעם בעל=טאַקסע. טאָלסטאָי'ס נעכליודאָוו, דער לאַנד=רעפאָרמער, ווער וואָלט איהם פאָרגעשטעלט ביי אונז ? סיידען מענדעלי'ס „גוטבאַזיצער", דער אָרימאַן, וואָס טרעט אָפּ זיין איידים אין נדן עטליכע שטעדט — צו שנאָרען.

אין דעם פאַרנעהם פון יעדען פון די דערמאָנטע ווערק קומען אַריין לענדער גאַנצע, גאַנץ אייראָפּאַ. דער אומפאַס איז ברייט, דער שוואונג פאַנאַנדערגעוואָרפען, די פּערספּעקטיוו ווייט. אין דער אידישער ליטעראַטור אָבער איז עס כאַראַקטעריסטיש: זעלטען ווען אַ האַנדלונג אין אַן ערצעהלונג שפּרייט זיך אויס אויף צוויי שטעדט. זי הויבט זיך כמעט שטענדיג אָן און לאָזט זיך אויס אין זעלבען אָרט. עס ק ל ע ק ט ניט אויף צוויי שטעדט.

אַ גוטען באַווייז פאַר אונזער געדאַנק גיבען אונז די אַ=ליטעראַרישע ווערק, די אַזוי גערופענע „שונד"=ליטעראַטור אונזערע. וואָס איז דער גוף און די נשמה פון שונד ? די אומגעוויינליכע טאַט, דאָס שרייאינע, דאָס סענזאַציאָנעלע. אָבער קיין אומגעוויינליכעס, קיין שרייאינעס האָבען די שונד=שרייבער ניט געקענט געפינען אין די גרעניצען פון אידישען לעבען, און זיי האָבען זיך געזעהן געצוואונגען אַרויסצוגעהן אויף יענער זייט גרעניץ. דעריבער האָבען זיי אויסגעטראַכט אידישע פּריצים, אידישע גענעראַלען, אידישע פּויפּסטען אַפילו — אַלץ טאַט=פעהיגע מענשען. דער משומד איז אַן אָפטע פאַרשוין אין דער דאָזיגער שונד=ליטעראַטור. מיט דעם ערגסטען משומד האָט שוין דער שונד=שרייבער געקענט אויפטאָן מעהר ווי דער קינסטלער=שרייבער מיט'ן נרעסטען רב.

עס קלעקט ניט קיין האַנדלונג, עס זיינען ניטאָ קיין גרויסע טאַטען. און דעריבער איז עס אַזוי נאַטירליך וואָס יענעם ווערק וואָס איז אַזוי וואַרים באַגריסט געוואָרען אַלס דער ראָמאַן אין דער אידישער ליטעראַטור, בערגעלסאָנ׳ס „נאָך אַלעמען“, איז דער ראָמאַן פון לאַנגוויילינקייט, פון אונטעטיגקייט. מירעל געהט אונטער פון לעדיג געהן. איהר טראַגעדיע איז די טראַגעדיע פון פוסטען לעבען.

אין זיינע „טויטע נשמות“ כאַראַקטעריזירט גאָגאָל רוסלאַנד אַזוי:

„אין רוסלאַנד — זאָגט ער, — איז אַליץ אופ׳ן גרויסען מאַסשטאַב: פון די רוסישע סטעפּעס ביז די רוסישע פּיס“.

אַליץ, הייסט עס, איז אויפ׳ן גרויסען פאַרנעהם, אין גרויסען שוואונג.

דעריבער האָט רוסלאַנד איהר „גרויסע“ ליטעראַטור געשאַפען.

אָבער דאָרט, וואו דאָס לעבען איז שטויבעלעך און פעדערלעך, דאָרט קען זיין נאָר די סקיצע.

די „גרויס
אין דער איד

א. ק. אַקסאַקאָוו, רייִדענדיג וו
זיך אויס אין איין אָרט: עס זיינען ג
ביי יעדער זאַך, אַפילו ביי אַ פּאָ
פראַגע: וואָס באַווייזט עס? וואָס
אונזער עפּאָכע איז אַזאַ עפּאָכ
צייט איז אַ פאַרווירטע, אַ פאַרבלאָ
אַ נייע לעבענס-אָרדנונג, אַ נייעם ל
אידישע פאָלק זוכט אַ נייעם שטייג
רונג אין דעם גייסטיגען לעבען פון ז
שיקט זיך דעריבער צו קומען
דישער ליטעראַטור, און איהר שט
לאָזטו אונז הערען?
וואָס, אין קורצען, איז די פּילאָ
פאַרווירונג פון אונזער צייט — וואָס
דעם בלאָנדזשען פון דעם אידישען
זי אָנגעבאָטען? וועלכע וועגען האָ
גערופען דעם אידישען מענשען צו נ
צוערשט — די צייט, די וועלט.
צייט אין דער אידישער ליטעראַטור.
דורך איהר די וועלט צו זעהן. ו
די וועלט געזעהן, און דורך די אידיש
וואָס האָבען זיי דאָרט געזעהן און ווי
און דאָ, ביים ערשטען שריט

די „גרויסע אידעע"
אין דער אידישער ליטעראַטור

א. ק. אַקסאַקאָוו, ריידענדיג וועגען דער ליטעראַטור פון זיין צייט, דריקט זיך אויס אין איין אָרט: עס זיינען פאַראַן עפּאָכען אין לעבען פון אַ פאָלק, ווען ביי יעדער זאַך, אַפילו ביי אַ פּאָעטישער שאַפונג, מוז געשטעלט ווערען די פראַגע: וואָס באַווייזט עס? וואָס לאָזט עס אונז הערען?

אונזער עפּאָכע איז אַזאַ עפּאָכע, אונזער פאָלק איז אַזאַ פאָלק. אונזער צייט איז אַ פאַרווירטע, אַ פאַרבלאָנדזשעטע, אַ צייט, וואָס זוכט נייע וועגען, אַ נייע לעבענס-אָרדנונג, אַ נייעם לעבענס-זין, אַ נייעם מענשען אַפילו; דאָס אידישע פאָלק זוכט אַ נייעם שטיין-פונקט אויף דער ערד, און אַ נייע אָריענטי-רונג אין דעם גייסטיגען לעבען פון דער מענשהייט.

שיקט זיך דעריבער צו קומען צו אונזער פּאָעטישער שאַפונג, צו דער אי-דישער ליטעראַטור, און איהר שטעלען די פראַגע: וואָס באַווייזטו? וואָס לאָזטו אונז הערען?

וואָס, אין קורצען, איז די פילאָזאָפיע פון אונזער ליטעראַטור? אין דער פאַרווירונג פון אונזער צייט — וואָס פאַר אַ געדאַנק האָט זי אַריינגעזאָגט? אין דעם בלאָנדזשען פון דעם אידישען פאָלק — וועלכע לייטענדע אידעען האָט זי אָנגעבאָטען? וועלכע וועגען האָט זי געזוכט און אין וועלכע וועגען האָט זי גערופען דעם אידישען מענשען צו געהן?

צוערשט — די צייט, די וועלט. איהר פרובירט זוכען די וועלט פון אונזער צייט אין דער אידישער ליטעראַטור. מיר לייענען דאָך בכלל ליטעראַטור, כדי דורך איהר די וועלט צו זעהן. ווי אַזוי האָבען די אידישע פען-קינסטלער די וועלט געזעהן, און דורך די אידישע פען-קינסטלער — דאָס אידישע פאָלק? וואָס האָבען זיי דאָרט געזעהן און ווי אַזוי האָבען זיי עס געזעהן?

און דאָ, ביים ערשטען שריט, באַגעגנט אייך אַ מאָדנע ערשיינונג:

די וועלט איז אין דער אידישער ליטעראַטור נ י ט אָ. די גרויסע, ברייטע מענשהייט איז אין דער אידישער ליטעראַטור נית אָפּגעשפּיגעלט. איהרע פּראָבלעמען האָבען אין איהר קיין אָפּרוף ניט געפונען, איהרע איבערלעבונגען — קיין אינטערעס ניט אַרויסגערופען, איהר פּסיכאָלאָגיש לעבען — די פּעדער פון אונזערע קינסטלער ניט גערייצט. אונזער ליטעראַטור — איז פּראָווינציעל. איהר האָריזאָנט באַגרעניצט, איהר אויסקוק איינגעצאַמט. איינגעצאַמט אין דעם קליינעם שטעדטעל. אַפילו די גרויסע שטאָדט איז אין אונזער ליטעראַטור ניט אַריינגעדרונגען. און געלעבט האָבען מיר, דוכט זיך, מעהר אין שטאָדט, ווי אין שטעדטעל.

אַ ראיה — דער גוי אין דער אידישער ליטעראַטור. פּרובירט זוכען דעם ניט=אידען אין דער אידישער ליטעראַטור. ניטאָ קיין איינציגער ניט=אידישער העלד אין איהר גאַנצען גבול. אַ גוי׳אישער מענש, אַ גוי׳אישער טיפּ — ניט בנמצא. די אידישע ליטעראַטור איז גוים=ריין. אין אונזער ליטעראַטור האָבען מיר ניט געזוכט דעם גוי צו פאַרשטעהן, איהם לערנען צו קענען, נאָר דאָרט זיינען מיר — פון איהם אַנטלאָפען. דער איינציגער פּלאַץ, אַפנים, וואוהין מיר האָבען געקענט איהם ניט אַריינלאָזען, פריי זיין פון איהם. אַזוי ווי מיר וואָלטען זיך דאָ מיט איהם אָפּגערעכענט פאַר דער געטאָ, פאַר דער „טשערטאַ אָסיעדלאָסטי״: „דו לאָזט מיך ניט אַריין — לאָז איך דיך ניט אַריין״.

פעהלט דער מאָדערנער מענש ביי אונז, דער מאָדערנער מענש מיט זיין צושפּליטערטער נשמה, מיט זיין פאַרוויקעלטער פּסיכאָלאָגיע, מיט זיין סקעפּטיציזם, וואָס פאַראַליזירט זיין ווילען, מיט זיין אומרוה, וואָס טרייבט איהם נאָכצויאגען די ווינטען צווישען די וועלטען.

דער איינציגער ניט=אידישער העלד אין דער אידישער ליטעראַטור איז אפשר — דער שבת=גוי. די גוי׳אישע וועלט, הייסט עס, עקזיסטירט נאָר אויף אַרונטערצונעהמען די לייכטער ביי אונז. איין מאָל אין יאָהר צו ברייננען סכך פאַר דער סוכה.

און מיר האָבען דאָ פאַר זיך איינעם פון די פּאַראַדאָקסען פון דער געשיכטע: ווען די אידען האָבען געלעבט אין זייער אייגען לאַנד, אַליין, פאַר זיך, האָבען זיי געשאַפען אַ ליטעראַטור, וואָס איז וועלטליך, קאָסמאָפּאָליטיש. איך מיין דאָ דעם תנ״ך. דערפאַר טאַקע איז דער תנ״ך דאָס וועלט=בוך געוואָרען.

אָבער וואוינענדיג אין דער וועלט, פיהרענדיג אַ קאָסמאָפּאָליטישע עקזיסטענץ, קאָנען זיי נאָר אַרויסברייגגען אַ ליטעראַטור, וואָס איז ענג פּראָווינציעל. און דער פּאַר איבערזעצען זיך אונזערע שרייבער אַזוי ווייניג און קאָנען נאָר מיט שוועריגקייטען זיך אַריינרייסען אין דער וועלט־ליטעראַטור.

אונזער ליטעראַטור האָט אונז די מאָדערנע וועלט ניט געוויזען. זי האָט געלעבט און לעבט עד היום אויסערהאַלב איהר.

אויך האָט איהר אויג ניט געזעהן יענע גרעניצען, וואו די ניט־אידישע און אידישע וועלט האָבען זיך אַריינגעריסען איינע אין דער אַנדערער. און יענע גרעניצען האָבען דאָך געמוזט זיין געוואַלטיג אינטערעסאַנט. אַ „קאָרידאָר“, אין וועלכען ליכט און פינסטערניש האָבען אייביג געקעמפט, און וואולקאַנען האָבען פייער געשאָסען. צו ריידען אָהן בילדער: די דרויסענדיגע וועלט האָט דאָך אייביג געווירקט אויף אונזער אינערליכער וועלט, זיך אייביג געריסען אין אונזער פּסיכאָלאָגיע, און אונז אייביג געצוואונגען זיך צוצופּאַסען, זיך צו ענדערען. מיר האָבען דעריבער צו יעדער צייט אַ גרויסע פּסיכאָלאָגישע טראַנספאָרמאַציע דורכגעמאַכט. און אָט די פּסיכאָלאָגישע איבערלעבונגען, אָט דאָס, וואָס דער איד האָט גייסטיג דורכגעמאַכט אין זיין נויט זיך צוצופּאַסען צו אַ נייער וועלט און אין זיין צוזאַמענשטויס מיט נייע אידעען — דאָס איז אין דער אידישער ליטעראַטור ניטאָ.

עס קומט דאָ אויפ'ן זינען די רוסישע ליטעראַטור אין דער צייט, ווען דאָס באַריהמטע „פענסטערל קיין אייראָפּאַ“ איז געעפענט געוואָרען. וואָס פאַר אַ ברויזען פון געפיהלען, וואָס פאַר אַ קאַמף פון אידעען עס איז אין דער רוסישער ליטעראַטור פאָרגעקומען! דאָס פענסטערל איז עד היום ניט פאַרמאַכט, פאַרקערט, עס ווערט אַלץ מעהר און ברייטער געעפענט. און די אינטערעסאַנטסטע זייט פון דער רוסישער ליטעראַטור, ניין, איהר הויפּט־זין פיליייכט, איז אָט דאָס יירען, אָט דאָס אומאויפהערליכע ברויזען, וואָס אייראָפּאַ האָט פאַראורזאַכט אין איהר ווירקונג אויף רוסלאַנד.

און ווען אייראָפּאַ האָט אויף רוסלאַנד געווירקט, האָט זי דאָך גלייכצייטיג אויפ'ן אידישען רוסלאַנד געווירקט. און רוסלאַנד גופא — אויף דעם אידישען טייל פון איהר. דאָך אין אונזער ליטעראַטור האָט אָט די דאָפּעלטע ווירקונג, אָט דער שפּיל פון איינפלוסען קיינע שפּורען ניט איבערגעלאָזט.

אָנגעהויבען האָט אין דעם פּרט אונזער ליטעראַטור ניט שלעכט. די השכלה=ליטעראַטור מיט איהר מעכטיגען קאַמף געגען פאַנאַטיזם, שפּעטער געגען דער רעליגיאָן, איז נאָר געווען אַן אָפּקלאַנג פון דעם, וואָס איז פאָרגעקומען אין רוסלאַנד און אין אייראָפּאַ. די השכלה איז אָבער ניט עולה יפה געווען. אויף קרומע וועגען איז זי אַוועקגעגאַנגען. איהר לייטענדער מאָטיוו איז געווען — ניט אַ סינטעז צווישען אייראָפּאַ און דעם אידען, אַזוי ווי רוסלאַנד האָט געטאָן. זי האָט דעם אידען געוואָלט איננאַנצען פאַרניינען. און זייער נעגאַטיווער קערן, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקען, האָט ניט געקענט ברייננגען קיין פּאָזיטיווע פרוכט.

מענדעלי האָט אויך אַ נוטען אָנהויב געמאַכט. מענדעלי האָט געקוקט מיט איין אויג אויף דער אידישער וועלט, מיט דער אַנדערער — אויף דער גרעניץ צווישען דער אידישער און ניט=אידישער. דאָס לעצטע האָט אונז געגעבען די „קליאַטשע“ און „ישראל'יק“ — ביידע די עפּיק פון דעם אידען צווישען די פעלקער. מיט'ן צווייטען אויג האָט ער געזעהן „דאָס ווינשפינגערל“, „פישקע“, שלמה ר' חיים'ס“ א. א. וו. אין גיכען אָבער האָט ער דאָס אייראָפּייאישע אויג פאַרמאַכט, און מיט איהר איז פאַרמאַכט געוואָרן אַ קוואַל פאַר דער אידישער ליטעראַטור.

פּרץ האָט פּרובירט אַריינבליקען אין יענער גרעניץ=געגענד, וואו די צוויי=גייסטיגע וועלט=מלוכות, דאָס יודענטום און קריסטענטום, באַריהרען זיך. זיינע „פיער דורות, פיער צואות“, געהערט אַהער. זיינע „ר. יוחנן מלמד'ס מעשה'לעך“ געהערען אַהער. ר' יוחנן מלמד, דער גייסטיגער פאַרטרעטער פון אַלטען, פּאַטריאַרכאַלען יודענטום, קומט אַריין אָנקוקען די מאָדערנע פאַבריק פון זיין אַמאָליגען תלמיד. און ער פרעגט: וואָס וואָלט אַ משה אָדער אַ ישעיה געזאָגט, ווען זיי וואָלטען אַריינגעקומען אַהער אין דעם הו=האַ פון פּאַרע און אייזען? אין קורצע, שלאָגענדע שטריכען ווערען די צוויי וועלט=אַנשויאונגען, די אידישע און אייראָפּייאישע, געגען איינאַנדער געשטעלט, און די העכערקייט פון דער אידישער איבער דער ניט=אידישער געוויזען. שלאָגענדע שטריכען, אָבער דאָך — שטריכען. קליינע טראָפּעלאַך, וואָס ווערען קיינמאָל נישט קיין שטראָם, קליינע פונקען, וואָס ווערען קיינמאָל ניט קיין פלאַם.

און דאָך איז אין אָט דעם פּראָבלעם, מעהר ווי אין יעדען אַנדערן פּיליכט, געלעגען דער אָריגינעלער געביט פאַר דער אידישער ליטעראַטור. ער האָט געהערט נאָר צו אונז. ער איז געלעגען פאַר אונז אַליין צום באַאַרבייטען. אָבער מיר האָבען איהם אפילו נישט אָנגעריהרט.

נעהמט דעם אָפּגעריסענעם אידען, צום בייספּיל, דעם אידען, וואָס ווערט אָוועקגעריסען אָדער הינגעריסען פון דער דרויסענדיגער וועלט. ער איז אַן ערשיינונג אין אונזער לעבען. אָבער וואו איז ער אין דער אידישער ליטעראַטור? ער האָט געלאָקט די פעדער פון שרייבער אין אַנדערע ליטעראַטורען, נאָלדשמיד, שניצלער, טשיריקאָוו און אַנדערע. אונזערע איינענע שרייבער נאָר האָבען איהם ניט געזעהן.

אַן אַנדער טראַדיציע אָבער האָט מענדעלי איינגעשטעלט, וואָס איז געוואָרען דער קענטיגסטער שטריך פון דער אידישער ליטעראַטור. מענדעלי זאָגט אין אַן אָרט, דוכט זיך אין שלמה ר׳ חיים׳ס: — לאָמיר — זאָגט ער — אויסמאָהלען דעם ויידענ׳ס שטוב, מיט איהר אויסזעהן, מיט איהרע מעבעל. זאָלען די שפּעטערדיגע דורות וויסען, ווי אַזוי אַ אידיש הויז האָט אויסגעזעהן. אין די לעצטע ווערטער איז אויסגעדריקט מענדעלי׳ס גאַנצע ליטעראַטור-פילאָזאָפיע. מענדעלי האָט געפיהלט, אַז די אַלטע פאָרמען פון אידישען לעבען פאַלען פאַנאַנדער, לעזען זיך אויף. און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מען דאַרף זיך אונטעראיילען זיי אָבצושילדערען, זיי צו פאַרצייכענען, זיי צו—פאַרעוויגען. פון דעמאָלט אָן איז די אידישע ליטעראַטור געוואָרן איין גרויסער — רעגיסטער-בוך. איין שרייבער נאָכ׳ן אַנדערען זיינען ביי אונז שטאַרק פאַרנומען נאָר מיט איין אַרבייט — פאַרשרייבען, פאַרצייכענען, אָפּפאָטאָגראַפירען דאָס אַלטע, וואָס וועט באַלד מעהר ניט זיין.

דערפאַר געפינען מיר ניט ביי די אידישע שרייבער יענע אינערליכע באַציהונג צו זייערע העלדען, וואָס מיר געפינען אין אַנדערע ליטעראַטורען. גאָגאָל׳ס באַציהונג צו טשיטשיקאָוו׳ן איז אַן אינערליכע: ער קאָן איהם אינערליך ניט פאַרטראָגען. ער וויל איהם אַרויסטרייבען פון לעבען. טאָלסטאָי׳ס באַציהונג צו נעכליודאָוו׳ן איז אַן אינערליכע: ער זוכט איהם, ער דאַרף איהם, ער וויל איהם אין לעבען אַריינפיהרען. און ביידען געלינגט: גאָגאָל פאַרטרייבט טאַקע די

טשיטשיקאָוו׳ס. ער יאָגט אונטער דעם פּראָצעס פון זייער פאַרשווינדען. טאָלסטאָי רופט אַרויס אין לעבען נעכליודאָוו׳ן: עס גרינדען זיך סעקטעס פון טאָלסטאָווצעס. דער טאָלסטאָיזם ווערט אַ קולט, אַ ווירקענדער, אַ שאַפענדער כח אין לעבען. וועמען האָט אָבער די אידישע ליטעראַטור אַרויסגעטריבען און וועמען האָט זי אַרויסגערופען אין לעבען? וואו זיינען ביי אונז יענע, וואָס האָבען זיך פאָרגענומען צו לעבען אַזוי ווי די אידעאַל־געשאַפענע העלדען אין אונזער ליטעראַטור? אין אַנדערע ליטעראַטורען זיינען זיי אָבער אַ גאַניץ ניט־זעלטענע ערשיינונג. אַ גאַנצער דור פון יונגע דייטשען האָבען זיך פאַרליבט כדי צו קענען באַגעהן זעלבסטמאָרד ווי געטהע׳ס „ווערטהער“.

אונזערע שרייבער אָבער זיינען נאָר שילדערער, זייטיגע צושויער. און זייער אינערליכע באַציהונג צו זייערע העלדען איז נאָר — דאָס באַדויערען, וואָס זייער געגענשטאַנד איז פאַראורטיילט צום פאַרשווינדען. באַשאַפען אידעאַלע העלדען — דאָס האָבען זיי ניט. וואָרום דער רעגיסטראַטאָר האָט נאָר די אויפגאַבע צו פאַרצייכענען דאָס, וואָס איז פאַראַן.

און דאָ האָט אויך די השכלה־ליטעראַטור זיך אויסגעצייכענט: זי האָט דאָך די מענשען באַוועגט, זי האָט זיי געמאַכט זיך שניידען די פאות, זיך אונטערהאַקען די רעק, און אויפהערען פאָהרען צום רבי׳ן. זי האָט דאָס לעבען געפיהרט. אָבער פון דער השכלה אָן האָט די אידישע ליטעראַטור פאַרלאָרען איהר פיהרענדע ראָלע. זי פיהרט ניט דאָס לעבען, זי שלעפּט זיך נאָך נאָך איהם.

די קונסט־מעטאָדע פון אונזער ליטעראַטור איז געוואָרען דעריבער ניט די שאַפונג, נאָר די שילדערונג, און איהר הויפּט מאָטיוו — אַ רעליגיעזער ראָמאַנטיזם. דאָס איז נאַטירליך, ווייל די וועלט, וואָס זי האָט זיך פאָרגענומען צו פאַרצייכענען איז אַ רעליגיעזע וועלט געווען. אָבער צום מאָטיוו, פונקט ווי צום געגענשטאַנד, איז ניטאָ ביי אונזערע שרייבער קיין טיעפע אינערליכע באַציהונג. טאָלסטאָי האָט אַ רעליגיעזע ראָמאַנטיק, און פּרץ האָט אַ רעליגיעזע ראָמאַנטיק, זיין חסידיזם. אָבער טאָלסטאָי איז פון זיין רעליגיעזער ראָמאַנטיק באַהערשט. ער איז אַליין פון איהר הינגעריסען. ביי פּרץ׳ן אָבער איז זי נאָר אַ שעהנע ליטעראַרישע טעמע. און ווי ביי פּרץ׳ן אַזוי ביי אַנדערע. עס פעהלט ביי אונז די עכטקייט פון געפיהל, די אויפריכטיגקייט. און דעריבער האָט אונזער ליטעראַטור ניט

דעם כח הינצורייסען, צו באַאײנפלוסען. זי איז אַ סטאַטישע נישט קיין דינאַמישע, אַ רעפלעקסיווע ניט קיין אימפולסיווע. זי שפּיגעלט אָב פון אויבען, זי גראָבט ניט טיעף אונטען. דערויף פעהלט איהר ענערגיע, כח.

עס פעהלט איהר כח. עס פעהלט איהר די קראַפט אויפצוהויבען אַן אײגענע אידעע צו וועלט־וויכטיגקייט, צו וועלט־באַדייטונג. אפילו אין געבאָרגטע אידעען קאָן זי ניט דערגרייכען די הויך, צו וועלכער אַנדערע ליטעראַטורען שטייגען אויף. אָט איז אַ ביישפּיל, אַ כאַראַקטעריסטישער: דער מאָטיוו פון „אײזען" אין דער מאָדערנער ליטעראַטור, דער מאָטיוו פון דער גרויסער שטאָדט פון שטאָל און שטיין. עס איז אויבען געזאָגט געוואָרען, אַז די גרויסע שטאָדט איז נאָך נישט אַריינגעדרונגען אין אונזער ליטעראַטור. דאָס איז נישט אינגאַנצען ריכטיג. די יונגע אידישע ליטעראַטור האָט זיך גענומען אָפּרופען אויף דער גרויסער שטאָדט. ווי אַזוי ווערט דער אײזען־מאָטיוו אין איהר געשילדערט? עס געהט נישט ווייטער ווי אַ שעהנער זאַץ, אַ געפליגעלטע פראַזע, אין וועלכער עס קלינגט אָב דאָס קלאַפּען פון דעם „דריטען עווענױ עלעווייטעד" אין ניו־יאָרק.

נאָר אָט איז אַ ווערק פון אַ נאָרוועגישען שרייבער. „דער גרויסער הונגער" איז דאָס ווערק, און באָיער איז דער שרייבער. אַ צווייטע קלאַס טאַלאַנט. אפשר נאָך וועניגער. דאָס שטאָל פון אונזער ציוויליזאַציע איז דער מאָטיוו. נאָר צו וואָס פאַר אַ הויך די טעמע ווערט דערהויבען! צו וואָס פאַר אַ שוואונג! דאָס שטאָל וואַקסט אויס צו אַן עלעמענטישער קראַפט, דער מענש ווערט אַ פּראָמעטעאוס, אין קאַמף מיט איהר, אַ פּראָמעטעאוס, וואָס געהט אונטער, און מוז, אַ געשלאָגענער, שליסען שלום מיט איהר. און דער שלום איז אַ לעבענס־פילאָזאָפיע, וואָס איהר און איך און דער דריטער קאָנען נעהמען און לעבען. און אפשר מוזען זי אָננעהמען און לעבען.

אין אונזער ליטעראַטור אָבער ווערט אַלץ איינגעשרומפּען. דער מעכטיגער דראַנג אין דער מאָדערנער ליטעראַטור פאַר דער באַפרייאונג פון דער מענשליכער פּערזענליכקייט — יענער דראַנג וואָס מאַכט עס דעם מערקווירדיגען מאַטעריעלען פּראָגרעס פון אונזער צייט, וואָס האָט באַפרייט די פרוי, וואָס מאַכט די עקאָנאָמישע רעוואָלוציעס פון אונזערע טעג — וואו איז ער, יענער דראַנג — אין אונזער ליטעראַטור?

און ווי האָט געזאָגט רענאַן? דער זין פון יעדער קונסט איז די באַפרייאונג פון דער מענשליכער פערזענליכקייט.

בלויז ווייטע עכאָס, האַלב פאַרקלונגענע טענער דערטראָגען זיך צו אונז. ווייטע עכאָס פון די אידעען און מאָטיווען, און ווייטע עכאָס פון די געפיהלען. דורך דער צייט, וואָס די אידישע ליטעראַטור ווירקט, האָט שוין אייראָפּאַ דורכגעמאַכט דעם קלאַסיציזם, דעם ראָמאַנטיזם, דעם רעאַליזם, דעם סימבאָליזם. פאַר אייראָפּא זיינען עס געווען, ניט סתם אַ ליטעראַטור־שפּיל, נאָר באַשטימטע געמיטער, באַשטימטע אופנים פון פיהלען, באַשטימטע גייסטיגע צושטענדען. און וואָס איז פון די דאָזיגע גייסטיגע צושטענדען געוואָרען אין אונזער ליטעראַטור? עפּ׳ים צעוויקטעס, צופירטעס. אונזער קלאַסיציזם איז נאָר מילך מיט וואַסער, אונזער ראָמאַנטיזם — וואַסער מיט מילך, אונזער רעאַליזם — וואַסער אָהן מילך, און אונזער סימבאָליזם — נישט קיין וואַסער און ניט קיין מילך.

עס זעהט אונזער ליטעראַטור די וועלט — דורך אַ קליין שייבעלע. אָהן גרויסען שוואונג, אָהן אַ גרויסער אידעע.

עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס אונזער אינטעליגענץ האָט אַ צווייענדיגע באַציהונג צו אונזער ליטעראַטור: מען לייענט זי אויס נייגעריגקייט, אפשר פאַר אינטערעס. טיילוויז צוליב נאַציאָנאַליסטישע מאָטיווען. אָבער פאַר באַלערונג, פאַר אויפקלערונג, פאַר לייטונג, פאַר נשמה־אויסברייטונג, פאַר וועלט־דערהויבונג און פאַר הויכען גייסטיגען גענוס — דאָ געהט מען צו די וועלט־ליטעראַטורען...

אונזער סטיל

אונזער סטיל, דער סטיל פון דער אידישער ליטעראַטור, האָט אַ חסרון: ער איז צו גרינג און צו קלאָר.

לייענט מאַן אַ אידיש בוך — לייענט עס זיך אַליין. איהר גליטשט זיך איבער די בלעטער, איבער די שורות און זאַצען, ווי אויף אַ שיפעל, וואָס שווימט זיך אַליין, זאַכט און זאַנפט איבערן וואַסער, אָהן אַ וועסלע, אָהן דער הילף פון דעם שווימער.

מען דאַרף נישט פאַרקנייטשען דעם שטערן, מען דאַרף ניט פאַרמאַכען די אויגען ווען מען לייענט אַ אידיש בוך. דעם שרייבער'ס געדאַנק ליגט אויבען־אויף. ער באַקומט זיך אָהן מיה, אָהן שום אָנשטרענגונג. ער גיט זיך נאָך אַליין. אַ אידיש בוך נויטיגט זיך ניט אין קיין פירושים. אַלץ איז קלאָר און פאַרשטענדליך.

איז דאָס אַ חסרון? הער איך ווי דער לעזער פרעגט. בופאָן, דער פראַנצויז, האָט געזאָגט: „וואָס איז ניט קלאָר איז ניט פראַנצויזיש“.

געוויס. קלאָרקייט און גרינגקייט זיינען דער ערשטער און לעצטער אידעאַל פון סטיל, זיין אָנהויב און סוף, זיין פאָעזיע און פילאָזאָפיע. אָבער דאָס איז גערעדט פון יענער קלאָרקייט, וואָס קומט פון באַזייטיגען דאָס, וואָס איז איבעריג, פון אַרומשערען דאָס, וואָס הענגט נאָך, אָפּוואַרפען די שאָלעכץ און לאָזען דעם ריינעם נאַקעטען קערן.

אָבער אין דעם אידישען סטיל קומט די קלאָרקייט פון — דעם היפך דערפון: זי קומט פון אַ סך ווערטער, פון „מרבה דברים“ זיין. דער שרייבער רעדט אַ סך, רעדט אַזוי פיעל, אַזוי לאַנג און אַזוי אויספיהרליך, אַז ער זאָגט אייך אַלץ אַרויס.

קלאָרקייט — יע; אָבער קלאָרקייט דורך שפאָרעוודיגקייט, דורך — קאַרגשאַפט אין ווערטער.

אַ גוטער זאַץ, זאָגט עמערסאָן, דאַרף זיין קורץ און שטייף, דאָך זאָל אַ געשפאַן זיך לייכט קענען אויסקירעווען צווישען די ווערטער.

דאָס איז דער אידעאַלער סטיל אין ליטעראַטור, און — אין דער קונסט. אָט איז אַ בילד פון — רוסאָ. דאָס געמעל איז אַ שפּאַן די לענג, אַ קאַרגען שפּאַן די ברייט. דאָך איז־אויפ'ן בילד פאַראַן אי פעלד, אי בוים, אי באַרג, אי טייך, אי — רחבות. אַן אומענדליכע רחבות פאַר די ווינטען צו שטיפען, פאַר דער פאַנטאַזיע צו שפּילען.

קליין אָבער גערעם, שפּאָרעוודיג אָבער פול, געצאַמט דאָך פריי.

דאָס זעלבע איז אין דער סקולפּטור. די סקולפּטור נעמט אַריין נאָר דאָס, וואָס געהער שטרענג צום קערפּער. און אין דער אַרכיטעקטור איז עס אַ כלל גדול — וואָס מעהר אומנוצליכער מאַטעריאַל עס ווערט אַוועקגענומען פון דער וואַנט אַליין שעהנער איז די וואַנט.

אָבער אין אונזער אידיש שרייבען האָבען מיר ניט אויסגעלערנט די קונסט פון באַזייטיגען דאָס אומנוצליכע, פון האַלטען זיך שטרענג צום קערפּער פון דעם געדאַנק. שרייבט אַ אידישער שריפטשטעלער, איינער פון אונזערער בעסטע סטיליסטען:

דאָס איז אַקוראַט אַזוי אוממעגליך, ווי עס איז אוממעגליך דעם באַרג אויפצוהערען צו זיין אַ באַרג כל־זמן עס זיינען נאָך דאָ טאָלען אַרום איהם, און ווי עס איז אוממעגליך דעם טאָל אויפצוהערען זיין אַ טאָל, כל־זמן אַרום איהם שטעהען נאָך בערג. ערשט ווען דער באַרג ווערט אַראָפּגעגראָבען אָדער דער טאָל פאַרשאָטען, פאַרשווינדט דער חלוק צווישען זיי. און איידער דער חלוק איז פאַרשוואונדען מוזען זיי בלייבען וואָס זיי זיינען. (דר. זשיטלאָווסקי, „איד און מענש", ערשטע פאָרלעזונג).

אין דער דאָזיגער ציטאַטע זיינען פאַראַן—„בערג" מיט איבעריגע ווערטער. דער גאַנצער געדאַנק איז אַנטהאַלטען אין די ערשטע זעכצעהן ווערטער: „דאָס איז אַקוראַט אַזוי אוממעגליך ווי עס איז אוממעגליך דעם באַרג אויפצוהערען זיין באַרג". וואָלט דער שרייבער דאָ שטעהן געבליבען, וואָלט דער פאַרגלייך געווען קרעפטיג, שטאַרק, איינדרוקספול. אָבער דער שרייבער קען זיך ניט איינהאַלטען. ער האָט עס געדאַרפט נאָך קלערער מאַכען, צוקייען — דעם באַרג...

אַזוי איז די טבע פון אונזער סטיל. דאָס איז דער סטיל פון דעם אידישען כלל, פון דעם כלל וואָס רעדט אידיש. עס פעהלט אין אונזער שפּראַך — קאָנצענטראַציע. אין אונזער שרייבען אַזוי גוט ווי אין אונזער רעדען איז ניטאָ

דאָס שטרעבען נאָך עקאָנאָמיע פון וואָרט. מיר האָבען ניט די מעלה פון פאַסען זיך קורץ, פון רעדען שטרענג צום פונקט, פון באַזייטיגען אַליץ, וואָס איז ניט אַבסאָלוט נויטיג. אונזער סטיל איז אַ פאַרפלייצונג פון ווערטער, אָהן ענגער געקניפּטקייט, אָהן שטייפער געבונדענקייט, אָהן געטאָקטער קורצקייט.

דאָס איז אונזער פאָלקס־שטריך. געדענקט איהר מענדעלי׳ס העלד, „מענדעלי מוכר ספרים“? געדענקט איהר ווי ער רעדט? געדענקט איהר זיין כאַראַקטעריסטישען אויסדרוק „אָבער ניט דאָס בין איך אויסען“?

עס איז די קלאָג פון פיעל־וואָרטיגקייט. אויף טריט און שריט כאַפּט ער זיך, אַז ער האָט זיך „פאַררעדט“, אַז ער איז אַוועק פון דעם ענין, אַז ער רעדט איינענטליך גאָרנישט דאָס וואָס ער איז אויסען.

דאָסזעלבע מיט שלום־עליכם׳ס העלדען. „פאַרקריכען אין בויבעריק“ — אין זייער שטריך פונקט ווי „ניט דאָס בין איך אויסען“ איז מענדעלי׳ס שטריך. פלייצען מיט ווערטער — אין דעם באַשטעהט אַ העלפט פון זייער כאַראַקטער. בעט אייך שלום עליכם׳ס אַ איד זיך צו זעצען, וועט ער זאָגען: „זיצט, זעצט זיך, פאַרוואָס זיצט איהר ניט?“ (אין „ארבע כוסות“). הויבט ער אייך אָן דערצעהלען אַ מעשה, זאָגט ער: „די היסטאָריע פון דער געשיכטע איז אַזאַ מעשה“ (פונ׳ם „פריזיוו). נעהמט ער זיך פאָרשטעלען פאַר אייך געהט עס ביי איהם אַזוי: „אַליין בין איך אַ מעזעריטשער פון מעזעריטש, אַ נולד בין איך, דאָס הייסט אַ געבוירענער, ווי מען זאָגט אַ מאַזעפעווקער, אַ נכתב, אַ צוגעשריבענער הייסט עס, אַ וואראַטילעווקער, דאָס הייסט, אַמאָל בין איך, ניט היינט געדאַכט, געזעסען אין וואראַטילעווקע בין איך, נאָר היינט זייך איך אין מעזעריטש“. אַ העלפט פון שלום־עליכם׳ס הומאָר ליגט אין דער דאָזיגער שפראַך, אין דער אָפּשילדערונג פונ׳ם אידישען סטיל.

צווישען דער ציטאַטע אויבען מיט׳ן „באַרג“ און די ציטאַטען פון מענדעלי און שלום־עליכם איז דאָ אַן אָרגאַנישע שייכות. יעדער איינער פון אונז איז אַ שטיק „מענדעלי“, מיר זיינען אַלע — מעזעריטשער.

שרייבט מאני לייב:

אין הויז זיינען אַלע פאַרטרויערט געווען,
אין הויז האָבען אַלע דער מאַמען געהיט,

און שטילער געווען זיינען אַלעמענס טריט,
און אַלעמענס רייד זיינען שטילער געווען.

די דאָזיגע שורות, כאָטש זיי האָבן אַ געוויסע שעהנקייט, זיינען אָבער לויז, צופֿלאָסען, און זיינען נאָר אַ ווידערהאָלונג איינע פֿון דער אַנדערער.
דאָסזעלבע געפֿינען מיר בײַ היילפּערינ׳ען. ער שרייבט:

„היינט ביזטו ווייט פֿון איהר, ביזטו פֿיעלע, פֿיעלע מיילען ווייט פֿון איהר,
ביזט דאָ ווי איך, ווי איך און אַנדערע וואָס האָבן גלייך ווי דו געהאַט אַ היים אַמאָל, העט־וואו, אויף יענער זייט פֿון ים העט־וואו".

וואָס גיט אונז אָט די פֿיעל־וואָרטיגקייט? נעהמט זי ניט אַוועק פֿון דער שעהנקייט פֿון דעם אויסדרוק אַזוי ווי די איבעריגע דיקקייט פֿון אַ קערפּער פֿאַרדאַרבט די שעהנקייט פֿון די גלידער?

און ווייל אונזער סטיל איז „דיק", דעריבער פֿעהלט איהם דער גראַציעזער בוי, דער פֿיינער קנייטש, דער עסטעטישער זשעסט, וועלכע זיינען אַזעלכע קענטיגע שטריכען אין די הויך־קולטיווירטע שפּראַכען.

פֿון יעדען בלעטעל אין דער אידישער ליטעראַטור קוקט אַרויס די דאָזיגע דיקקייט, די דאָזיגע אייגענשאַפּט פֿון פֿיעלוואָרטיגקייט. עס פֿעהלט, מיט איין וואָרט, אונזער סטיל—עקאָנאָמיע. און די פֿילאָזאָפֿיע פֿון גוטען און שעהנעם סטיל — לערנט ספּענסער — איז עקאָנאָמיע. דער לעזער האָט נאָר אַ געוויסען פֿאַרמעגען פֿון ענערגיע, הייסט עס אין ספּענסער׳ס טעאָריע פֿון סטיל. און וואָס וועניגער עס ווערט פֿון איהר אויסגעשעפּט אַלץ אנגענעהמער איז איהם, אנגענעהמער און שעהנער. דעריבער איז אין סטיל שעהן דאָס וואָס איז קורץ: דאָס קורצע וואָרט, דער קורצער זאַץ, דער קורצער פּאַראַגראַף און די קורצע קאָמפּאָזיציע.

דאָס איז אַזוי צו זאָגען, אַ פֿיזישע טעאָריע פֿון סטיל. עס איז אויך פֿאַראַן אַ פּסיכאָלאָגישע אורזאַך פֿאַרוואָס דער קורצער סטיל איז העכער ווי דער לאַנגער און אויספֿיהרליכער. דער קורצער סטיל סוגעסטירט, לאָזט איבער

אַ סך ניט דערזאָגטעס, וואָס דעם לעזער׳ס אייגענע פאָרשטעלונגס=קראַפט דאַרף דערפילען און דערגאַנצען. דאָס מאַכט דעם לעזער פאַר אַ *מיטשאַפער* מיט דעם דיכטער. עס נעהמט איהם אַריין פאַר אַ שותף אין מעשי=בראשית, אין דעם סוד פון יצירה. אין פּאָעזיע, זאָגט וואָלט וויטמאַן, איז דאָס שענסטע — דאָס ניט דערזאָגטע, די אָנצוהערעניש, פּונקט ווי פון אַ געשפּרעך וואָס דערטראָגט זיך צו אייך שטיקלעכווייז פון דערווייטענס, פון ערגעץ אַ פאַרבאָרגענעם אָרט אין דעם טונקעל פון אָוונט, איז דאָס פליסטערען, דאָס ניט דערהערטע — שענער, געהיימניספולער. סוגעסטיע איז אַ קוואַל פון שענקייט אין ליטעראַרישען סטיל ווי אין קונסט בכלל. אָבער אין דעם לאַנגען סטיל, וואו דער שרייבער, „באַזאָרגט" שוין אַליך, פעהלט דער דאָזיגער נענוס פון מיטשאַפען. אַזאַ סטיל איז אין דער בחינה פון פאַרטיג פאַרדייהטע און פאַרטיג צוקייטע שפּייז. דאָס *קייען* מיט די אייגענע צייהן איז אַ וויכטיגער טייל פון דער פּסיכאָלאָגיע פון עסען, און פון — געזונט.

די אידישע ליטעראַטור איז אַ פאַרטיג צוקייטע, אַ פאָראויס פאַרדייהטע. מיט אַן איינציגער אויסנאַהם: פּרץ.

מען פלעגט אָפט פאַראיבעל האָבען אויף פּרץ׳ן, וואָס ער פלעגט שרייבען מיט פּינטעלעך, וואָס ער פלעגט קאַרגען מיט ווערטער און אַזוי פיעל לאָזען ניט דערזאָגט. זיך באַגנוגענען מיט אַ וואונק, מיט אַן אָנצוהערעניש.

אין אמת׳ען אָבער איז עס געווען אַ נייער אויפטו אין אידישען סטיל.

עס איז אַן אומבאַשרייבליכע ענטציקונג צו דערזעהן ווי עס שטייגען אויף פאַר אייער אויג צוויי מעכטיגע פיגורען, אויסגעהאַקטע, אָפּגעטאָקטע, פאָלקאָמענע סטאַטועך — פון אַ קאַרגען צעהנדליג ווערטער.

ער —
אַ מענש אַ קיזעלשטיין,
בליץ פון חלפים אין אויג,
זי — אַ מעסער אין האַנט („גאָלדענע קייט")

וואָס דאַרף מען נאָך מעהר ? און אָט איז נאָך אַ צעהנדליג ווערטער :

און דאָרט . . .
אַ הימעל — פריי,

לײטזעליג אויסגעשמײכעלט,
די ערד — יונג, צושטראַהלט,
אָפּען...

אַ נאַטור־געמעל װי בײַ רוסאָ: אַ שפּאַן אויף אַ שפּאַן, אָבער װאָס פאַר אַ רחבות!

אָבער פּרץ, יהואש, זײנען די זעהר זעלטענע אויסנאַהמען. דער כּלל איז — די סטיללאָזיגקײט. איך האָב פריהער געזאָגט: עס איז אונזער פאָלקס־שטריך. דאָס דאַרף ניט פאַרשטאַנען װערען אַלס אײנגעבאָרענע נאַציאָנאַלע אײגענשאַפט, װאָס קען ניט פאַרריכט װערען. סטיל, שפּראַך־קונסט איז אַ זאַך פון באַװאוסטזיניגען שאַפען, פון סיסטעמאַטישער ענטװיקלונג. אַ בײשפּיל — פראַנקרײך. אין פראַנקרײך — שרײבט ברונטיער — האָבען אין די לעצטע פיער הונדערט יאָהר אַלע געשלאָסען אַ בונד צו מאַכען פון דער פראַנצויזישער שפּראַך אַ קונסט־װערק: אײדעלע דאַמען, שטאַטס־מענער, פרינצען, קעניגען און — דאָס גאַנצע פאָלק. די זאָרג פאַר דער שעהנקײט פון פראַנצויזיש איז געװאָרען אַ פאָלקס־אינסטינקט.

אָט דאָס איז דער פראַנצויזישער אידעאַל פון שפּראַך. און װאָס איז אונזער אידעאַל, אונזער באַציהונג צו אידיש?

איז אײך באַקאַנט דאָס פאָלקס־װערטעל: „יאַק רײדאַלאָ טאָ רײדאַלאָ אַבי דאָברע מײנאַלאָ?“

צװײ שפּראַכען, פראַנצויזיש און אידיש, און צװײ באַציהונגען. דערפאַר איז פראַנצויזיש — פראַנצויזיש, אַ װאונדער פון אויסדריקליכקײט, אַ צויבער פון בויגליכקײט און װאוילקלאַנג, און אידיש איז — אידיש.

דר. זשיטלאָווסקי אלס טעאָרעטיקער פון נאַציאָנאַליזם

I

קיינער אין דער אידישער פובליציסטישער ליטעראַטור האָט ניט געשרייבן אַזוי פיעל וועגען דעם נאַציאָנאַלען פּראָבלעם ווי דר. זשיטלאָווסקי. קיינער האָט זיך ביי אונז ניט באַשעפטיגט מעהר ווי דר. זשיטלאָווסקי מיט דער פראַגע, ווי אַזוי עס אַנטשטעהען די באַזונדערע קולטורען פון די באַזונדערע פעלקער; וואָס עס מאַכט, אַז אידען זאָלען שאַפען אַ אידישע קולטור, רוסען — אַ רוסישע, און אַזוי ווייטער.

וואָס זשע האָט אונז דר. זשיטלאָווסקי צו זאָגען וועגען דעם דאָזיגען פונדאַמענטאַלען פּראָבלעם אין דעם נאַציאָנאַליזם?

דר. זשיטלאָווסקי שטעלט אַרויס זעהר אַ קלאָרען ענטפער. אויף טריט און שריט אין זיינע ווערק נעפינט איהר איהם. נאָר אין ערגעץ ווערט ער ניט קלערער אויסגעדריקט ווי אין דעם אַרטיקעל „אידישע גאונים“ (געזאַמעלטע שריפטען, באַנד 4). דאָרט זאָגט דר. זשיטלאָווסקי אַזוי:

„לאַסאַל און מאַרקס זיינען אידישע גאונים גאָר פשוט דערפאַר, ווייל אין זייערע אָדערען האָט פולסירט אידיש בלוט, איבערגענומען בירושה פון זייערע עלטערען. אמת, זייערע גאונות האָבען זיי אַרויסגעוויזען אויף אַ מאַטעריאַל, וואָס איז אָנגעזאַמעלט געוואָרען אין דער אייראָפּייאישער קולטור, אָבער די „מאַשין“ זייערע, דער מאַרך און נערוזען אַפּאַראַט

זייערער, וואָס האָט איבערגעאַרבייט דעם מאַטעריאַל אויף אַ באַזונדער שטיינער, איז אַ אידישע מאַשין, אַ אידישער אַפּאַראַט, געבויט און אויסגעפיינערט פון אידישע דורות".

דאָס איז דער ענטפער, און דר. זשיטלאָווסקי איז אַזוי איבערציינגט אין זיין טעאָריע אַז ער פאַרענדיגט דעם דערמאָנטען אַרטיקעל מיט די פאָלגענדע ווערטער:

„ווער עס האָט זיך נאָך ניט אויסגעאיינט מיט דעם געדאַנק פון נאַציאָנאַלע באַשאַפונגס־כחות, וואָס שטעקען אין דעם מאַרך און נערווען־אַפּאַראַט פון יעדען פאָלק, דער האָט נאָך קיין ברעקעל ידיעה ניט פון מאָדערנעם נאַציאָנאַליזם".

צו דער דאָזיגער קאַטעגאָרישער באַהויפּטונג גיט נאָך דר. שיטלאָווסקי צו, אין אַן אַנדער אָרט, אין זיין אַרטיקעל „אידישקייט", („צייט" נ׳-יאָרק, פעב. 6, 1921) אַ פולערע אויפקלערונג. ער זאָגט דאָרט:

„דער ספּעציפיש־נאַציאָנאַלער אופן (פון דער קולטור פון אַ פאָלק) וואַקסט אַרויס פון די ספּעציפיש־נאַציאָנאַלע שאַפונגס־כחות פון אַ פאָלק. יענע כחות אַנטוויקלען זיך, פאַרענדערען זיך, אָדער ווערען אָפּגעטעמפּט פון דור צו דור, אין דעם פּראָצעס פון צופּאַסונג צו דער אַלגעמיין־מענשליכער קולטור, וועלכע דאָס פאָלק ברענגט אַרוים, און דערנאָך—געהען זיי אַריבער בירושה פון דור צו דור אויף דעם וועג פון ביאָלאָגישער פאַראַרבונג".

אָט דאָס איז אין קורצען דר. זשיטלאָווסקי׳ס טעאָריע פון נאַציאָנאַליזם, איהר תוך, איהר תמצית. אַזוי זאָגט ער אַליין עדות אין דעמזעלבען אַרטיקעל וואו ער שרייבט:

„אָט די געדאַנקען מיינע וועגען דעם עצם פון „נאַציאָנאַליטעט" און דעם עצם פון „אידישקייט" האָב איך שפּעטער טעאָרעטיש באַגרינדעט אין אַ סך איינצעלנע מאָנאָגראַפיעס. אָבער

שוין צו דער צייט פון מיין ויכוח מיט אַנסקי'ן זיינען זיי געווען
אויסגעאַרבייט בײַ מיר. אויב ניט אין די פּרטים, איז אין די וויכ=
טיגסטע גרונד=שטריכען".

דר. זשיטלאָווסקי בויט זיין גאַנצע טעאָריע פון נאַציאָנאַליזם אויף די דאָ=
זיגע גרונד=באַגריפען זיינע. מיט זיי שטעהט זי אָדער פאַלט. און זיי זיינען,
לויט זיין מיינונג, די איינציג ריכטיגע, די איינציג פעסטע, די איינציג וויסענשאַפט=
ליכע. עס איז דעריבער נויטיג צו פּרואווען זיך ערנסט פאַנאַנדערקלייבען אין
זייער זין און וויסענשאַפטליכער באַדייטונג.

כאָטש דר. זשיטלאָווסקי באַהויפּט, אין איינער פון די געבראַכטע ציטאַטען,
אַז ער האָט זיינע געדאַנקען וועגען נאַציאָנאַליטעט באַגרינדעט אין אַ סך מאָ=
נאָגראַפיעס, פונדעסטוועגען מוז מען מיט באַדויערען זאָגען, אַז אין ערגיץ זאָגט
זיך דר. זשיטלאָווסקי ניט אַרויס מיט יענער קלאָרקייט, וואָס עס פאָדערט אַ טעאָ=
רעטישע באַגרינדונג פון אַזאַ שטרייטבאַרען פּראָבלעם, און מיט יענער גענוי=
אינקייט און פּינקטליכקייט פון באַגריפען, וואָס זאָל זיינע געדאַנקען געבען די
שטרענגקייט פון וויסנשאַפטליכער דיסקוסיע. ניט גענויאינקייט און וויסנשאַפט=
ליכע שטרענגקייט, נאָר, פאַרקערט, צ ע ש וו א ו מ ע נ ק י י ט פון באַגריפען איז
כאַראַקטעריסטיש פאַר דר. זשיטלאָווסקי'ס געדאַנקען=גאַנג. און די דאָזיגע צע=
שוואומענקייט טרייבט שיער ניט צו פאַרצווייפלונג יעדעס מאָל, ווען מען וויל
דערגעהן גענוי וואָס אייגענטליך דר. זשיטלאָווסקי וויל זאָגען, און מען בלייבט
ניט ווילענדיג מיט דעם איינדרוק, אַז, שטרענג גערעדט, ווייס דר. זשיטלאָווסקי
אַליין אויך ניט קלאָר וואָס ער וויל און וואָס ער מיינט.

נעהמען מיר כאָטש אַלס ביישפּיל איינינע פון די „גרונט=שטריכען" פון
וועלכע דר. זשיטלאָווסקי מאַכט אַזאַ וועזען אין די אויבען=געבראַכטע ציטאַטען.
אַזוי רעדט ער דאָרט, צום ביישפּיל, פון אַ „מאַשין", פון אַ „מאַרך און נערווען=
אַפּאַראַט" ביי פעלקער. וואָס מיינט עס אייגענטליך אַ „מאַרך=מאַשין"? ווי
אַזוי שטעלט זיך דר. זשיטלאָווסקי פאָר די דאָזיגע מאַשין? ווי אַזוי זעהט זי
אויס, ווי אַזוי אונטערשיידט זי זיך פון פאָלק צו פאָלק? דאַן רעדט דר. זשיט=
לאָווסקי פון „ספּעציפיש נאַציאָנאַלע באַשאַפונגס=כחות" וואָס „ענדערען זיך
אין דעם פּראָצעס פון צופּאַסונג צו דער אַלגעמיין מענשליכער קולטור" און
וואָס דערנאָך געהען זיי אַריבער בירושה אויפ'ן וועג פון „ביאָלאָגישער פאַר=

אַרבונג". אין ערגעץ זאָגט אונז דר. זשיטלאָווסקי ניט גענוי וואָס ער מיינט אונ=
טער „ספּעציפיש=נאַציאָנאַלע באַשאַפונגס=כּחות"; ווי אַזוי מיר דאַרפען פאַר=
שטעהן דעם „פּראָצעס פון צופּאַסונג" אין דעם קולטורען=קאַמף, און ווי אַזוי די
דאָזיגע ריין קולטורעלע ענדערונגען קענען ביאָלאָגיש אַריבערגעהן
בירושה. און בּכלל וואָס מיינט דר. זשיטלאָווסקי מיט דעם אַלגעמיינעם בּאַ=
גריף פון „ביאָלאָגישע פאַראַרבונג"? האַלט דר. זשיטלאָווסקי פון אַ מין קול=
טורעלען דאַרוויניזם?

אויף אַט די אַלע און ענליכע פראַגען קען מען אין דר. זשיטלאָווסקי'ס
שריפטען קיין קלאָרען ענטפער ניט קריגען, ווייל, ווי געזאָגט, דר. זשיטלאָווסקי
ווייס ניט פון קלאָר דעפינירען זיינע באַגריפען און טערמינען.
פאַר איינעם וואָס וויל זיך דעריבער פאַנאַנדערקלייבען אין דעם טומאַן פון
דר. זשיטלאָווסקי'ס טעאָריע פון נאַציאָנאַליזם בּלייבּט קיין אַנדער מיטעל ניט,
ווי צו פּרואווען טרעפען אַלע מעגליכע אופנים, אויף וועלכע די דאָזיגע טערמינען
קענען אויסגעטייטשט ווערען און זיי אָבשאַצען אין ליכט פון דער קלאָרער
און פעסטגעשטעלטער וויסענשאַפט. און דאָס וועלען מיר פּרובּירען איצט
צו טאָן.

II

די ערשטע זאַך וועלכע מיר „שטויסען זיך אָן" אין זשיטלאָווסקי'ס טעאָ=
ריע פון נאַציאָנאַליזם איז, אַז ער שטעהט אויפ'ן ביאָלאָגישען שטאַנדפּונקט פון
ראַסע. אַ ראַסע, אָדער אפילו איהר קלענערע צוטיילונג — פאָלק, איז לויט
דר. זשיטלאָווסקי אַ גרופּע מענשען, בּיי וועלכע עס האָט זיך אין פאַרלויף פון
היסטאָרישען פּראָצעס פון צופּאַסונג צו דער אַלגעמיין=מענשליכער קולטור אויס=
געאַרבּייט אַן אייגענאַרטיגער מאַרך און נערווען=אַפּאַראַט, וואָס זיינען,
נאַטירליך, ביאָלאָגישע טיילען פון דעם פאָלק'ס גוף. פאָלק און פאָלק טיילען
זיך דעריבער אָפּ פון איינאַנדער ניט נאָר מיט זייער קולטור, ווי די דאָזיגע
דריקט זיך אויס אויסערליך, אין זייער גייסטיגען לעבּען, אַזוי צו זאָגען, נאָר
אינערליך, קערפּערליך, און געמליך — אין דער פאָרמע און צונויפשטעל פון
זייער מאַרך. אַט די דאָזיגע אַנדערשקייט פון דעם מאַרך פון אַ פאָלק פער=
אורזאַכט עס אייגענטליך די אַנדערשקייט פון קולטור, כאָטש מען דאַרף זשיט=

לאָװסקי׳ס טעאָריע פֿאַרשטעהן אױך פֿאַרקערט, אַז די ענדערונגען קומען צוערשט פֿאָר אין דער קולטור, און ערשט נאַכער געהען זײ ביאָלאָגיש אַרײן אינ׳ם מאַרך און ענדערען זײן מאַשין=פֿאָרמע.

װעגען דער דאָזיגער „מאַרך=אַפּאַראַט”=טעאָריע זשיטלאָװסקי׳ס װעלען מיר רײדען אַביסעל װײטער. איצט װעלען מיר זיך אָפּשטעלען אױף דער ביאָלאָגישער אָדער זאָאָלאָגישער טעאָריע פֿון ראַסע אין אַלגעמײן. װאָס װיל די דאָזיגע טעאָריע און װאָס האָט זי ביז איצט באַװיזען?

די דאָזיגע טעאָריע איז ניט קײן נײע. אין דער אַנטראָפּאָלאָגישער װיסענשאַפֿט האָט מען לאַנג געזוכט אַ שײכות צװישען די ציװיליזאַציעס פֿון פֿעלקער און ראַסען און זײערע קערפּערליכע אײגענשאַפֿטען. מען האָט געאַרבײט צו דערגעהן צי איז ניט די קולטור פֿון אַ פֿאָלק ענג צוזאַמענגעבונדען מיט זײן קערפּער, מיט זײן פֿיזיאָלאָגיע, מיט זײן בלוט אָדער מאַרך. פֿאַרװאָס אײניגע פֿעלקער האָבען באַשאַפֿען אַ גרױסע קולטור און אַנדערע ניט, האָט מען געפּרואװט דערקלערען דערמיט, װאָס די ערשטע האָבען געװיסע קערפּערליכע כאַראַקטעריסטיקען, װאָס די אַנדערע האָבען ניט.

אַזױ צום בײשפּיל איז געבאָרען געװאָרען די טעאָריע פֿון לאַנג=קעפּיגע און רונד=קעפּיגע ראַסען. אַרום דעם מיטען פֿון נײנצעהנטען יאָרהונדערט האָבען אײראָפּײאישע געלערנטע אָנגעהױבען באַמערקען אַז די מענשליכע קעפּ זײנען ניט אַלע גלײך. מענשען װערען געבאָרען מיט פֿאַרשײדענע קעפּ=פֿאָרמען. און װאָס נאָך מעהר: די דאָזיגע פֿאָרמען האַלטען זיך, זײ געהען איבער בירושה פֿון עלטערען צו קינד, און אָפּטמאָל געפֿינט מען גאַנצע געגענטען װאו עס הערשט אײן קאָפּ=פֿאָרמע, לאָמיר זאָגען די רונדע, און ניט די אַנדערע, און פֿאַרקערט.

דער מענשליכער קאָפּ איז כמעט שטענדיג לענגער װי ברײטער. בײ אײנע אָבער איז די לענג לגבי דער ברײט אַ סך גרעסער װי בײ אַנדערע. רופֿט מען די דאָזיגע אָן לאַנג=קעפּיגע. בײ אַנדערע, פֿאַרקערט, דערנעהנטערט זיך די לענג צו דער ברײט, האָט מען זײ דעריבער אַ נאָמען געגעבען די רונדקעפּיגע. די װאָס ליגען צװישען די דאָזיגע בײדע עקסטרעמען האָט מען באַצײכנט די מיטעלקעפּיגע.

די ערשטע קאָפּ=אױסמעסטונגען װאָס זײנען געמאַכט געװאָרען אױפ׳ן גרונט פֿון אַזאַ קלאַסיפֿיקאַציע צװישען דער װײסער ראַסע און צװישען די קאָ=

לירטע ראַסען האָבּען געוויזען, אַז די ווייסע ראַסע איז לאַנג־קעפּיג. און אַזוי ווי די ווייסע ראַסע איז די ציוויליזירטעסטע און קולטורעלסטע, האָט מען זיך באַלד אַ וואָרף געטאָן אויפ'ן שלום: דער סוד פון ציוויליזאַציע ליגט אין דער לענג־פאָרמינקייט פונ'ם קאָפּ. יענע פעלקער וואָס האָבּען אַ רונדען קאָפּ וועלען קיינמאָל דעריבּער ניט זיין אימשטאַנד זיך אויפצוהויבּען צו דער קולטורעלער הויך פון דער ווייסער ראַסע.

גרינטליכע שטודיען האָבּען אָבּער די טעאָריע פאַרניכטעט. עס איז אמת, אַז די קעפּ־פאָרמען אונטערשיידען זיך, עס איז אויך אמת אַז איין פאָרמע איז אָפט די הערשענדע אין גאַנצע געגענטען. אָבּער אַז איין פאָלק אָדער איין ראַסע זאָל דורכאויס האָבּען איין קאָפּ־פאָרמע, דאָס איז באַוויזען געוואָרען פאַר פאַלש.

אַזוי געפינט צום ביישפּיל ריפּלי, דער גרויסער פאָרשער פון די אייראָפּייאישע ראַסען, אַז אין דעם קליינעם שטח פון מערב אייראָפּע זיינען צונויפגעהויפט אַלע קאָפּ־פאָרמען וואָס זיינען באַוואוסט אין דער מענשהייט. און בכלל ווייזט די קראַניאָמעטריע פאָלגענדע קוריאָזען: די האָטענטאָטען האָבּען דיזעלבּיגע קאָפּ־אויסמעסטונג וואָס די פּאָרטוגעזען; די בושמענער, קורדען, די איינוואוינער פון די סאָלאָמאָן אינזלען — האָבּען קעפּ ענליכע צו געוויסע פראַנצויזישע טיפּען, די באַראָראָס גלייכען זיך אויס מיט די האָלענדער, א. אַ. וו.

באַזונדערס אינטערעסאַנט איז דער לעצטער פאַקט, וואָרום ער ווייזט אַז מיט ד ע ר ז ע ל ב י ג ע ר קאָפּ־פאָרמע קאָן איין פאָלק זיין העכסט ציוויליזירט, און דאָס אַנדערע — אין סאַמע ווילדען צושטאַנד.

דאָס הייסט: דער סוד פון קולטור און ציוויליזאַציע ליגט נ י ט אין דער פאָרמע פון דעם מענשליכען קאָפּ, ווי מען האָט פריער געמיינט.

אַביסעל שפּעטער פון דער קאָפּ־פאָרמע־טעאָריע איז אויסגעוואַקסען אַ מאַרך־וואָג־טעאָריע. מען האָט באַמערקט אַז די מוחות פון פאַרשיידענע מענשען, ווען מען וועגט זיי אָפּ, האָבּען ניט דיזעלבּע וואָג. און ליגען דען ניט אַלע מענשליכע פעהיגקייטען אין דעם מאַרך? עס איז דעריבּער לאָגיש צו שליסען, אַז מעהר מאַרך — מעהר פעהיגקייט. צום גליק פון דער דאָזיגער שיטה האָט מען טאַקע געפונען, אַז די מוחות פון איינינע גרויסע מענשען, וואָס מען האָט אָפּגעוואויגען נאָך זייער טויט, האָבּען געוואויגען מער ווי דער דורכשניטליכער מענשליכער מאַרך וועגט.

און אויך דאָ האָט מען געפונען אַז עס זיינען פאַראַן אונטערשיידען לויט פעלקער און ראַסען. פאַראַן פעלקער, וואָס ליפערען בדרך כּלל אַ גרעסערע מאַרך=וואָג ווי אַנדערע. און אין אַלגעמיין האָבען די ביז=איצטיגע פאָרשונגען געהאַט די טענדענץ צו באַווייזען אַז ווען מען פאַרגלייכט די מאַרך=וואָג פון דעם ווייסען מענשען מיט דער מאַרך=וואָג פון דעם נעגער, צום ביישפּיל, האָט דער נעגער אַ גרינגערען מאַרך. אין דורכשניט 1424 גראַם פאַר'ן ווייסען, און 1331 גראַם פאַר'ן נעגער. איז דעריבער געשלאָסען געוואָרען די טעאָריע, אַז יענע פעלקער אָדער ראַסען, וואָס האָבען די שווערערע מוחות זיינען פון דער נאַטור גופא געשאַפען צו העכערער ציוויליזאַציע; און פאַרקערט, די גרינג=מאַרכינע פעלקער זיינען פאַר'משפט אויף אייביג צו אַ נידריגער מדרגה פון קולטור.

אַ סך מיה איז אַוועקגעלייגט געוואָרען אויף אויסצוגעפינען די שייכות צווישען דער גרויס פון דעם מאַרך און דעם גראַד פון קולטור. די פאָרשונגען זיינען געמאַכט געוואָרען סיי בנוגע יחידים, סיי בנוגע פעלקער, און אפילו גאַנצע ראַסען. די רעזולטאַטען האָבען אָבער ניט געלאָזען אַוועקשטעלען אַ קלאָרען געזעץ אין דעם פּרט. די דורכשניט=וואָג פון דעם מענשליכען מאַרך ווערט געוויינליך גערעכענט 46.8 אונצעס. זיינען אָבער פאַראַן מאַסען מענשען א י ב ע ר דער דאָזינער וואָג און מאַסען—א ו נ ט ע ר איהר. צווישען 278 אָפּגעוואָגענע מוחות איז די וואָג געלאָפען פון 65 אונצעס ביי איין עקסטרעם און 34 ביים אַנדערען. עס איז שוין אויבען אָנגעוויזען געוואָרען אַז די מוחות פון איינינע באַרימטע מענשען זיינען געווען ווייט א י ב ע ר דער דורכשניטליכער מאַרך=וואָג. אַזוי, צום ביישפּיל, האָט בייראָן געהאַט א מאַרך גאַנצע 79 אונצעס שווער; קראָמוועל — 78.8 אונצעס. פון דער אַנדערער זייט אָבער זיינען געווען באַרימטע מענשען וואָס האָבען געהאַט אַ מאַרך גרינגער ווי דער דורכשניטליכער: ק. פ. הערמאַן — 46.5, י. פ. ל. האוסמאַן — 43.3. אויסערדעם זיינען באַקאַנט פאַלען פון זעהר שווער=וואָגיגע מוחות — ביז 63 אונצעס — וואָס זייערע באַזיצער האָבען זיך מיט גאָרנישט אויסגעצייכענט. דאַן איז עס אַ כּלל אין דער מאַרך=וויסענשאַפט אַז געוויסע טיילען פון דעם מאַרך קאָנען אינגאַנצען אויסגעשניטען ווערען, און די אינטעליגענץ פון דעם באַטרעפענדען מענשען זאָל אַ האָר ניט ליידען.

אויסער דעם ניבען אַלע צו, אַז אַ העלפט פון דער ווייסער באַפעלקערונג

האָט ניט קיין גרעסערען מאַרך ווי דאָס רוב פון דער נעגערשער באַפעלקערונג. דאָס הייסט, אַז די נעגער זיינען פונקט אַזוי פעהיג צו קולטור און ציוויליזאַציע ווי וויינינסטענס אַ העלפט פון די ווייסע.

מיר דוכט אָבער אַז בכלל ווערט אַ גרונט-פעלער באַגאַנגען ווען מען פאַרגלייכט דעם נעגער און דעם ווייסען מענשען. מען שטעלט געוויינליך אַוועק דעם מאַרך פון דעם ווייסען מענשען פון איין זייט און דעם נעגערשען מאַרך פון דער אַנדערער, און אין דער דורכשניט-וואָג פון דעם ווייסען-מאַרך נעמט מען אַריין די מוחות פון ענגלענדער, רוסען, פראַנצויזען, דייטשען א. אַ. וו. נעמט מען אָבער דעם ווייסען מאַרך לויט באַזונדערע פעלקער, דאַן באַקומט זיך אַ גאַנץ אַנדער רעזולטאַט.

איך שטיץ זיך דאָ אויף די ציפער פון דעם גרויסען אַנאַטאָמיקער גרעי, דער אנערקענטער אויטאָריטעט אין דער מעדיצינישער וועלט. עס ווערט ביי איהם אָנגעגעבען, אַז די דורכשניטליכע מאַרך-וואָג פון:

פראַנצויזען איז — — — — — — — — — — — — — — 1360 גראַם;

איטאַליענער — — — — — — — — — — — — — — 1375 גראַם;

נעגער — — — — — — — — — — — — — — — — 1390 גראַם;

לויט די דאָזיגע ציפער קומט אויס, אַז דער נעגערשער מאַרך איז אַ רעכט ביסעל שווערער ווי דער פראַנצויזישער און דער איטאַליענישער. פון וואַנען-זשע קומט עס, אויב די מאַרך-וואָג-טעאָריע איז אמת, וואָס די נעגער זיינען ווענינער ציוויליזירט ווי די אַנדערע צוויי פעלקער?

נאָר פיליכט דעם גלענצענדסטען אַרגומענט קעגען דער דאָזיגער טעאָריע האָט געגעבען דער באַרימטער אַנטראָפּאָלאָג פראַניץ באָאַז. פון וואַנען — פרעגט ער — איז עס געדרונגען, אַז אַ גרויסער מאַרך קען שאַפען מער ווי אַ קליינער מאַרך? אין דער נאַטור פון דעם מענשליכען קערפער געפינען מיר אַז דער קליינער אָרגאַניזם דערפילט דיזעלביגע פונקציע פונקט אַזוי גוט ווי דער גרויסער. דאָס קליינע אויג זעהט פונקט אַזוי גוט ווי דאָס גרויסע; אַ קליינער אויער הערט פונקט אַזוי גוט ווי אַ גרויסער; אַ קליינער מויל רעדט אַ שפּראַך פונקט אַזוי גוט ווי אַ גרויסער; אַ קליינער מאָגען פאַרדייט די שפּייז פונקט אַזוי גוט ווי אַ גרויסער. פאַרוואָס אַלזאָ זאָל אַ קליינער מ אַ ר ך ניט קאָנען טאָן דיזעלביגע אַרבייט, און פונקט אַזוי גוט, ווי אַ גרויסער מאַרך?

דער דאָזיגער אַרגומענט איז געניאַל אין זיין איינפאַכקייט, און איז אומבאַשטרייטבאַר. עס הייסט אַלזאָ, אַז אויך די טעאָריע אַז נאָר גרוים־מאַרכינע פעלקער זיינען באַגאַבט קולטורעל האָט ניט דעם מינדעסטען באַזיס אין דער ווירקליכקייט.

דערמיט אָבער שעפען זיך נאָך ניט אויס אַלע פאַרזוכען וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען צו פאַרקניפען קולטור מיט קערפּערליכע אייגענשאַפטען. מען האָט געפּרואווט אויסדריינגען נאָך אַ טעאָריע פון — די פעלקער־טעמפּעראַמענטען. די ערשטע רייזענדע, וואָס האָבען באַשריבען דאָס לעבען פון די ווילדע אומציוויליזירטע פעלקער, האָבען זיי שטענדיג באַצייכענט אַלס טעמפּעראַמענטפולע, נערוועזע, אומרוהיגע באַשעפּענישען. האָט מען זיך געפּרואווט אָנכאַפּען אָן דער דאָזיגער אייגענשאַפט פון די ווילדע אַלס די אמת'ע אורזאַך פאַרוואָס זיי זיינען ווילד. כדי צו קאָנען באַשאַפען קולטור — האָט מען גערדרונגען — פאָדערט זיך אַ קאַלטער, רוהיגער, געלאַסענער געמיט. כדי אויסצוטראַכטען געדאַנקען און אויסטראָגען אידעען — האָט מען גע'חקירה'ט — פאָדערט זיך געדולדינקייט, געזעצטקייט און קילקייט. און אַזוי ווי דער ווילדער איז ניט געבענשט מיט דער דאָזיגער מעלה איז ער דערפאַר געבליבען אין זיין ווילדען צושטאַנד, בשעת דער געלאַסענער און קאַלטבלוטיגער בלאָנדער אַריער איז געוואָרען דער שעפער פון דער העכסטער ציוויליזאַציע.

זיינען געקומען שפּעטערע גרינטליכערע שטודיעס וואָס האָבען צעשלאָגען אויך די דאָזיגע השערה. עס איז צעשלאָגען געוואָרען די השערה, אַז דער ווילדער מענש איז אַ נערוועזע, טעמפּעראַמענטפולע בריאה וואָס האָט ניט קיין אויסדויער. די ערשטע רייזענדע זיינען ניט געווען גענוג קריטיש. זיי האָבען געזעהן ווי אַ ווילדער רעגט זיך לייכט אויף איבער אַזאַ קליינינקייט, ווי אַ קאָלירטע שטיקעל גלעזעל, צום ביישפּיל, האָבען זיי באַשלאָסען אַז ער איז אַ לייכט־אויפרייצבאַרער מענש. אָבער זיי האָבען פאַרגעסען, אַז דאָס וואָס איז אַ קליינינקייט פאַר'ן אייראָפּייער קאָן זיין נאָר אַ גרויסע און וויכטיגע זאַך פאַר'ן ווילדען. זיי האָבען אָפּגעשאַצט דעם ווילדען לויט זייער אייגענער אייראָפּייאישער פּסיכאָלאָגיע. האָט זיך באַקומען אַ פאַלשער באַגריף וועגען דעם ווילדען.

צוליב דער פאַרבלענדעניש פון דעם דאָזיגען פאַלשען באַגריף האָבען די

רייזענדע ניט באַמערקט, וואָס פאַר אַ גוואַלדיגע אויסדויער־קראַפט די ווילדע ווייזען אַרויס אין אַנדערע געביטען. עס איז היינט באַוואוסט צו יעדען אַמע־ריקאַנישען קינד ווי אַזוי דער אינדיאַנער, ווען ער פלעגט אין מלחמה אַריינ־פאַלען אין די הענט פון דעם שונא, פלעגט ניט אַרויסלאָזען קיין קרעכץ אפילו ווען מען פלעגט איהם שניידען לעבעדיגערהייט אין שטיקער אָדער ברענען לאַנגזאַם אויפ׳ן פייער — כדי ניט צו מאַכען זיין שטאַם אַ נאָמען פאַר פייג־לינגען. און יעדער אַנטראָפּאָלאָג ווייס, אַז אין צייטען פון הונגער וועט אַ ווילדער שטאַם זיך לאָזען אויסגעהן און וועט ניט עסען זיין „טאַבו“, די פויגעל אָדער חיה וואָס איז פאַרהייליגט ביי איהם. דאָס ווייזט נאָך אַ פיעל גרעסערען אויסדויער, ווי די אייראָפּייער קאָנען באַווייזען.

און אַזוי דורכאויס. מען האָט נעפּרואווט דרינגען אויף פאַרשיידענע אופנים לויט געוויסע קערפּערליכע סימנים, אַז געוויסע טיילען פון דער מענשהייט זיינען אין זייער אַנטוויקלונג אַוועקגעגאַנגען ווייטער פון דער שטופע פון דעם מאַלפּע־מענש ווי אַנדערע. איינעם אַזאַ סימן האָט מען געזעהן אין דער ווייסער הויט פון דעם ווייסען מענשען. צווישען דער טונקעלער מאַלפּען־הויט און דער ווייסער הויט פון דעם ווייסען מענשען, האָט מען געדרונגען, איז אַ ווייטערער מהלך ווי צווישען דער מאַלפּען־הויט און דער געלבליכער הויט פון די מאָנגאָלען, דער קופּערנער הויט פון די אַמעריקאַנישע אינדיאַנער און דער שוואַרצער הויט פון די נעגער.

אויב אַלזאָ די ווייסע ראַסע איז ווייטער אַוועקגעגאַנגען פון דער מאַלפּען־שטופע ווי די אַנדערע, פאָלגליך איז זי די באַגאַבטעסטע, די פעהיגסטע.

האָט זיך עס געלייגט אויפ׳ן שכל. אָבער אויך דאָ זיינען געקומען אַנדערע פאַקטען וואָס האָבען צעשטערט דעם גאַנצען בנין. ווארום עס זיינען פאַראַן אַנדערע סימנים, פון וועלכע מען קאָן דרינגען פונקט פאַרקערט, אַז די קאָלירטע ראַסען זיינען אַם ווייטסטען אָפּגעשטאַנען פון דער שטופע פון דער מאַלפּע; ניט דוקא די ווייסע ראַסע. אַ בייִשפּיל איז די האָריגקייט פון דעם קערפּער. דער מענש אונטערשיידט זיך פון דער חיה דערמיט וואָס זיין קערפּער איז פריי פון האָר. אָבער דער נעגער האָט ווייניגער האָר אויף זיין קערפּער ווי דער ווייסער מענש. און דער אַמעריקאַנישער אינדיאַנער נאָך ווייניגער ווי דער נעגער. דער אינדיאַנער מאַן האָט כמעט גאָר קיין באָרד ניט.

אַ גרויסען ווענען האָבען די ביאָלאָגישע ראַסען-טעאָרעטיקער שטענדיג געמאַכט פון דעם פאַקט, וואָס געוויסע פעלקער ליידען פון געוויסע קראַנקהייטען מעהר ווי אַנדערע פעלקער, און בנוגע אַנדערע קראַנקהייטען וויזען זיי, פאַרקערט, אַרויס אַ העפטיקערען ווידערשטאַנד. אָבער אויך דער דאָזיגער פאַקט צורינט ווי טומאַן ווען מען טרעט צו אַביסעל נעהנטער צו איהם.

קודם-כל איז עס אַ באַוואוסטע זאַך, אַז ביז איצט זיינען נאָך אין ערגעץ ניט פאַראַן קיין גענויע סטאַטיסטישע דאַטען ווענען אַלע מעגליכע קראַנקהייטען ביי אַלע מעגליכע פעלקער, אָדער אפילו ווענען אַ באַדייטענדער צאָל קראַנקהייטען ביי אַ באַדייטענדער צאָל פעלקער, אַז מען זאָל קענען פון זיי ציהען אַ באַשטימטען שלוס אין דער פראַגע. יעדע באַהויפּטונג אין דער הינזיכט קען דעריבער אין בעסטען פאַל זיין ניט מעהר ווי אַ שפּרונג אין דער פינסטער. צווייטענס געפינט מען אין ערגיץ ניט קיין איינשטימינקייט ניט בנוגע די קראַנקהייטען, ניט בנוגע די פעלקער וואָס זיינען באַזונדערס עמפּינדליך אָדער באַזונדערס אונעמפּינדליך צו זיי. אַזוי זאָגען איינע, אַז די אידען זיינען אַם מעהרסטען אונטערוואָרפען צו שווינדזוכט. אַנדערע ווידער זאָגען — אירלענדער. דריטע ווידער באַהויפּטען — די נעגער. וואו ליגט דער אמת?

נעהמט מען אפילו אָן אויף אַ מאָמענט אַז אַלע מיינונגען איינינען זיך אויף איינעם פון די דריי פעלקער, אויף די אידען, די אירלענדער אָדער די נעגער — צי איז דאַן גערדרונגען אַז די עמפּינדליכקייט צו שווינדזוכט קומט פון נאַציאָנאַל-ביאָלאָגישע איינענשאַפטען? צי קען מען ניט לייכט דרינגען, אַז זי קומט גאָר פון דעם טרויעריגען עקאָנאָמישען און סאָציאַלען מצב אונטער וועלכע יעדעם איינציגע פון די דריי דערמאָנטע פעלקער לעבט און האָט געלעבט זייט דורות? די אידען — אין רעכטלאָזען גלות; די אירלענדער — אונטער דער עקספּלואַטאַציע פון די ענגלישע לאַנד-באַזיצער אין אירלאַנד וואָס האָט דאָס אירלענדישע פאָלק האַלב פאַרמאָרעט; די נעגער — אין דער שקלאַפעריי. בנוגע די נעגער האָט איין געלערנטער אַרויסגעזאָגט אַן אַנדער זעהר אינטערעסאַנטע השערה, נעמליך, אַז זיי ליידען אַזוי אָפט פון שווינדזוכט, ווייל זייערע נעזער זיינען ברייט געבויט און זיינען ניט צוגעפּאַסט אַזוי גוט ווי דעם ווייסען מענשענ'ס נאָז צו רייניגען די איינגעאָטעמטע לופט.

און אַזוי דורכאויס. וואו עס איז געמאַכט געוואָרען דער פאַרזוך צו באַ-

ווייזען די גייסטיגע העכערקייט פון דער ווייסער ראַסע, אָדער פון איין פאָלק איבער'ן אַנדערען, אויפ'ן גרונד פון איינגעבאָרענע-קערפּערליכע אונטערשיידען, אָדער פון דערוואָרבענע קערפּערליכע אונטערשיידען, ווי קראַנקהייטען צ. ב., איז דער פאַרזוך דורכגעפאַלען אין ליכט פון ניכטערער קריטיק.

III

ווי פאַרענטפערט דר. זשיטלאָווסקי אָט די אַלע קשיות אויף דער ביאָלאָגישער ראַסען=טעאָריע ?

אין די אַלע מאָנאָגראַפיעס זיינע וואו, ער זאָגט, אַ ער „באַגרינדעט" זיין טעאָריע פון נאַציאָנאַליזם געפינט זיך אין ערגיץ נאָרניט מכח אָט די אַלע פונדאַמענטאַלע פראַגען, וואָס זיינען געריכטעט דירעקט געגען זיין טעאָריע. עס איז ווי די דאָזיגע פראַגען וואָלטען פאַר איהם נאָרניט עקזיסטירט. אָנשטאָט דעם פיהרט ער אַרויס אַ נייעם אַרגומענט, וואָס איז בלויז — אַן איבעריגער אָבּפּרעג אויף זיין אייגענער טעאָריע.

מיר מיינען דאָ זיין באַהויפּטונג, אַז יעדעס פאָלק באַזיצט אַ באַזונדערען, אייגענאַרטיג אָרגאַניזירטען „נערווען=אַפּאַראַט" און „מאַרך=מאַשין", וועלכע גיבען עס אַרויס די באַזונדערע אייגענאַרטיגע קולטורען פון דער וועלט. דער אידישער מאַרך, הייסט עס, איז אַזאַ מאַשינקע, וואָס איז אַזוי געבויט אַז זי קען אַרויסגעבען נאָר אידישע קולטור, דער ענגלישער מאַרך איז אַזאַ באַזונדערער אַפּאַראַט וואָס קען פּראָדוצירען נאָר ענגלישע קולטור. און אַזוי ווי אַ געוויינליכע פּשוט'ע פאַבריק=מאַשין וואָס איז געמאַכט געוואָרען אויף אַרויסצוגעבען שיך, למשל, וועט ניט קענען פּראָדוצירען קיין זאָקען=בענדלעך, אַזוי וועט אַ אידישער מאַרך, למשל, שטענדיג בלייבען אַ אידישער אַפילו ווען ער אַרבייט אויף פרעמדען מאַטעריאַל. און די דאָזיגע מאַרך=מאַשין קען קומען נאָר פון אידישע טאַטע=מאַמע. „אַ איד קען מען ניט ווערען, אַ איד קען מען נאָר געבאָרען ווערען", זאָגט זשיטלאָווסקי.

עס איז געווים אַ גרויסע ענטדעקונג, אָט די, אַז יעדעס פאָלק האָט אַ מאַרך וואָס איז אַנדערש געבויט ווי די מאַרכען פון אַלע אַנדערע פעלקער. ווער עס איז נאָר פיעל=וועניג באַקאַנט מיט דער מאַרך און נערווען=וויסענשאַפט וועט

צוגעבן אַז די דאָזיגע ענטדעקונג איז די וויכטיגסטע אין דעם גאַנצן געביט פֿון דער דאָזיגער וויסענשאַפֿט.

איינס נאָר בלייבט אַ חידוש: געמאַכט די דאָזיגע ענטדעקונג האָבן — ניט די ביאָלאָגען, ניט די פֿיזיאָלאָגען, ניט די מעדיציניסטע פֿאָרשער, ניט די פּסיכאָלאָגען און ניט ראַסען־געלערנטע, אַלץ מענשען פֿון וועלכע מען וואָלט עס געקענט ערוואַרטען, נאָר — אַ טעאָרעטיקער פֿון אידישען נאַציאָנאַליזם!

זאָל עס אונז דעריבער ניט פֿאַררעכענט ווערען פֿאַר אפּיקורסות, ווען מיר וועלען זאָגען אַז מען דאַרף שטאַרק מסופּק זיין אין אַ מאַרך־טעאָריע וואָס קומט ניט פֿון די מאַרך־פֿאָרשער, נאָר פֿון איינעם וואָס האָט דעם מענשליכען מאַרך אפשר נאָר אונטער אַ גלאָז אין אַ מוזעאום געזעהן...

און ריזיקירענדיג געשטעלט צו ווערען אין דער קאַטעגאָריע פֿון יענע וואָס „האָבן קיין ברעקעל ידיעה ניט" מוזען מיר דאָך פֿרעגען: פֿון וואַנען וויים עס דר. זשיטלאָווסקי אַז מאַרכען פֿון פֿאַרשיידענע פֿעלקער אונטערשיידען זיך? אויף וועלכען גרונט מאַכט ער אַזאַ קאַטעגאָרישע באַהויפּטונג? וואו זיינען די פֿאַקטען, וואו זיינען די דאַטען אויף וועלכע ער שטיצט זיך?

אויטאָריטעטען אין דעם ענין לייקענען אַבסאָלוט אַז עס איז דאָ דער מינדסטער באַוויז פֿאַר אַזאַ טעאָריע, ווי דר. זשיטלאָווסקי׳ס. אָט איז צום ביישפּיל דעניקער, דער גרויסער ראַסען־טעאָרעטיקער. שרייבט דעניקער, אַז דער איינציגער אונטערשייד צווישען דעם מאַרך פֿון דעם ווילדען מענשען און דעם מאַרך פֿון דעם ציוויליזירטען מענשען, אויף ווי וויים מיר קענען איצט וויסען, איז נאָר דערזעלבער וואָס איז דאָ צווישען אַ געשולטען מוזיקער און איינעם וואָס קען ניט שפּילען. פֿון דעמזעלבען אינסטרומענט וועט דער ערשטער אַרויסציהען די וואונדערליכסטע מעלאָדיעס, דער אַנדערער—נאָר אָרימע קלאַנגען. דאָס הייסט, דער אונטערשייד קען זיין, איז נאָר אין דער אויסבילדונג, אין דער אויסאַרבייטונג. ווען דער ווילדער וואָלט געקראָגען דיזעלבע קולטיווירונג וואָס דער אייראָפּייער, וואָלט ער ניט אָפּגעשטאַנען פֿון איהם. און ער זאָגט אין דעם זעלבען אָרט אַז עס וועט נאָך דאַרפֿען נעהמען זעהר לאַנג ביז די וויסענשאַפֿט וועט קענען אַזוי וועגען און מעסטען דעם מענשליכען מאַרך אַז מען זאָל קענען זאָגען צו ס׳איז דאָ אַן אונטערשייד אין די מוחות פֿון דעם געבילדעטען אייראָ-

פייער און דעם ווילדען באַרבאַר. מיר קענען נאָר האָפען, אַז דאָס וועט אַמאָל מעגליך זיין.

יעדער איינער וואָס וויס נאָר עפּעס וועגען דעם מענשליכען מאַרך וועט פאַרשטעהן די ווערטער פון דעניקער. כדי צו קענען ריידען וועגען די אונטערשיידען צווישען די פעלקערליכע מאַרכען וואָלט מען גערדאַרפט קודם כל קענען מאַכען צווישען זיי פאַרגלייכען. און פאַרגלייכען אַזעלכע וואָס זאָלען באַווייזען מעהר אָדער וועניגער גענוי אַן אונטערשייד אין דעם וואונדערליך=געוועבטען נעץ פון די נערוו=פעדים, אין דער פאָרמע פון די נערוו=צעלען, אין דעם געבוי פון די מאַרך=קאַמערען, אין דער איינטיילונג פון די פונקציאָנען. אָבער איז אַזאַ פאַרגלייך ערגעץ אויסגעפיהרט געוואָרען? איז אַזאַ פאַרגלייך, ביים איצטיגען צושטאַנד פון דער וויסענשאַפט, נאָר מעגליך?

די פראַגע ענטפערט זיך אַליין, ווען מען נעמט נאָר אין באַטראַכט פאָלגענדען פשוט'ען פאַקט. לויט דער אָפּשאַצונג פון די אויטאָריטעטען אין דעם געביט, באַשטעהט דער מענשליכער מאַרך פון אַרום 4.000.000.000.000 גאַנגליאָנען אָדער נערוו=צענטרען.

די ציפער איז אַזוי גרויס, אַז די השגה קען זי ניט באַנעמען. און די דאָזיגע אומבאַגרייפליכע צאָל פון נערווען=פעדים איז איינגעפלאָכטען און איינגעוועבט אין דעם מאַרך=וועזען, וואָס איז לפי ערך קליין אין מאָס און קליין אין וואָג. די גרויס פון יעדען נערוו=צענטער ווערט געשאַצט אַלס 0033. (דריי=און=דרייסיג צעהן=טויזענטעל) פון אַ מילימעטער. קיינער האָט עס נאַטירליך גענוי ניט געצעהלט און קיינער האָט עס ניט געמאָסטען. דאָס איז אונמעגליך. דאָס איז נאָר מאַטעמאַטיש אָפּגעשאַצט געוואָרען. ווי זשע איז דאָ מעגליך צו רעדען פון פאַרגלייכען און אונטערשיידען? האָט דר. זשיטלאָווסקי באַוויזען דאָס אונמעגליכע און האָט אַריינגעקוקט אין דעם נערווען=געפלעכט פון די פאַרשיידענע פעלקער און געפונען אַז זיי אונטערשיידען זיך?

די „מאַרך אַנטראָפּאָלאָגיע“ האָט נאָך פאָרלויפיג קיין שום מיטעל, לויט וועלכע מען זאָל קענען אונטערשיידען דעם מאַרך פון אַ פרוי און דעם מאַרך פון אַ מאַן, און די מאַרכען פון פאַרשיידענע ראַסען. אַפילו אין דעם פאַל פון אַזעלכע ראַדיקאַל אַנדערע ראַסען ווי די ווייסע און די נעגער=ראַסע איז דאָס אונמעגליך צו אונטערשיידען. שרייבט אַ געוויסער דר. מאָלל, וועלכער האָט

זיך באַזונדערס אָפּגעגעבן מיט׳ן נעגערשען מאַרך, אַז ביי די איצטיגע מעטאָדען צו זאָגען, אַז דער נעגערשער מאַרך איז ענהליכער צו דעם מאַלפּע־מאַרך ווי דער מאַרך פון׳ם ווייסען מענשען, איז אין העכסטען גראַד אומבאַגרינדעט.

אָט איז נאָך אַ ראיה, גענומען פון אַן עטוואָס אַנדערען ווינקעל פון׳ם זעלבען ענין. איך מיין דאָ די חושים, די חושים פון זעהען, הערען, שמעקען, שפּירען שמערץ און אַזוי ווייטער, וועלכע זיינען בלויז מאַניפעסטאַציעס פון דעם מאַרך. ווער ווייס עס ניט די מעשות וואָס מען דערצעהלט זיך אָן וועגען דעם וואונדערליכען חוש הראיה אָדער דעם שאַרפען חוש השמיעה פון די ווילדע? די באַשרייבונגען פון רייזעס צווישען די ווילדע זיינען פול מיט זיי. קינד און קייט ווייסען פון זיי צו דערצעהלען. האָבען פּסיכאָלאָגען אָנגעפיהרט אַ רייהע עקספּערימענטען צווישען ווילדע פון פאַרשיידענע וועלט־טיילען און פאַרשיידענע שטאַמען. און פּראָפעסאָר וואודוואָירטה, איינער פון די פינף־זעקס גרעסטע פּסיכאָלאָגען היינט־צו־טאָג, מאַכט פאָלגענדען אויספיהר אויפ׳ן סמך פון די דאָזיגע עקספּערימענטען: „צו זאָגען אַז די ווילדע אונטערשיידען זיך אין זייער עמפינדליכקייט און אין זייער איינגעבאָרענער פּסיכאָלאָגיע פון די ציוויליזירטע פעלקער און דרינגען דערפון, אַז די לעצטע זיינען העכער באַגאַבט, איז — לעכערליך".

מיר וואָלטען דאָ געקענט ציטירען איין אויטאָריטעט נאָכ׳ן אַנדערען, אָבער לינט ניט, לאָגיש, דער חוב אויף דר. זשיטלאָווסקי׳ן צו באַווייזען זיין באַהויפּטונג אויף יאָ, איידער אויף אַנדערע זי צו באַווייזען אויף ניט? און ווען עס וועט קומען מאָרגען איינער, וואָס וועט זאָגען אַז אויפ׳ן מענשליכען מאַרך וואַקסען הערנער, וועט מען עס אויך דאַרפען באַשטרייטען?

אָט קומט אַן אַנדערער און מאַכט אַ באַהויפּטונג, אַז די קולטור־אונטערשיידען ביי פעלקער קומען נאָר פון באַזונדערע ביאָלאָגישע מאַטעריעס וואָס יעדעס פאָלק טראָגט אין זיין קערפּער. שרייבט דר. סירקין אין זיין ביכעל „נאַציאָנאַלע פרייהייט און אינטערנאַציאָנאַלע איינהייט":

"ביי יעדער נאַציאָן אַרבייט זיך אויס אין לויף פון דורות אַ באַזונדערע ביאָלאָגישע מאַטעריע, וועלכע גיט זיך איבער בירושה פון דור צו דור און ציהט זיך איינהייטליך און פעסט דורך די גאַנצע געשיכטע. דיזע באַזונדערע ביאָלאָגישע מאַטעריע איז די טרעגערין פון דעם אַזוי אָנגערופענעם נאַציאָנאַלען גייסט.

דיזע באַזונדערקייט פון פאָלק, פון וואַנען איהר שורש זאָל ניט שטאַמען, איז די אָריגינאַליטעט, דער כח פון פאָלק, זיין לעבענסקראַפט, וועלכע פיהרט איהם אויף דעם וועג פון דער געשיכטע און ווערט זיין שאַפענדער אָרגאַנישער מהות״. (זייט 18).

אַ מין נאַציאָנאַל־ביאָלאָגישע מאַטעריעס! אָבער וואו און ווען האָט ווער געזעהן באַזונדערע ביאָלאָגישע מאַטעריעס ביי די פאַרשיידענע פעלקער פון דער וועלט? וואו און ווען איז עס אַנטדעקט געוואָרען אַ א י ד י ש ע ר שטאָף, אַ רוסישער שטאָף, אַ פראַנצויזישער שטאָף?

עס קלינגט קאָמיש, ממש ווילד, אַז אין אַזאַ וויסענשאַפט ווי די כעמיש־ביאָלאָגישע וואָס איז באַגרינדעט אויף דער העכסטער וויסענשאַפטליכער דיס־ציפּלין זאָלען קומען מענשען און מאַכען נישט־געשטויגענע און נישט־געפלוי־גענע באַהויפּטונגען, און בויען אויף זיי טעאָרעטישע בנינים.

עס האָט אַמאָל אַ דייטשער חכם געשאַפען און באַגרינדעט אַ טעאָריע פון אַריסטאָקראַטיע און פּראָסטפעלקליכקייט. די אַריסטאָקראַטיע — האָט ער געזאָגט — איז ביאָלאָגיש איידעלער און העכער, ווי דאָס פּראָסטע פאָלק. וואָ־רום איז עס ניט באַוואוסט, אַז „דער מענש איזט, וואַס ער איסט“? און וואָס עסט דער פּויער? קאַרטאָפעל. זיין קערפּער קען דעריבער באַשטעהן נאָר פון קאַרטאָפעל־שטאָף, ווי באַוואוסט, אַ גראָבע, אַ פּראָסטע, אַ מגשום׳דיגע. דער חילוק צווישען אַ פּויער און אַ קאַרטאָפעל איז נאָר דאָס, וואָס ער איז אַ לעבעדיגע קאַרטאָפעל און קען עסען אַנדערע קאַרטאָפעל. דער אַריסטאָקראַט אָבער שפּייזט זיך אָרף דעם איידעלען שטאָף פון די בעסטע פליישען, פון די געשמאַקסטע ווייגען. דעריבער מוז זיין ביאָלאָגיע אַן אַנדערע זיין, אַן איידעלע־רע, יענע שטאָף וואָס שאַפט קונסט, ליטעראַטור, פילאָזאָפיע א. ז. וו.

דר. סירקינ׳ס טעאָריע פון נאַציאָנאַל־ביאָלאָגישע מאַטעריעס איז אַזאַ טע־אָריע, און דר. זשיטלאָווסקי׳ס שיטה פון נאַציאָנאַלע מאַרך־מאַשינעס איז אַזאַ קאַרטאָפעל־שיטה...

IV

מיר געהען איצט אַריבער צום נעכסטען פונקט אין דר. זשיטלאָווסקי׳ס טעאָריע, נעמליך, צו דער פראַגע: ווי אַזוי אַ נ ט ש ט ע ה ע ן די באַזונדערע

מאַרך=מאַשינעס און נערווען=אַפּאַראַטען ביי די באַזונדערע פעלקער? מיר האָבען שוין אויבען געזעהן דר. זשיטלאָווסקי'ס ענטפער: „די ספּעציפיש נאַציאָנאַלע שאַפונגס=כחות פון אַ פאָלק ענטוויקלען זיך, פאַרענדערען זיך אָדער ווערען אָפּגעטעמפּט פון דור צו דור, אין דעם פּראָצעס פון צופּאַסונג צו דער אַלגעמיין=מענשליכער קולטור, און דערנאָך געהען זיי אַריבער בירושה פון דור צו דור אויף דעם וועג פון ביאָלאָגישער פאַראַרבונג".

מיר האָבען שוין פריהער אָנגעוויזען אויף דער צוויי=פּנים'דיגקייט פון דער דאָזיגער טעאָריע, וועלכע האַלט פון איין זייט אַז די באַזונדערע מאַרך=מאַשינעס פּראָדוצירען עס די פאַרשיידענע קולטורען, און פון דער אַנדערער זייט אַז די קולטור=פאַרענדערונגען פאַרענדערען די מאַרך=פאָרמע. מיר האָבען דאָ אַלזאָ אַ זעלטענעם און ציקאַווען שטאָף, קולטור, וואָס באַשאַפט אַליין זיין מאַשין וואָס באַשאַפט איהם. אָבער ניט אויף דער דאָזיגער אינווייניגסטער סתירה ווילען מיר זיך דאָ אָבשטעלען. מיר ווילען פּרואווען זיך פאַנאַנדערקלייבען אין דעם מעהר פונדאַמענטאַלען פּראָבלעם, אין דעם פּראָבלעם פון די „ספּעציפיש נאַציאָנאַלע שאַפונגס=כחות" וואָס פאַרענדערען זיך אין דעם פּראָצעס פון צופּאַסונג צו דער אַלגעמיין=מענשליכער קולטור און געהען אַריבער בירושה פון דור צו דור אויף דעם וועג פון ביאָלאָגישער פאַראַרבונג".

מיר טרעפען זיך דאָ ווידער צוזאַמען מיט אַ לויזקייט און צעשוואומענקייט פון באַגריף וואָס מאַכט אונגעהויער שווער צו פאַרשטעהן וואָס אייגענטליך דר. זשיטלאָווסקי וויל זאָגען. וואָס, פרעגען מיר, געהט ביאָלאָגיש אַריבער בירושה פון דור צו דור? דער ענטפער זשיטלאָווסקי'ס איז: די פאַרענדערטע נאַציאָנאַלע שאַפונגס=כחות. אָבער וואָס איז עס אַזוינס „נאַציאָנאַלע שאַפונגס=כחות"? איז עס אַ פיזישע אָדער מעטאַפיזישע זאַך? און וואָס, פרעגט זיך ווייטער, איז עס, זאַכליך גערעדט, דער פּראָצעס פון צופּאַסונג פון אַ קולטור צו דער אַלגעמיין מענשליכער קולטור? און ווי אַזוי געהט אַן אידעען=ענדערונג און קולטור צו = קולטור צופּאַסונג *ביאָלאָגיש* אַריבער בירושה פון דור צו דור?

אומזיסט ווילען מיר זוכען ביי זשיטלאָווסקי'ן אויפקלערונג אין די דאָזיגע פראַגען. און ווידער קומט אונז אויס זיך צו באַנוגענען מיט דאָס וואָס מען קען ווי=עס=איז אַרויסקריגען פון דעם איינפאַכען דירעקטען פּשט פון די ווערטער.

אויב דער דאָזיגער טייל פון דר. זשיטלאָווסקי'ס טעאָריע האָט בכלל עפּעס אַ זין, דאַן קען עס מיינען נאָר איינס:

ווען אַ אידישער מענש, צום ביישפּיל, איז געצוואונגען זיך צוצופּאַסען צו אַ פרעמדער קולטור און אויפנעהמען נייע, ביז דאַן איהם פרעמדע געדאַנקען, ווערט דערפון אַ רושם, אַן אָבדרוק אויף זיין מאַרך. דער דאָזיגער אָבדרוק אויפ'ן מאַרך־מעכאַניזם געהט דאַן ביאָלאָגיש אַריבער בירושה צו די קינדער פון יענעם אידען, און דורך זיי צום גאַנצען אידישען פאָלק און ענדערען די פריהערדיגע פאָרמע פונ'ם מאַרך.

אַזוי ווערען צוזאַמענגעבראַכט די דריי וויכטיגסטע עלעמענטען פון זשיטלאָווסקי'ס טעאָריע: פאַרענדערונג פון נאַציאָנאַלע שאַפונגס־כחות אין דעם צופּאַסונגס־פּראָצעס צו דער אַלגעמיין־מענשליכער קולטור; זייער איבערגאַנג צו וויטערע דורות דורך ביאָלאָגישער ירושה; און זייער ענדליכע אויסבילדונג פון אַ ספּעציעלען מאַרך־בוי ביי יעדען פאָלק.

לאָמיר פרואווען זיך פאַנאַנדערצוקלייבען אַביסעל אויספירליכער אין דעם פונקט פון קולטורעלער צופּאַסונג וואָס געהט ביאָלאָגיש איבער בירושה.

רעדט דר. זשיטלאָווסקי פון ביאָלאָגיע האָבען מיר איהם אַ רעכט צו פרעגען: וואָס לערענט אונז אייגענטליך די ביאָלאָגיע וועגען ביאָלאָגישער פאַראַרבונג?

די גאַנצע ביאָלאָגישע וויסענשאַפט פון אונזער צייט שטעהט קלאָר אויפ'ן שטאַנדפּונקט, אַז ערוואָרבענע כאַראַקטערען, דאָס הייסט, אַזעלכע אייגענשאַפטען וואָס אַ קערפּער קריגט־צו שוין נאָכ'ן געבורט, געהען ניט אַריבער בירושה פון פאָטער צו קינד. עס הייסט, אַלזאָ, אַז אפילו ווען דר. זשיטלאָווסקי וואָלט געקענט באַווייזען, אַז לייענען שעקספּיר, צום ביישפּיל, מאַכט אויפ'ן מאַרך אַן אַנדער אָבדרוק ווי לייענען מענדעל'ן, קען ער אָבער בשום אופן ניט באַהויפּטען, אַז דער דאָזיגער אָבדרוק געהט איבער בירושה צום נעכסטען דור.

דערמיט פלאַצט די גאַנצע, אַזוי דילעטאַנטיש צונויפגעשטעלטע טעאָריע זשיטלאָווסקי'ס. אָבער זשיטלאָווסקי זוכט צו ראַטעווען זיין טעאָריע*) דורך

*) אין דער ניואָרקער „צייט" (דוכט זיך מאַי 29 און 30, 1920) אין זיינע צוויי פּאָלעמישע אַרטיקלען „די אַלט־נייע פלאָג" אַן ענטפער אויף מיין קריטיק.

שטעלען זיך אויפ'ן אַלטען שטאַנדפּונקט פון לאַמאַרקיזם, אַז ערוואָרבענע כאַ־ראַקטערען געהען י׳ אָ אַריבער בירושה. עס איז דעריבער נויטיג עטוואָס ברייטער זיך אָבצושטעלען אויף דעם דאָזיגען ענין.

מיר זעהען אַ מאַן אָדער אַ פרוי האָט שטיפּלען אויפ'ן פּנים, צום בייש פּיל, וואָס ער אָדער זי האָט געקראָגען פון פּאָקען. ווען דער מאַן אָדער די פרוי וועלען האָבען אַ קינד, וואָס וועט פּאַסירען? וועט דאָס קינד אויך האָבען שטיפּלען אויפ'ן געזיכט? ניין. אין אונזער טאָג־טעגליכען לעבען באַגעגנען מיר אַזעלכע מענשען, און די קינדער אין אַזעלכע פאַלען ווערען געבאָרען מיט אַ גלאַטער הויט. אַ פּאָטער וואָס האָט פאַרלאָרען אַ האַנט, אַ מוטער וואָס האָט אָנגעוואָרען אַן אויג וועלען האָבען נאָרמאַלע קינדער, מיט צוויי הענט און מיט אַ פּאָר אויגען.

דאָס איז גערעדט אין פאַל פון איין מענשליכער לעבענס־צייט. ווי אָבער וואָלט געווען ווען דיזעלבע זאַך זאָל זיך איבער'חזר'ן מיט דיזעלבע מענשען אין משך פון אַ סך דורות? וואָלט זיך עס אָבגערופען אויף די שפּעטערדיגע דורות, אַזוי אַז יענע וועלען שוין געבאָרען ווערען פאַרטיגע קאַליקעס, אָדער ניט?

לאַמאַרקיזם זאָגט — יאָ; דאַרווינִיזם *) זאָגט — ניין.
וואָס זיינען די פאַקטען?

צום גליק איז גראָד אין דעם פּרט מענשהייט אַן אמת'ע לאַבּאָראַטאָריע וואָס פיהרט שוין אָן עקספּערימענטען אין פאַרלויף פון טויזענטער יאָהרען. קיין וויסענשאַפטסמאַן וואָלט זיך נאָר קיינמאָל ניט געקענט פאָרשטעלען אַ בעסערע לאַבּאָראַטאָריע, געפיהרט אויף אַ גרעסערען מאַסשטאַב, ווי די וואָס די מענש־הייט אַליין פיהרט אָן. און מיר קענען איצט באַטראַכטען די רעזולטאַטען און ענטפערען מיט אַ גרויסער מאָס פון זיכערקייט אויף דער פראַגע צו „ערוואָרבענע כאַראַקטערען" געהען איבער בירושה אָדער ניט.

---

*) „דאַרווינִיזם" ווערט דאָ געברויכט אין דעם זין פון נעאָ־דאַרווינִיזם, ד. ה. דעם דאַרווינִיזם געריינִיגט פון זיינע לאַמאַרקישע עלעמענטען. אַזוי ווערט דער טערמין היינט געוויינליך גע־ברויכט. דר. זשיטלאָווסקי האָט אָבער באַנוצט דעם דאָזיגען טערמין, אין די דערמאָנטע פּאָלעמישע אַרטיקלען, אין זיין אַלטען זין און „באַווייזען" אַז איך בין אַ שרעקליכער עם־הארץ. זעה: „Darwinism", Encyclopedia of Philosophy and Psychology.

שטעלט אייך פאָר: עס איז שוין פיער טויזענט יאָהר אַז יעדער אידישער אינגעל ווערט גע׳מל׳ט. דאַרף מען נאָך האָבען אַ בעסערען עקספּערימענט אין דער פאַראַרבונג פון פאַרקריפּלונגען? און דאָך ווערען אידישע אינגלעך נאָך אַלץ געבאָרען ערלים. צווישען פאַרשיידענע גרופּען מענשען, אין משך פון דורות אָהן אַ צאָהל, ווערען געוויסע צייהן אויסגעהאַקט, ביי אַנדערע די קעפּ צונעפּלעסקעט (די פלאַך־קעפּיגע אינדיאַנער), ביי דריטע די פיס איינגעקרעמפּעוועט (ווי ביי די כינעזער), ביי נאָך אַנדערע די אויערען און נעז דורכגעבויערט, און דאָך ווערען יענע אַלע מענשען געבוירען נאָרמאַל און יעדער דור מוז פאַר זיך אַליין איבער׳חזר׳ן דעם מנהג. מענער האָבען זיך פון אַלטע צייטען די בערד געשאָרען, פרויען האָבען פון אייביג אָן געבאָרען קינדער מיט וועהטאָג און מיט פאַרקריפּלונג פון קערפּער ביי יעדער מענשליכער געבורט, און דאָך בלייבט דער מענשליכער אָרגאַניזם אומפאַרענדערט.

אויסערדעם זיינען געמאַכט געוואָרען טויזענטער עקספּערימענטען אין לאַבאָראַטאָריעס, קינסטליך צונעריייט, און אַלע באַמיהונגען אַרויסצוברענגען אַ פאַרענדערונג אין גוף איז ניט געלונגען. איינער פון די באַריהמטעסטע עקספּערימענטען אין דעם געביט געהער צו וויסמאַנ׳ען, וועלכער האָט אָבגעהאַקט די עקען ביי גאַנצע צוואַנציג דורות פון אַ פּאָר מייזלעך, און דער איין־און־צוואַנציגסטער דור איז פּאָרט געבאָרען געוואָרען מיט די געוויינליכע מייזעשע עקען.

אין ליכט פון אָט די אַלע ערפאַהרונגען, סיי פון דעם ברייטען לעבען פון דער מענשהייט, סיי פון די קינסטליכע פּראָבען אין דער לאַבאָראַטאָריע, האָט די וויסענשאַפטליכע וועלט פאַראורטיילט די טעאָריע פון „ערוואָרבענע כאַראַקטערען“. אַלפרעד ראַסעל וואַלאַס, דער מיטשאַפער פון דאַרווינ׳ס ענטוויקלונגס־לערע, האָט ערקלערט: „דער לאַמאַרקיזם איז שוין אַ סך מאָל און גרינג אָבגעשלאָגען געוואָרען פון יעדען איינעם וואָס האָט זיך באַשעפטיגט מיט דעם ענין“. דער גרויסער האַקסלי, דער פאָרקעמפער פונ׳ם דאַרוויניזם אין ענגלאַנד, האָט געזאָגט: „דער לאַמאַרקיזם איז שוין לאַנג פאַר׳משפט געוואָרען און מיט רעכט“. רעי לאַנקאַסטער האָט זיך אויסגעדריקט אַז „דער גרעסטער שריט פאָרוועַרטס אין דער מאָדערנער פאַראַרבונגס־וויסענשאַפט וועט זיין ווען זי וועט פּטור ווערען פון יעדען שפּור פון לאַמאַרקיזם“. און פּראָפ. טהאָמסאָן, דער וועמען דר. זשיטלאָווסקי אַליין ציטירט, ערקלערט, אַז דער לאַמאַרקיזם האָט נאָך

ביז איצט קיין איינציגען פאַל ניט באַוויזען, און אַז „קיינער האָט איצט ניט קיין רעכט צו באַטראַכטען די פאַראַרבונג פון ערוואָרבענע כאַראַקטערען צווישען די פאַקטען פון דער פאַראַרבונגס־וויסענשאַפט. אין בעסטען פאַל איז עס נאָר אַן ענין צום דיסקוטירען„.

אָט דאָס זיינען די פאַקטען פון איין זייט, געגען „ערוואָרבענע כאַראַקטערען“. אין אַנגעזיכט פון אָט אַזאַ אוצר פון פאַקטען און פעסטגעשטעלטע פראָבען, אין אַנגעזיכט פון דער איבערוועלטיגענדער מערהייט פון די שעפער פון דער ביאָלאָגישער וויסענשאַפט, וואָס זיינען די אַרגומענטען וואָס דר. זשיטלאָווסקי פיהרט אַרויס?

דר. זשיטלאָווסקי ברענגט אַלס אויטאָריטעט ריכאַרד סעמאָן.

ריכאַרד סעמאָנ׳ס עקספּערימענטען—שרייבט ער—באַווייזען, אַז „די איבערטראָגונג פון אינדיווידועל ערוואָרבענע ענגראַמען (אָפּדרוקען) פון איין דור אויפ׳ן אַנדערן, קאָן — אמת, אין איינצעלנע גינסטיגע פאַלען — אויפגעוויזען ווערען“.

די עקספּערימענטען באַווייזען אַז עס קען באַוויזען ווערען...

און דאָס נאָר אין איינציגע גינסטיגע פאַלען...

דאָס איז זשיטלאָווסקי׳ס שטאַרקסטע שטיצע. קיין שטאַרקערע פיהרט ער אין ערגעץ ניט אַרויס צו באַגרינדען זיין באַהויפּטונג אַז קולטור־ענדערונגען געהען ביאָלאָגיש אַריבער בירושה און באַשאַפען פאַרשיידענאַרטיגע מאַרך־אַפּאַראַטען ביי די באַזונדערע פעלקער. און אויפ׳ן סמך פון אַזעלכע פסעוודאָ־וויסענשאַפטליכע פאַקטען ערקלערט מען עס אַזוי קאַטעגאָריש, אַז די וואָס דענקען אַנדערש האָבען „קיין ברעקעל ידיעה ניט אין דער פראַגע פון נאַציאָנאַליזם“...

יעצט דאַרף נאָך בלויז צוגעגעבען ווערען, אַז ריכאַרד סעמאָנ׳ס עקספּערימענטען זיינען צוריקגעוויזען געוואָרען (פּאָולטאָן).

נאָך דעם אַלעמען, וואָס איז אויבען געזאָגט געוואָרען, וועלען מיר קענען בעסער פאַרשטעהן אַן אַנדער באַווייז, וואָס דר. זשיטלאָווסקי ברענגט, „ווי אַזוי מען קאָן אָננעהמען אַז פאַרשיידענע ראַסען און נאַציאָנאַליטעטען זאָלען האָבען אַ פאַרשיידענעם בוי פון די געהירן און די נערוועו“ *).

---

*) אין די דערמאָנטע אַרטיקלען „די אַלט־נייע פלאַג“.

„ווען איך לייען אַ נאַרישען כלומרשט וויסענשאַפטליכען אַרטיקעל — שרייבט זשיטלאָווסקי — און באַמערק אין דעם מחבר די אומפעהיגקייט צו פאַרשטעהן און דורכצוטראַכטען אַן איינפאַכען לאָגישען געדאַנק—ניט שוין מוז איך איהם פריהער פלעטען דעם מוח (ווי ער זאָל דאָס ניט האָבען פאַרדיענט), כדי איינצוזעהן, אַז עפּעס מוז זיין ניט גלאַטיג מיט זיין געהירען? אויב איך גלויב — און אין דעם גלויב איך — אַז די גייסטיגע אייגענשאַפטען זיינען ענג צענויפגעבונדען מיט דער באַשאַפענהייט פון דעם געהירען, קאָן איך לכתחילה ציהען דעם נויטיגען לאָגישען שלוס, לויט דעם פּרינציפּ: „וואָס פאַר אַן אַרבייט, אַזאַ מארך“.

פאַר דעם וואָס וויל פאַרשטעהן דר. זשיטלאָווסקי'ס טעאָריע פון נאַציאָנאַליזם, און דעם גרונט־פעהלער פון אַלע ענליכע פסעוודאָ־וויסענשאַפטליכע טעאָריעס פון ראַסע און קולטור, איז די נאַר־וואָס געבראַכטע שטעל די וויכטיגסטע אין אַלע זשיטלאָווסקי'ס שריפטען וועגען נאַציאָנאַליזם. זי פיהרט אונז אַריין אַזוי צו זאָגען אין דער געהיימנים פון זשיטלאָווסקי'ס טעאָרעטישען חקירה'ן און שאַפען. ניט נאָר מיט דער הילף פון דער אויסגעפּרואווטער וויסענשאַפט איז דר. זשיטלאָווסקי געקומען צו זיינע אויספיהרונגען, נאָר אויך דורך דער הילף פון דער לאָגיק. „אויב איך גלויב — שרייבט ער — און אין דעם גלויב איך אַז די גייסטיגע אייגענשאַפטען זיינען ענג צונויפגעבונדען מיט דער באַשאַפענהייט פון די געהירען, קאָן איך לכתחילה— (אָהן זייטיגער הילף, הייסט עס) — ציהען דעם נויטיגען לאָגישען שלוס לויט דעם פּרינציפּ: וואָס פאַר אַן אַרבייט אַזאַ מאַרך“.

דער אמת אָבער איז, אַז דר. זשיטלאָווסקי קען ניט ציהען אַזאַ לאָגישען שלוס. דאָס וואָס דר. זשיטלאָווסקי נעהמט דאָ אָן פאַר לאָגישען שלוס איז, אין אמת'ן, לויט אַלע געזעצען פון דער לאָגיק צו וועלכער ער אַפּעלירט — אַ ריינער, קלאָרער, לאָגישער טעות. עס איז דער טעות אָדער פעהלער וואָס איז אין דער טעאָריע פון לאָגיק אַזוי גוט באַקאַנט אונטער דעם באַגריף פון „פלוראַליטעט פון אורזאַכען“. זאָגט דשאהן סטואַרט מילל, דער גרויסער באַגרינדער פון דער אינדוקטיווער מעטאָדע, אין זיין „סיסטעם פון לאָגיק“ (ז. 311, אויסגאַבע 1900):

„עס איז ניט אמת אַז איין פאָלגע מוז שטענדיג זיין פאַרבונדען בלויז מיט איין אורזאַך, אַז יעדע ערשיינונג קען אַרויסגעבראַכט ווערען בלויז אויף איין אופן. עס זיינען אָפט פאַראַן עטליכע באַזונדערע אופנים, אונאַבהענגיגע, אין וועלכע דיזעלבע ערשיינונג האָט געקענט האָבען איהר וואָרצעל. אַ סך אורזאַכען קענען פּראָדוצירען מעכאַנישע באַוועגונג; אַ סך אורזאַכען קענען אַרויסברענגען אַ געוויסע שפּירונג; אַ סך אורזאַכען קענען ברענגען טויט“.

מען קען ניט, ווי דר. זשיטלאָווסקי מיינט, אַזוי לייכט שפּרינגען פון אַן ערשיינונג, און זאָגען: אָט דאָס איז די איינציגע אורזאַך פון דער דאָזיגער ערשיינונג און קיין אַנדערע איז ניטאָ. וואָרום וויבאַלד די אורזאַכע איז פאַרבאָרגען קען איך אַמאָל טרעפען שלעכט, אָדער עס קען זיין עס איז דאָרט פאַראַן ניט איין אורזאַך, נאָר עטליכע. אַ גוטען ביישפּיל גיט אונז דאָ די געשיכטע ווי אַזוי די רפואה צו מאַלאַריאַ־פיבער איז אַנטדעקט געוואָרען.

מען האָט באַמערקט אַז די מאַלאַריאַ־חלאים ווערען דאָס רוב קראַנק ביינאַכט. וואָס איז געווען לאָגישער ווי צו זאָגען אַז די טראָפּישע נאַכט איז די אורזאַך פון מאַלאַריאַ? האָט מען אַזוי געזאָגט, און עס איז געווען אַ טעות. האָט מען ווייטער געדרונגען: מאַלאַריאַ קומט פאָר אין זומפּיגע ערטער — וואָס איז לאָגישער ווי צו זאָגען אַז פייכטקייט אָדער זומפּיגקייט איז די אורזאַך פון מאַלאַריאַ? האָט מען אַזוי אַ צייט געגלויבט, ביז עס האָט זיך אַרויסגעוויזען אַז די אמת׳ע אורזאַך איז גאָר אַ באַציל וואָס ווערט געטראָגען פון אַ מאסקיטא, וועלכע פלאָדעט זיך אין זומפּיגע ערטער און באַווייזט זיך, ווי עס איז די טבע פון מאסקיטאס, ביינאַכט.

וואָס ווערט איצט פון דר. זשיטלאָווסקי׳ס „לאָגישען פּרינציפּ: וואָס פאַר אַן אַרבייט אַזאַ מאַרך“? אַ ס ך אורזאַכען, קען זיין, האָבען פּראָדוצירט אַ ז אַ ק ו ל ט ו ר, און ניט דווקא די פ אָ ר מ ע פון דעם מאַרך! עס קענען זיין סאָציאַלע אורזאַכען, עס קענען זיין געאָגראַפיש־קלימאַטישע אורזאַכען, עס קענען זיין געשיכטליכע אורזאַכען, אַלץ אורזאַכען, הייסט עס, וואָס ליגען אינגאַנצען א ו י ס ע ר ה אַ ל ב דעם מאַרך. און דורך די דאָזיגע אורזאַכען ווערען טאַקע ערקלערט די פאַרשיידענאַרטיגקייטען אין קולטורען אין אַלע נייע פאָרטגעשריטענע טעאָריעס פון נאַציאָנאַליזם, און דערביי מוז מען ניט זינדיגען געגען דער וויסענשאַפט און זי פאַרקריפּלען.

דר. זשיטלאָווסקי האָט אָבער געדענקט אַז ער קען איבערקלינגלען די ווי־סענשאַפט מיט אַ לייכטען, איינפאַכען, לאָגישען סילאָגיזם: „היות ווי קולטורען קומען פון מהות און נערוועו; און היות ווי קולטורען זיינען פאַרשיידען; פאָלגליך מוזען די מחות און נערוועו אויך זיין פאַרשיידען"...

קיינמאָל האָט זיך הינטער אַ לאָגישען סילאָגיזם ניט באַהאַלטען קיין גרעסערע נאַאיוויטעט און קיין גרעסערער דילעטאַנטיזם...

זשיטלאָווסקי דער לאָגיקער „טוט עהרע" זשיטלאָווסקי'ן דעם ביאָלאָג...

V

מיט אָט אַזאַ מין „געזונטער לאָגיק" האָט מען עס אין דעם געביט פון דער פעלקער־לערע געשאַפען טעאָריעס און געבויט כל־ערליי לופט־שלעסער וועגען איינגעבאָרענע קולטור־איינגענשאַפטען און באַזונדערע פעלקער־פּסיכאָלאָגיעס. אויף אונזער מאַרק איז דר. זשיטלאָווסקי געווען דער הויפּט צושטעלער פון דעם דאָזיגען מין סחורה.

נאָר צוערשט וועגען פעלקער־פּסיכאָלאָגיע בכלל.

עס איז ניטאָ ביי די עלטערע טעאָרעטיקער פון נאַציאָנאַליזם קיין מעהר אָנגענומענער אמת, ווי דער, אַז יעדע ראַסע, יעדעס פאָלק האָט אַן אַנדער גייסט, אַ באַזונדערע איינענאַרטיגע פּסיכאָלאָגיע, וואָס ציהט זיך ווי אַ „רויטער פאָדים" דורך זיין גאַנצער געשיכטע. דער דאָזיגער געדאַנק איז דער גרונד־פּרינציפּ, דער ערשטער אַני־מאמין אין זייער תורה. דער „אידישער גייסט", דער „פראַנצויזישער זשעני", די „נשמה פון דייטשען פאָלק", דער „ענגלישער כאַראַקטער" — אַזעלכע און ענליכע אויסדרוקען באַגעגענט מען אויף טריט און שריט אין דער ליטעראַטור פון נאַציאָנאַליזם. פון דאַנען זיינען זיי אַריבער אין דער אַלגעמיינער ליטעראַטור, אין דער טאָג־טעגליכער פּרעסע, אין טאָג־טעגליכען געשפּרעך, און זיינען געוואָרען אַ שלאָג־וואָרט אין געזעלשאַפטליכען לעבען, אַ פּראָגראַם אין דער פּאָליטיק, אַ מעטאָד אין דער געשיכטע, אַ קולט צו דינען.

עס שיקט זיך דעריבער צו פרעגען: וויפיעל אמת און וויפיעל פאַלשקייט איז פאַראַן אין דער דאָזיגער טעאָריע? און מיט וואָס אייגענטליך אונטערשיידען זיך די פאַרשיידענע פעלקער אין „גייסט" און „נשמה"?

דעם ענטפער דערויף וואָלט אונז, פאַרשטעהט זיך, געדאַרפט געבען די אַזוי גערופענע „פעלקער־פסיכאָלאָגיע“. די פעלקער־פסיכאָלאָגיע איז איינע פון די עלטסטע צווייגען פון דער פסיכאָלאָגיע. אין די עלטסטע שריפטען פון דער וועלט געפינען מיר כאַראַקטעריזירונגען פון פעלקער און לענדער. אַזוי צום ביי־שפיל געפינען מיר ביי טאַציטוס און צעזאַר כאַראַקטעריזירונגען פון די אַלטע גערמאַנען, און די היינטיגע טעאָרעטיקער פון נאַציאָנאַליזם טייטלען מיט די פינ־גער אויף די דאָזיגע פרי־באַמערקטע כאַראַקטער־שטריכען, און ווייזען אָן, אַז די־זעלבינע שטריכען געפינט מען נאָך היינט ביי די פעלקער, וואָס שטאַמען אָפּ פון די אַלטע גערמאַנען, פראַנקען און גאַלען.

וואָס זשע לאָזט אונז די פעלקער־פסיכאָלאָגיע צו הערען?

זשאַן פינאָ, אין זיין בוך „ראַסען פאָראורטייל“, גיט אַ געלונגענעם סך־הכל פון דער פעלקער־פסיכאָלאָגיע: זי איז דער ריינסטער דורכפאַל. ער ברענגט אַ פּאָר ביישפּילען, וואָס יעדער איינער קען פאַר זיך אַליין פאַרפילפאַ־כען. רענאַן, ווייזט אָן פינאָ, איז געוועזן איינער פון די גרעסטע אויטאָריטע־טען אין דער קולטור פון די פאַרצייטיגע קעלטער, יענע קעלטער פון וועלכע עס שטאַמען אָפּ די היינטיגע פראַנצויזען, דייטשען, ענגלענדער און איטאַליענער. ווי אַזוי שילדערט רענאַן דעם קעלטישען טיפּ? דער קעלט — זאָגט רענאַן — איז געוועזן באַגאַבט מיט אַ גראַציעזער פאָרשטעלונגס־קראַפט, מיט אַ זין פאַר איידעלקייט און שעהנקייט, וועלכע זיינען געוועזן זיין העכסטער לעבענס־אידעאַל, און ער האָט באַזעסען אַ חנ׳עוודיגע באַשיידענקייט און ווייב־ליבקייט.

קלינגט עס געוויס זעהר שעהן און מען ווייזט אָן מיט נצחון אַז די דאָזיגע אייגענשאַפטען זיינען נאָך עד היום די אייגענשאַפטען פון די פראַנצויזען, דייט־שען, איטאַליענער און ענגלענדער. דאַרף מען אַ בעסערען באַווייז (?) אַז יעדעם פאָלק האָט זיין אייגענע פסיכאָלאָגיע און אַז די דאָזיגע פסיכאָלאָגיע ציהט זיך ווי אַ „רויטער שנירעל“ אָדער „דאָס גאָלדענע פאָדים“ דורך דער גאַנצער גע־שיכטע, — ווי עס געהט דער באַקאַנטער נוסח?

אָבער שפּעטערע פאָרשער אויף דעם געביט נאָך רענאַן, האָבען אויך, אויפ׳ן סמך פון דער אַלטער קעלטישער קולטור, געפּרואווט אויסמאָלען דעם קעל־טישען טיפּ. און אין זייערע ווערק טרעטען אויף די קעלטער אַלס פּשוט׳ע רויהע

באַרבאַרען, ווילד ווי אַלע ווילדע, בײַ וועמען די פֿרוי טראָגט דעם יאָך פֿון שוועדער פֿאַראַכטונג און איז נאָר אַ כּלי אויף צו געבוירן זכרים, און בײַ וועמען געשלעג און קאַמף, באַזויפֿענקייט און סענסואַליטעט זײַנען דער העכסטער אידעאַל סײַ פֿאַר דער וועלט, סײַ פֿאַר יענער וועלט. און אַז מען וויל קאָן מען מיט אַ נאָך גרויסער מאָס פֿון אמת זאָגען, אַז די דאָזיגע כאַראַקטער־שטריכען זײַנען אויך נאָך הײַנט צו געפֿינען בײַ די אייניקלאַך פֿון די קעלטער.

וואו איז דער אמת? וועלכע פֿון די צוויי כאַראַקטעריזירונגען איז די ריכטיגע?

שפּאַנען מיר אַריבער די יאָרהונדערטען און פּרואווען זוכען אַ בײַשפּיל פֿון דער נאָהענטער צײַט. עס איז באַקאַנט די באַגײַסטערונג, וואָס דער פֿראַנצויז טעין האָט געהאַט פֿאַר די דײַטשען. אַלע אידעען פֿון 19־טען יאָרהונדערט — זאָגט טעין — זײַנען געבאָרען געוואָרען אין דײַטשלאַנד. אָריגינאַליטעט איז דער הויפּט שטריך פֿון דײַטשען פֿאָלק. אין ענדע פֿון 18־טען יאָרהונדערט האָבען די דײַטשען באַשאַפֿען אַ נײַע מעטאַפיזיקע, אַ נײַע טעאָלאָגיע, אַ נײַע פּאָעזיע, אַ נײַע ליטעראַטור.

דאס זאָגט טעין. קומט אָבער אַ צווייטער באַדײַטענדער היסטאָריקער, צעללער, וועלכער דערקלערט פּונקט דעם היפּך. די דײַטשען — זאָגט צעללער — האָבען קיין אָריגינעלע זאַך ניט באַשאַפֿען. אַלץ איז געקומען צו זיי פֿון דרויסען. דײַטשלאַנד האָט קיינמאָל אַליין ניט געמאַכט קיין פּראָגרעס; זי האָט זיך פּשוט אונטערגעגעבען צו איהם.

וואו זשע איז דער אמת? וועלכע כאַראַקטעריזירונג איז די ריכטיגע?

עס איז ניטאָ קיין שענערער אונטערהאַלט ווי די ווידערשפּרוכען, וועלכע מיר באַגעגענען אויף טריט און שריט אין דעם געביט פֿון ראַסען־ און פֿעלקערלערע. עס איז כמעט אַן אַקסיאָמע בײַ די אידישע נאַציאָנאַליסטען און היסטאָריקער, אַז דאָס אידישע פֿאָלק האָט דערגרייכט אַזאַ קולטור־הויך דערפֿאַר, וואָס עס האָט זיך ניט געמישט מיט אַנדערע פֿעלקער און אויפֿגעהאַלטען זײַן ראַסען־ריינקייט. אָבער טעין, אין זײַן געשיכטע פֿון דער ענגלישער ליטעראַטור, און פּאַקטיש אַלע ענגלישע היסטאָריקער, זאָגען אַז דאָס ענגלישע פֿאָלק איז אַזוי גרויס אין קולטור, דוקא ו ו י י ל עס איז אַ געמיש פֿון אַ סך ראַסען און פֿעלקער. עס איז אַ זאַך פֿון טאָג טעגליכען געשפּרעך, אַז אידען זײַנען אַ פֿאָלק מיט אַן

איינגעבאָרענער טבע פאַר געשעפט און האַנדעל. אָבער די אידישע נביאים האָבען פאַרדאַמט האַנדעל אַלס אַ זינד, און יאָזעפוס פלאַוויוס כאַראַקטעריזירט די אידען אַלס אַ פאָלק פון פרידליכע ערד־אַרבייטער און פאַסטוכער. די אידען, זאָגט מען אונז פון איין זייט, זיינען בטבע אַ רעליגיעזער פאָלק; די אידען, זאָגט מען פון דער אַנדערער זייט, זיינען די גרעסטע אַפּיקורסים. די רוסען, פלעגט מען זאָגען פאַר דער רעוואָלוציע, זיינען בטבע אַ שקלאַפּיש פאָלק און דער מאָנאַרכיסטישער רעזשים איז אָנגעפּאַסט פאַר זייער נאַטור. איז געקומען די רעוואָלוציע און אַ סוף געמאַכט צו דער דאָזיגער „נאַטור".

פון וואַנען — אָט די סתירות, פון וואַנען די קאָמישע ווידערשפּרוכען?

די ווידערשפּרוכען קומען דערפון, וואָס די פעלקער־פּסיכאָלאָגיע איז אַן אוממעגליכקייט. איהר סאַמע יסוד איז אַ פאַלשער. איהר דורכפאַל באַשטעהט אין דעם, וואָס זי זוכט אַרונטערצובריינגען אונטער אַן איינציגער פאָרמולע און אונטער אַן איינציגען באַגריף גאַנצע פעלקער, וועמעס געשיכטע איז פאַנאַנדערגעוואָרפען דורך הונדערטער דורות איבער צענדליגער יאָרהונדערטען. ווי שווער, נייז, ווי אוממעגליך דאָס איז, איז גרינג צו זעהן דערפון ווי שווער עס איז אָפט פאַר די פאָרשער זיך צו איינינען איבער איין פערזענליכקייט, איבער איין ווערק, אָפטמאָל איבער אַ לידעל אַ קליינס. שעקספּיר איז איין מענש; זיינע ווערק זיינען אַן אָפּגעשלאָסענער אינהאַלט, און גרויס און רייך איז די פאָרשונגס־אַרבייט וואָס איז געמאַכט געוואָרען איבער איהם. און דאָך אַמפּערען זיך נאָך די קריטיקער ביז אויף היינטיגען טאָג איבער דער פּשוט'ער פראַגע צו שעקספּיר איז געוועזען אַ געזונטער מענש אָדער אַ קראַנקער, צי פון זיינע ווערק רעדט אַרויס אַ נאָרמאַלע, געזונטע פערזענליכקייט, אָדער אַ צעבראָכענער נערוועזער גייסט.

אָבער אונזערע טעאָרעטיקער פון נאַציאָנאַליזם און פעלקער פּסיכאָלאָגען נעמען זיך אונטער מיט אַ לייכטען געמיט צו בריינגען אונטער איין און איינציגען באַגריף פעלקער גאַנצע, קולטורען טויזענט־יעריגע. וואו איז דאָס אויג וואָס זאָל עס קאָנען זעהן, וואו איז דער מוח וואָס זאָל עס קאָנען אַרומכאַפּען?

„דאָס גריכישע פאָלק — לייענען מיר ביי דר. סירקין — דאָס אַריסטאָקראַטישסטע פאָלק פון דער אַרישער ראַסע, האָט באַשאַפען שעהנקייט, קונסט, מאַלעריי, סקולפּטור, די ערשטע יסודות פון וויסענשאַפט און פילאָזאָפיע, האָבען געגרינדעט אַ שטאַט. אָבער אומבאַשטרייטבאַר באַגרענעצט זיינען גע־

13*

ווען זיינע פעהיגקייטען בנוגע צו העברעער רעליגיאָן, מאָראַל, געשיכטס=פילאָזאָפיע, קאָלעקטיוויזם. אָבער דאָרטען וואו עס האָבען זיך געענדיגט די פעהיגקייטען פון דעם גריך, האָבען זיך אָנגעהויבען די געניאַלע פעהיגקייטען פון דעם אידען, דעם אַריסטאָקראַטישסטען פאַרטרעטער פון דער סעמיטישער ראַסע", א. אַ. וו. עס איז ניט כדאי זיך אָבצושטעלען דאָ אויף דער מאָדנער צעטיילונג פון „שעהנקייט, קונסט, מאַלעריי און סקולפּטור" אַזוי ווי שעהנקייט וואָלט געקאָנט עקזיסטירען אַלס עפּעס אין זיך אַליין, און אַזוי ווי מאַלעריי און סקולפּטור וואָלטען ניט געווען קיין קונסט. די לויזקייט און צעמישונג פון באַגריפען איז זעהר כאַראַקטעריסטיש פאַר דער גאַנצער פעלקער=פּסיכאָלאָגיע. עס איז קלאָר, אַז דער שרייבער טוט עס; כדי עס זאָל אויסזעהן אַ סך. עס איז דאָ אויך ניט כדאי אָנצעווייזען אַז שעהנקייט איז ניט אַ זאַך וואָס די גריכען האָבען באַשאַפען, נאָר איז אַן אַלמענשליכע אייגענשאַפט, און נאָך אין דער שטיין=צייט, מיט אַן ערך צוואַנציג טויזענט יאָהר צוריק, האָט דער דעמאָלסטיגער האַלב=מענש=האַלב=חיה שוין אויסגעקריצט אויף די ווענט פון זיין הייהל וואונדערליך=קינסטלערישע בילדער פון מענשען און חיות. עס איז אויך ניט אמת, אַז די גריכען האָבען באַשאַפען די ערשטע יסודות פון וויסענשאַפט און געגרינדעט אַ שטאַט. וויסענשאַפט און אימפּעריעס זיינען געווען אַ סך פריער ווי די גריכען. עס איז כדאי דאָ אָבער צו זאָגען אַ וואָרט וועגען די „באַגרענעצטע פעהיגקייטען פון די גריכען בנוגע צו העברעער רעליגיאָן". דער שרייבער נעהמט אָן, אַז וויבאַלד די גריכען האָבען ניט געשאַפען קיין העברעע רעליגיאָן, איז אַ סימן, אַז עס האָט זיי בכלל געפעלט די פעהיגקייטע דערויף. און עס פאַלט איהם ניט איין, אַז ווען זייער געשיכטע וואָלט ניט איבערגעריסען געוואָרען, קאָן זיין וואָלטען זיי זייער רעליגיאָן ווייטער אַנטוויקעלט און זי „העברעער" געמאַכט. און אין אמת'ן איז עס אַזוי געווען. וואָרום אין די דראַמען פון אסכילוס, אין זיין „געבונדענעם פּראָמעטעאוס", הערט זיך אַ שאַרפער ווידערווילען צו דער אַלטער געטער=פילאָזאָפיע פון די גריכען און אַ שטרעבען צו אַ באַגריף פון אַן איינציגען גאָט.

עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אָט די פעלקער=פּסיכאָלאָגען: עס פעלט זיי דער באַגריף פון עוואָלוציע. ווען דאָס אידישע פאָלק וואָלט געווען געענדיגט זיין געשיכטע מיט אַ הונדערט יאָהר צוריק, וואָלטען די טעאָרעטיקער געווים גע=דרונגען, אַז דאָס אידישע פאָלק איז אין פרט פון פּלאַסטישער קונסט געווען

אומפעהיג, אַזוי אומפעהיג, אַז ע
איהם געמאַכט פאַר אַ רעליגיעזען
זיך ניט מאַכען קיין בילד און קי
טאָקאָלסקים, איזרעאַלסעס, ליבע
אידישע פאָלק האָט ניט קיין פּל

פונדעסטוועגען געהט זיך ד
נאַרישקייט: אידען, האָט מען גנ
אַ סימן — ניט אין אַלטערטום,
אַרויסגעגעבען קיין איינציגען גרוי
אין דער צוקונפט, אין דער נאָהנ
סער אידישער דראַמאַטורג, פונקט
אידישער קינסטלער?

ווער קאָן מיט באַשטימטקייט
פאָלק און מיט זיכערקייט אָנווייזע
דעם גאַנצען לויף פון אַ פאָלק'ס

ווי פאַרענדערליך עס איז די
טיג עס זיינען זיינע כאַראַקטער=צ
זיין ווערק די „ראָמאַנטישע שולע
זיך מיט דייטשלאַנד פון היינט (
טעל — און פאַרגלייכט עס מיט
הונדערט איז איבערראַשט פון דע
מאָלט ביז היינט... דער מעטאַ
איז אויך אייזען. די איצטיגע באַ
פּאָעטען איז זיכער ניט פּאָעטיש
קולטיווירטע דייטשען ווייסען היי
סטודענט פון צוואַנציג האָט געלייי
פּאָעזיע אַלס אַזעלכע איז פּאַקטיש
אַמאָל געווען פאַרלאָרען אין ראָמ
געזעהן זיין פּראָטאָטיפּ אין האַמ
און ראָמאַנטיזם!"

אומפעהיג, אַזוי אומפעהיג, אַז עס האָט זיין חסרון דערהויבען צו אַ קולט און איהם געמאַכט פאַר אַ רעליגיעזען געבאָט: לא תעשה לך פסל ומסכה — זאָלסט זיך ניט מאַכען קיין בילד און קיין געשטאַלט. איצט אָבער, נאָך אונזערע אַנטאָקאָלסקים, איזראַעלסעס, ליבערמאַנס, לעוויטאַנס — ווער וועט זאָגען, אַז דאָס אידישע פאָלק האָט ניט קיין פלאַסטישע קונסט-פעהיגקייט?

פונדעסטוועגען געהט זיך די וועלט פאָרווערטס און חזר'ט איבער דיזעלבע נאַרישקייט: אידען, האָט מען געזאָגט, האָבען קיין דראַמאַטישען טאַלאַנט ניט. אַ סימן — ניט אין אַלטערטום, ניט אין דער מאָדערנער צייט האָבען זיי ניט אַרויסגעגעבען קיין איינציגען גרויסען דראַמאַטורג. וואו איז אָבער די ראיה אַז אין דער צוקונפט, אין דער נאָהנטער אָדער וויטער, וועט ניט קומען דער גרויסער אידישער דראַמאַטורג, פונקט ווי עס איז סוף כל סוף געקומען דער גרויסער אידישער קינסטלער?

ווער קאָן מיט באַשטימטקייט ריידען וועגען דעם „כאַראַקטער“ פון אַ גאַנץ פאָלק און מיט זיכערקייט אָנווייזען, אַז די און די שטריכען ווייזען זיך אַרוים אין דעם גאַנצען לויף פון אַ פאָלק'ס געשיכטע?

ווי פאַרענדערליך עס איז די פסיכאָלאָגיע פון אַ פאָלק, ווי ניט שטאַנדהאַפטיג עס זיינען זיינע כאַראַקטער-צוגען קאָנען מיר זעהן ביי געאָרג בראַנדעס אין זיין ווערק די „ראָמאַנטישע שולע אין דייטשלאַנד“. יעדער איינער וואָס באַקענט זיך מיט דייטשלאַנד פון היינט (1870) — זאָגט בראַנדעס אין ערשטען קאַפּיטעל — און פאַרגלייכט עס מיט דעם דייטשלאַנד פון אָנהויב פון 19-טען יאָרהונדערט איז איבערראַשט פון דעם קאָנטראַסט. וואָס פאַר אַ ווייטקייט פון דעמאָלט ביז היינט... דער מעטאַל וואָס איז אין מאָדע איז אייזען. דאָס וואָרט איז אויך אייזען. די איצטיגע באַשעפטיגונג פון דעם פאָלק פון פילאָזאָפען און פאָעטען איז זיכער ניט פאָעטישע שרייבעריי און פילאָזאָפירונג. אַפילו הויך קולטיווירטע דייטשען וויסען היינט זעהר ווייניג פון פילאָזאָפיע — ניט איין סטודענט פון צוואַנציג האָט געלייענט אַ וואָרט פון העגעל. דער אינטערעס אין פאָעזיע אַלס אַזעלכע איז פאַקטיש טויט... און דאָס איז דאָס פאָלק וואָס איז אַמאָל געווען פאַרלאָרען אין ראָמאַנטישער שווערמעריי און ספעקולאַציעס, און געזעהן זיין פראָטאָטיפ אין האַמלעט! האַמלעט און ביסמאַרק! ביסמאַרק און ראָמאַנטיזם!“

און אַזוי ווייטער. דאַרף מען אַ בעסערן באַווייז פֿאַר דעם דורכפֿאַל פֿון דער פֿעלקער־פּסיכאָלאָגיע?

אין האָוסטאָן סטואַרט טשעמבערליין, דעם פֿייערדיגסטן אידעאָלאָג פֿון גערמאַנענטום, האָט די נאַציאָנאַליסטישע טעאָריע פֿון באַזונדערע איינגעבאָרענע פֿעלקער־אייגנשאַפֿטן, דערגרייכט אַ מדרגה פֿון — ציניזם.

טשעמבערליין איז אַ צווייטער בערנהאַרדי, דער בערנהאַרדי פֿון גייסט. בערנהאַרדי דער גענעראַל האָט געטרוימט וועגן אַ דייטשער וועלט־אימפּעריע „אין דער זון", טשעמבערליין דער געלערנטער האָט זיך אונטערגענומען צו באַשאַפֿן אַזאַ אימפּעריע אין דער קולטור.

שרייבט ער זיינע „יסודות פֿון 19־טען יאָהרהונדערט" און שטורעמט אויף די וועלט, דער עיקר — דייטשלאַנד. און דער גרונד־געדאַנק פֿון דעם ווערק איז אַ פּשוט'ער:

דער געניוס פֿון דער וועלט איז — דייטשיש. די אמת'ע ציוויליזאַציע הויבט זיך אָן ווען די גערמאַנען נעהמען איבער דעם שיקזאַל פֿון דער געשיכטע אין זייערע הענט. יעזוס אַליין האָט געמוזט ניט אַנדערש זיין ווי אַ דייטש; וואָרום ווי האָט ער געקענט זיין אַ איד און אַ זשעני? לייענט איהר דעם הייליגען פּוילוס דוכט זיך אייך, אַז איהר הערט אַ געניאַלען דייטש רעדען. און דער איטאַליענישער דאַנטע — ער האָט אַ כאַראַקטעריסטיש דייטשען געזיכט. און ווער עס לייקענט עס איז „ענטוועדער אומוויסענד אָדער אומערליך".

אַזוי ווערען אַלץ און אַלע ביי טשעמבערליינ'ען — גערמאַניזירט. עס איז ציניש, עס איז העזה'דיג, עס איז גראָטעסק. פֿונדעסטוועגן, און אפשר טאַקע דערפֿאַר, וואַרפֿט ער אַ העל ליכט אויף דער גאַנצער „וויסענשאַפֿט" פֿון דער פֿעלקער פּסיכאָלאָגיע. ער ווייזט ווי צעשוואומען עס זיינען די מעטאָדען און באַגריפֿען פֿון דער גאַנצער ראַסען־ און פֿעלקער־לערע. יעדער בעל־דרשן קען זיך קומען און דרשנ'ען פֿאַר זיך. לוינט זיך איינעם, קען זיך איהם „דוכטען" אַז די ביבעל איז אַ פּראָדוקט פֿון דייטשען גייסט, און פּאַסט זיך צום רומעל ערקלערט מען דאַנטע'ן פֿאַר אַ כאַראַקטעריסטישען דייטש. ווער קען דען זאָגען „ניין"?

אַזוי, צום ביישפּיל, איז פֿאַראַן אַ לעגענדע, אַז דאָס דייטשע פֿאָלק צייכענט זיך אויס פֿון אַלע אַנדערע פֿעלקער מיט אַ באַגאַבטקייט פֿאַר פֿילאָזאָפֿיע.

„פילאָזאָפיע — לייענען מיר אַ כאַראַקטעריסטישע שטעל בײַ דר. סירקינ׳ען — מעטאַפיזיק, מוזיק, סיסטעמאַטישע פאָרשונג און וויסענשאַפט, זיינען די גרויסע קולטור=שאַפונגען פון דייטשען פאָלק. דער דייטשער גייסט דרינגט אַריין אין דעם אינווענינסטען וועזען פון דער וועלט, אַזוי ווי ער גופא איז טיעף און פאַראַינערליכט".

ווילט איהר אַ „וויסענשאַפטליכען" באַווייז דערפאַר?

עס גיט איהם אונז אַ היסטאָריקער פון דייטשער ציוויליזאַציע. דער היסטאָריקער באַמערקט אַז אין דער הינזיכט פון שפראַך איז פאַראַן אַ געוויסער וויכטיגער אונטערשייד צווישען די דייטשען און אַנדערע פאַרוואַנדטע פעלקער. אין אַלע אינדאָ=איראָפּייאישע שפראַכען האָט ניט דער אַקצענט קיין באַשטענדיגען פלאַץ אין דעם וואָרט. ער איז אַ בעוועגליכער אַקצענט און בייט זיין פלאַץ ווען דאָס וואָרט ענדערט זיך. „בלויז די דייטשען שטעלען דעם אַקצענט אויף דער *וואָרצעל*=זילבע פון דעם וואָרט, דאָס הייסט, אויף יענעם טייל וואָס גיט דעם וואָרט זיין באַדייטונג. וואָס באַוועגט דאָס דאָזיגע פאָלק צו אַנטוויקלען אַזאַ אייגענשאַפט? דאָס איז זייער *פעהיגקייט צו פאַרטיעפען זיך* אין דעם אינערליכען וועזען פון זאַכען, און אָפּשיידען די אינווענינסטע עסענץ פון דער דרויסענדיגער שאָלעכץ. אָט די באַטאָנונג פון דער סובסטאַנץ פון זאַכען, דער אייביג=מעכטיגער דראַנג צו אַנטדעקען דעם זין פון זאַכען, איז די הויפּט=אייגענשאַפט פון דער דייטשער נשמה".

נו, דאַרף מען נאָך אַ בעסערען „באַווייז" אַז די דייטשען זיינען *דאָס* פילאָזאָפישע פאָלק צווישען די פעלקער? וואָס קאָן מען זאָגען וועגען אַזאַ אַרגומענטאַציע, וועגען אַזאַ ריינער פלפול׳יסטיק? וואָס וואָלט מען ניט געקענט אויסדרינגען און אויסברייען און „באַווייזען" מיט אַזאַ מעטאָדע פון פאַרבינדען אידעען?

דער אמת איז, אַז ניט נאָר די לאָגיק נאָר דער עצם געדאַנק איז אַ פאַלשער. עס איז ניט ריכטיג, אַז די דייטשען איבערשטייגען אַלע אַנדערע פעלקער אין פילאָזאָפישער הינזיכט. היסטאָריש איז די מאָדערנע פילאָזאָפיע צוערשט אַן ענגלישער און פראַנצויזישער פראָדוקט, און שפּעטער ערשט אַ דייטשער. עס איז אָבער גרינג צו זעהן ווי אַזוי די דאָזיגע פאַלשע מיינונג איז אַנטשטאַנען. די גרויסע פילאָזאָפישע דייטשע סיסטעמען זיינען אַלע געבאָרען געוואָרען אין

דעם קורצען שפּאַן פון פיער צענדליג יאָהר, צווישען 1780 און 1820. אַזאַ ערשיינונג איז ניט קיין אויסנאַם. די עפּאָכע פון אַריסטאָטעל ביז סאָקראַטעס איז נאָך אַ ביישפּיל. אָבער די כאַראַקטעריסטיק פון אַ קורצער עפּאָכע האָבען אונזערע פעלקער־פּסיכאָלאָגען אָנגענומען פאַר אַן איינגעבאָרענער כאַראַקטעריסטיק פון דייטשען פאָלק.

אָט איז נאָך אַ ביישפּיל פון דעם קלאַסישען מעטאָד פון אונזערע פעלקער־פּסיכאָלאָגען. יענע פעלקער־פּסיכאָלאָגען וואָס זיינען אַליין בלאָנד האָבען אַרויסגעבראַכט די טעאָריע, אַז נאָר די בלאָנדע ראַסע איז פון דער נאַטור באַגאַבט מיט דער פעהיגקייט פאַר פירערשאַפט, פאַר הערשאַפט. אויך דאָ קומט די טעאָריע נאָר פון אונזער נאַטירליכער קורצזיכטיגקייט. גראד אין דעם איצטיגען שפּאַן פון דער געשיכטע איז די בלאָנדע ראַסע די הערשערין אין דער וועלט, פונקט ווי עס זיינען געווען אַנדערע עפּאָכען, ווען אַנדערע ראַסען מיט אַן אַנדער קאָליר פון האָר האָבען פאַרוואַלטעט די גרויסע אימפּעריעס פון דער מענשהייט. אָבער די כאַראַקטעריסטיק פון אַן עפּאָכע זוכען אונזערע נאַציאָנאַליסטישע טעאָרעטיקער איינוועבען אין דער סאַמע נאַטור פון וועלט און לעבען. שרייבט מעדיסאָן גרענט:

„די אויבערשאַפט פון דער בלאָנדער ראַסע איז איינגעוועבט אין דעם טאָגטעגליכען באַוואוסטזיין. דער דורכשניטליכער ראָמאַניסט אָדער דראַמאַטורגעט שטענדיג מאַכען פאַר זיין העלד אַ הויכען, בלאָנדען, ערליכען, עטוואָס נאַאיווען יונגענמאַן, און פאַר זיין אינטריגאַנט אַ קליינעם, טונקעלען, כיטרען שאַרפזיניגען מענשעל מיט אַ צעקרימטער מאָראַל. די געטער פון אָלימפּוס זיינען כמעט אַלע געשילדערט געוואָרען אַלס בלאָנדע, און עס איז שווער זיך פאָרצושטעלען אַז אַ גריכישער קינסטלער זאָל מאָלען אַ ווענוס — אַ ברונעטקע. אויף די קירכען־בילדער זיינען די מלאכים — בלאָנדע, די טייוואָלים — טיעפע ברונעטען. די מייסטע פאַרצייטיגע טעפּיכער שטעלען פאָר אַ בלאָנדען גראַף רייטענדיג אויף אַ פערד, און אַ טונקעל־האָריגען קנעכט האַלטען ביי דער ציימעל. אין בילדער פון יעזוס׳ען ווערט דער ערלייזער פאָרגעשטעלט אַלס בלאָנדין, און די צוויי גנבים ביי די זייטען — ברונעטען“.

נו, דאַרף מען נאָך אַ בעסערען „באַווייז“ אַז די בלאָנדע ראַסע איז פון דער נאַטור אויס געשאַפען צו הערשאַפט, צו גראַפטום, צו ערליכקייט, און אַז די

נווישען 1780 און 1820. אַזאַ ער־
ן אַריסטאָטעל ביז סאָקראַטעס איז
פון אַ קורצער עפּאָכע האָבען אונ־
ן איינגעבאָרענער כאַראַקטעריסטיק

סישען מעטאָד פון אונזערע פעל־
ן וואָס זיינען אַליין בלאָנד האָבען
ע ראַסע איז פון דער נאַטור באַ־
פאַר הערשאַפט. אויך דאָ קומט
ויכטיגקייט. גראַד אין דעם איצטי־
אַסע די הערשערין אין דער וועלט,
ועך אַנדערע ראַסען מיט אַן אַנדער
ע אימפּעריעם פון דער מענשהייט.
עך אונזערע נאַציאָנאַליסטישע טע־
פון וועלט און לעבען. שרייבט

זסע איז איינגעוועבט אין דעם טאָג־
ר ראָמאַניסט אָדער דראַמאַטורג
אַ הויכען, בלאָנדען, ערליכען,
ינטריגאַנט אַ קליינעס, טונקעלען,
טער מאָראַל. די געטער פון אָלימ־
אַלס בלאָנדע, און עס איז שווער
י זאָל מאָלען אַ ווענוס — אַ ברו־
לאכים — בלאָנדע, די טייוואָלים
ג טעפּיכער שטעלען פאָר אַ בלאָנ־
ונקעל־האָריגען קנעכט האַלטען ביי
דער ערלייזער פאָרגעשטעלט אַלס
— ברונעטען".
אַז די בלאָנדע ראַסע איז פון דער
אַפּטום, צו ערליכקייט, און אַז די

ברונעטען (און דאָ מיינט ער דער עיקר אונז אידען) זיינען פון דער נאַטור אויס שקלאַפען, גנבים און טייוואָלים?

אַביסעל מעהר וויסענשאַפטליך, אָבער ניט וועניגער פאַלש, איז געווען יענע טעאָריע וואָס האָט זיך געשטיצט אויף מעהר גרונטאָווע ערשיינונגען אין שפּראַכען און קולטור־ווערטען. מען האָט באַמערקט, אַז אין האָמער׳ס ווערק ווערען זעהר ווענינ קאָלירען דערמאָנט. איבערהויפּט איז אויפפאַלענד געווען דער פאַקט, וואָס דער זעלבער נאָמען ווערט באַנוצט פאַר בלויע, גרויע און טונקעלע געגענשטאַנדען. אויפ׳ן סמך דערפון האָט מען זיך געכאַפּט צו ציהען דעם שלום אַז די גריכען פון האָמער׳ס צייט האָבען געהאַט אַ שלעכט אַנטוויקעלטען חוש פאַר פאַרבען. גייגער איז אַוועק פאָרשען אין דערזעלבינער ריכטונג אין תנ״ך און אין די אַלטע וועדאַס און האָט נאָר געפונען די דאָזיגע אַנטדעקונג באַשטעטיגט: אין די אַלטע ליטעראַטורען פעלט בכלל אַ וואָרט פאַר בלוי. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזען אַז אַ סך שפּראַכען פון די פּרימיטיווערע פעלקער ווייזען נאָך היינט דיזעלבינע כאַראַקטעריסטיקען. אָט דאָ האָט עס אויסגעזעהן, איז ענדליך פאַראַן אַ ממשות׳דיגער שליסעל צו די פּסיכאָלאָגישע אונטערשיידען פון פעלקער. וואָרום דערמאָנט מען זיך ווי שטאַרק די מענשליכע פּסיכאָלאָגיע איז דורכגעוועבט מיט פאַרבען און קאָלירען, דאַן ווערט קלאָר וואָס פאַר אַ וויכטיגע שפּור מען האָט דאָ געהאַט.

די לעצטע יאָהרען אָבער זיינען אָנגעפיהרט געוואָרען פּסיכאָלאָגישע עקספּערימענטען צווישען פּרימיטיווע פעלקער, וועלכע האָבען באַוויזען, אַז הגם זיי האָבען ניט קיין ווערטער פאַר אַ סך קאָלירען, פונדעסטוועגען קענען זיי אונטערשיידען די פיינסטע שאַטירונגען פון קאָליר ניט ערגער ווי די אייראָפּייער. און די גאַנצע טעאָריע איז צוזאַמענגעבראָכען. און פּראָפ. וואודוואָרטה, דער באַרימטער פּסיכאָלאָג, אַרגומענטירט זעהר ריכטיג ווען ער זאָגט, אַז אפילו די ציוויליזירטעסטע שפּראַכען האָבען ניט קיין ווערטער צו באַצייכנען אַלע ריחות. דער חוש פון דער נאָז אָבער איז דורכדעם ניט אַ האָר וועניגער פעהיג זיין צו שפּירען.

אין אונזער אייגענער נאַציאָנאַליסטישער ליטעראַטור האָט דר. זשיטלאָווסקי געפּרואווט געבען אַ כאַראַקטעריזירונג פון דעם אידישען מוח. קודם כל שטעלט דר. זשיטלאָווסקי פעסט, אַז „מיר קענען שוין איצט אַוועקשטעלען

דרויסען פון יעדען ספק, אַז אויך דער איד האָט אין זיך אַ געוויסען ראַסענבוי פון זיין מוח" („איד און מענש", דריטע פאָרלעזונג), און דאַן וויזט ער אָן צוויי גרונט=איינגענשאַפטען פונ'ם אידישען דענקען, וואָס וואַקסען אַרויס פון יענעם ספּעציעלען געבוי. איינע איז וואָס „דער אידישער מוח האָט ליב יענע גייסטיגע רעגיאָנען, וואו עס קען פאַר איהם פאַרשווינדען יעדע „פסל ותמונה", יעדער אַנשוילּיכער בּילד, און זיין שכל קען זיך באָדען אין יענעם זעפיר פון דעם אַבּסטראַקטען געדאַנק, וואו ער קען טראַכטען דעם ענין ריין פון יעדען בּילדליכען שאָטען". די צווייטע איינגענשאַפט פון דעם אידישען „דענקער טיפּ" בּאַשטעהט אין דעם „וואָס זיי נעמען אַ וועלכען עס איז איינהייטליכען גרונד פּרינציפּ און דערזעהען אין זיין איינהייטליכקייט אַ דאָפּעלטקייט. די דאָפּעלטקייט פיהרט דערנאָך סוף כל סוף צו אַ מאָניזם".

דאָס איז קלאָר, דירעקט און ספּעציפיש. בּאַטראַכטען מיר אויף אַ מאָמענט די ערשטע כאַראַקטעריסטיק. דער אידישער מוח, הייסט עס, האָט פיינט צו דענקען אין בּילדער. ער זוכט פאַר זיך נאָר די „זעפירען פון אַבּסטראַקטען געדאַנק", וואו אפילו קיין ש א ט ע ן פון קיין ב י ל ד איז ניטאָ. אָבּער — פרעגען מיר — דער תנ"ך, איז ער פריי פון בּילדער? איוב — אַ טיעף פילאָזאָפיש פּראָבּלעם, איז עס אַ זעפיריש=אַבּסטראַקטע אָפּהאַנדלונג אין פּעסימיזם, אָדער אַ פּאָעמע, אַ פּאָעמע פול מיט פאַרבּענרייכע בּילדער, גליהענדע שילדערונגען און לעבּעדיגע קאָנקרעטע פאָרשטעלונגען? און פרעדיגען די נביאים זייערע סאָציאַלע אידעען אין לאָגישע פאָרמולען און אַבּסטראַקטע אַרגומענטאַציעס, אָדער אין אַ רייכער פּאָעטישער בּילדערהאַפטער שפּראַך?

דער גאַנצער תנ"ך, און אַפילו בּיז אַ גרויסען גראַד דער תּלמוד, זיינען אַ דירעקטע אָפּלייקענונג פון דר. זשיטלאָווסקי'ס בּאַהויפּטונג. דר. זשיטלאָווסקי'ס טעאָריע איז פונקט דער היפך פון דאָס וואָס מיר זיינען געוואוינט צו הערען אין דעם פּרט. פאָרשער פון דער אידישער קולטור האָבּען אַלע מאָל געלערנט, אַז דער תּנ"ך איז אַ טיפּישער פּראָדוקט פון דער אָריענטאַלישער פּאַנטאַזיע. די מיינונג איז אַ סך מאָל אַרויסגעזאָגט געוואָרען, אַז דער אידישער טאַלאַנט פאַר סקולפּטור און מאַלעריי, וועלכער האָט זיך יאָרהונדערטען געשטיקט אונטער'ן רעליגיעזען פאַרבּאָט צו מאַכען בּילדער, האָט זיין אויסדרוק געפונען אין דער ב י ל ד ל י כ ק י י ט פון די וואָרט=שאַפונגען פון אידישען פאָלק. ווי זשע

קאָן מען פלוצלינג באַהויפּטען אַז דער אידישער מוח האָט דוקא ליב יענע גייסטיגע רעניאָנען, וואָס זיינען פריי פון יעדען אָנשוילינען בילד?

ניט אַ האָר פעסטער באַגרינדעט איז דר. זשיטלאָווסקי׳ס צווייטע כאַראַקטעריסטיק פון דעם אידישען דענקער־טיפּ, יענע, נעמליך, אַז יעדער איינהייטליכער באַגריף, דורכגעהענדיג דעם אידישען מוח, ווערט צושפּאָלטען אין אַ טאָפּעלטקייט און דאַן צוריק צונויפגענאָסען אין אַן איינהייטליכען געדאַנקען־סיסטעם.

אין איינע דריי זייטלאַך לויפט דר. זשיטלאָווסקי דורך דאָס שאַפען פון אבן־גבירול, שפּינאָזאַ, קאַרל מאַרקס און בערגסאָן צו באַווייזען די דערמאָנטע כאַראַקטעריסטיק. ביי אָט די פיער, וועלכע זיינען, פאַרשטעהט זיך, נאָר אַ ביישפּיל פאַר אַלע איבעריגע אידישע דענקער, געפינט ער דיזעלבע פּשוט׳ע פאָרמולע, ווידערהאָלט מיט מאַטעמאַטישער פּינקטליכקייט און וועלכע לויפט אין שפּינאָזאַ׳ס פאַל, אַזוי:

„שפּינאָזאַ נעהמט די פּשוט׳ע איינהייטליכע פאָרשטעלונגען פון „ליבע“ און „האַס“, לעגט זיי אַוועק אונטער זיין ריזיגען מיקראָסקאָפּישען אויג און באַלד פאַלען זיי פאַנאַנדער אין צווייהייטען: ליבע איז אַ געפיהל פון פרייד, פאַרבונדען מיט דער פאָרשטעלונג, וואָס רופט זי אַרויס, האַס איז אַ געפיהל פון טרויער, פאַרבונדען מיט דער פאָרשטעלונג וואָס רופט זי אַרויס. אָט דער אַנאַליז פון די איינפאַכע געפיהלען ניט שפּינאָזאַ׳ן די מעגליכקייט אויפצובויען אַן איינהייטליכע סיסטעם פון עטיק, וואָס שליסט אָפּ מיט דער לערע פון דער שכל׳דיגער ליבע צו גאָט“.

לויט׳ן זעלבען איינפאַכען רעצעפּט ווערט ביי אבן־גבירול פון דעם איינהייטליכען באַגריף פון „אל אחד ומיוחד“ אַ דאָפּעלטער באַגריף פון „גאָט“ און „ווילען“, ביי קאַרל מאַרקס׳ן ווערט פון „אַרבייט“ — „אַרבייט“ און „אַרבייטס־קראַפט“, און ביי בערגסאָנ׳ען ווערט פון צייט — „צייט“ און „רעאַלע דויער“.

מען וואָלט געקענט קענען דער דאָזיגער טעאָריע זשיטלאָווסקי׳ס איינווענדען אויף ריין פילאָזאָפישע גרינדען. לויט דער דאָזיגער טעאָריע קומט אויס, אַז דער אידישער מאַרך איז לכתחלה געשאַפען אַזוי, אַז ער קען זעהן די וועלט נאָר אויף אַ געוויסען אופן (גאַנץ, צעשפּאָלטען, גאַנץ), אָפּגעזעהן דערפון צי איז די

וועלט טאַקע אַזוי אין דער ווירקליכקייט אָדער ניט. דאָס איז דער ריין ראַציאָנאַליסטישער שטאַנדפּונקט אין דער ערקענטניש=לערע, און איידער מען נעהמט אָן דר. זשיטלאָווסקי׳ס אידישע מאַרך=פאָרמול דאַרף מען פריער פאַרטיג ווערען מיט דעם עמפּיריציזם און כמעט דער גאַנצער מאָדערנער פּסיכאָלאָגיע, וועלכע האַלטען אַז ניט דער מאַרך באַשאַפט די וועלט, נאָר די וועלט דעם מאַרך. אָבער די טעאָריע ווערט לייכט צעשלאָגען אויף אַן אַנדער וועג אויך: עס איז לייכט צו ווייזען אַז צענדליגע גויעשע דענקער קענען אַריינגעזעצט ווערן אין זשיטלאָווסקי׳ס אידישער פאָרמול.

שטעלט אַוועק קאַנט אנשטאָט שפּינאָזאַ און די פאָרמול לייענט זיך אַלצאיינס גלאַט. „קאַנט נעהמט די פּשוט׳ע איינפאַכע פאָרשטעלונג פון „וועלט״, לעגט זי אַוועק אונטער זיין ריזיגען מיקראָסקאָפּישען אויג, און באַלד פאַלט זי פאַנאַנדער אין אַ צווייהייט: אין דער וועלט פון מיין געדאַנק און אין „דאס דינג=אַן=זיך״. אָט דער אַנאַליז פון דער איינפאַכער פאָרשטעלונג ניט קאַנט׳ן די מעגליכקייט אויפצובויען אַן איינהייטליכע סיסטעם פון עטיק, וואָס שליסט אָפּ מיט אַ מאָניסטישער וועלט=אַנשויאונג״.

פונקט אַזוי קענט איהר אין דער פאָרמול אַריינפּאַסען פּלאַטאָ׳ן, אַריסטאָטעל׳ן, דעקאַרט׳ן, בערקלי׳ן, יוהמ׳ען, וואונדט׳ן. יוהם נעהמט דעם איינהייטליכען באַגריף פון „אורזאַך״ און צעשפּאַלט איהם אויף צווייען, אין צוויי זיך באַגלייטענדע ערשיינונגען, און בויט אויף אַ סיסטעם פון סקעפּטיציזם. וואונדט נעהמט דעם איינפאַכען פּסיכאָלאָגישען באַגריף פון „אַסאָציאַציע״ און צעשפּאַלט איהם אין צווייען, „אַסאָציאַציע״ און „אַפּערצעפּציע״, און בויט אויף אַן איינהייטליכע סיסטעם פון פּסיכאָלאָגיע און סאָציאָלאָגיע.

וואָס זשע איז דאָ דאָס ספּעציפיש אידישע אין דער פאָרמול פון „איינהייט, צווייהייט, איינהייט״? און איז עס ניט דער יסוד פון גאַנצען מענשליכען דענקען פאַנאַנדערצולייגען איינהייטליכע ערשיינונגען אויף זייערע עלעמענטען, און זיי נאָכהער צונויפגיסען אין אַ נייעם פאַראיינהייטליכענדען באַגריף?

אָט אַזעלכע פאַנטאַסטישע אונטערשיידען אַנטדעקט מען צווישען פאָלק און פאָלק, מען באַגרינדעט זיי מיט ניט ווייניגער פאַנטאַסטישע באַווייזען און מען רופט עס אָן „וויסענשאַפטליכער נאַציאָנאַליזם״.

און כאָטש דר. זשיטלאָווסקי איז, דוכט זיך, אַזוי קלאָר אין די אייגענשאַפטען און װעגען פון דעם אידישען געדאַנקען-גאַנג, דאָך שטערט עס איהם ניט צו װידערשפּרעכען זיך אַליין אויפ׳ן שאַרפסטען און נאַקעטסטען אופן אין דעם דאָזיגען פּרט. אין זיין אַרטיקעל „נאַציאָנאַל ראַדיקאַל אָדער קלעריקאַל ?“*) שרייבט ער, אַז ער איז שוין מיעד צו הערען די טענה, אַז דאָס אידישע פאָלק איז בטבע רעליגיעז; היינט קומט איינער און זאָגט, אַז דאָס אידישע פאָלק האָט אַן איינגעבאָרענע נייגונג צו רעליגיאָן, מאָרגען װעט קומען אַ צװייטער און װעט זאָגען, אַז אידען האָבען אַ טבע צו האַנדלען מיט שמאַטעס א. א. װ.

אָבער אין אַן אַנדער אָרט שרייבט דיזעלבע פעדער פון זעלבען דר. זשיטלאָווסקי: דאָס אידישע פאָלק איז בטבע רעליגיעז**).

וואָס זשע איז אין אמת׳ן דאָס אידישע פאָלק בטבע? רעליגיעז אָדער ניט? מען קען דאָך ניט, װען מען נעהמט אָן אַ װיסענשאַפטליך-אבסאָלוטען טאָן, װי עס טהוט דר. זשיטלאָווסקי, שטעהן אויף ביידע שװעלען אין דערזעלבער צייט, װי יענע אידענע, וואָס געהט, פון זיכערהייט װעגען, פון שוהל צום קלױסטער — טאָמער איז דאָס אויך אַ גאָט...

און דאָך רעדט מען פון אַזאַ נאַציאָנאַליזם װי פון „װיסענשאַפטליכען“ נאַציאָנאַליזם.

און װי זאָל מען ערקלערען, לויט דר. זשיטלאָווסקי׳ן, דאָס וואָס איז אַזאַ אָפטע ערשיינונג אין דער קולטור, אַז דער זוהן פון איין פאָלק װערט דער שעפער און טרעגער און לױטערסטער פאַרקערפּערער פון דער קולטור פון אַ צװייטען פאָלק? פושקין, דער ביז אַ העלפט נעגער, איז געװען דער פאָטער פון דער רוסישער ליטעראַטור; און אַזוי לערמאָנטאָװ דער שאָטלענדער, און אַזוי הונדערטע אַנדערע ביישפּילען, וואָס יעדער איינער קען פאַר זיך אַליין אויפצעהלען.

*) „געזאַמעלטע שריפטען“. דאָ װערט איבערגעגעבען זשיטלאָווסקי׳ס געדאַנק, כאָטש ניט גענוי אין זיינע װערטער, װייל איך האָב ניט זיינע װערק צו דער האַנט צו ציטירען.

**) אין אַ אַרטיקעל אין ניו-יאָרקער „טאָג“, אין יאָהר 1918, צװישען די מאָנאַטען יולי און אָקטאָבער. איך קען ליידער ניט אָנגעבען דעם גענויעם דאַטום, אויך ניט גענוי דעם נוסח, װייל די דאָזיגע שורות װערען געשריבען אין בערלין, װאו איך האָב ניט דעם מאַטעריאַל צו דער האַנט.

פון דעם שטאַנדפּונקט פון יענער פעלקער=לערע, וועלכע מיר באַטראַכטען דאָ, בלייבט די דאָזיגע ערשיינונג איינפאַך ניט דערקלערליך.

און נאָך אין אַ וויכטיגען פּונקט איז דר. זשיטלאָווסקי'ס טעאָריע טויט=קראַנק. אומעטום ווערט עס בּיי איהם פאַרשטאַנען, אַז די געשיכטע האָט אויפגעהיט די ראַסען=ריינקייט, סיי בּיי אידען, סיי בּיי די איבּעריגע פעלקער פון דער וועלט. און ווירקליך, אין דר. זשיטלאָווסקי'ס טעאָריע ווערט ניט נאָר גערעדט פון ראַסען=ריינקייט, נאָר ראַסען=ריינקייט איז אַ זעלבסט=פאַרשטענדליכע הנחה. ווארום אויב עס איז קיין ראַסען=ריינקייט ניט פאַראַן דאַן שיקט זיך עס דאָך בכלל ניט צו ריידען פון קולטור=טיפּען בּיי פעלקער. עס קענען זיי בּאַשטימטע, ריין אויסקריסטאַליזירטע, שאַרף אויסגעצייכענטע פעלקער=ק ו ל ט ו ר ע ן בּלויז אויב עס זיינען פאַראַן בּאַשטימטע, ריין אויסקריסטאַליזירטע, שאַרף=אויסגעצייכענטע פ ע ל ק ע ר.

אָבּער צו ריידען היינט, אין ליכט פון דער היינטיגער ראַסען=לערע, פון ראַסען=ריינקייט, איז גלייך ווי צו ריידען היינט, אין ליכט פון דער מאָדערנער וועלטען=לערע, פון דער פּטאָלאָמייאישער אַסטראָנאָמיע...

עס וואָלט אונז אָוועקגעפיהרט צו=ווייט ווען מיר זאָלען זיך דאָ אַריינלאָזען אין אַ בּאַטראַכטונג פון דער פראַגע, צו זיינען היינט פאַראַן ריינע ראַסען אָדער ניט. עס וועט זיין גענוג, און בּאַזונדערס צוגעפּאַסט פאַר אונזער טעמע, צו בּרענגען בּלויז אַ פּאָר מיינונגען וועגען דער ריינקייט פון דער אידישער ראַסע. שרייבּט האוסטאַן סטואַרט טשעמבּערליין וועגען די אידען: דער נאָמען „איד" בּאַצייכענט אַ בּאַשטימטע, מ ע ר ק ו ו י ר ד י ג ר י י ן דערהאַלטענע מענשען=ראַסע.

שרייבּט האוסטאַן סטואַרט טשעמבּערליין וועגען די אידען: ס'איז קיין שום צווייפעל ניט, אַז דער היסטאָרישער „איזראַעליט" וואָס פון איהם האָט זיך שפּעטער אויסגעטיילט דער היינטיגער „איד" איז אַ פּראָדוקט פון מ י ש ו נ ג... אידען זיינען דורך און דורך אַ מ מ ז ר=ר אַ ס ע...

דיזעלבּע פעדער שרייבּט אין איין אָרט אַזוי, אין צווייטען אָרט דעם היפּך. גראַדע ווי בּיי דר. זשיטלאָווסקי'ן...

פון וואַנען נעהמען זיך די דאָזיגע סתירות בּיי די זשיטלאָווסקים און טשעמבּערליינס און זייער חברותא?

עס נעהמט זיך דערפון, וואָס זיי שטעהען אויף אַן אונמעגליכען שטאַנדפונקט, אויף אַ שטאַנדפונקט וואָס געהט להיפך דעם בעסטען וויסען פון דער צייט; עס נעהמט זיך דערפון וואָס כאָטש זיי שטעלען אָן אַ וויסענשאַפטליכען טאָן, דאָך זוכען זיי אין אמת'ן ניט קיין וויסענשאַפטליכע אָביעקטיוויטעט, נאָר דרעהען און בויגען די פאַקטען כדי אויסצופירשנ'ען יעדער זיין אייגענע שאָוויניסטישע דרשה.

דעריבער די ווידערשפרוכען, דעריבער די קינדישע טעות'ן.

VI

איז דר. זשיטלאָווסקי'ס טעאָריע, גאַנץ איינפאַך — שלעכטעס וויסען. אָבער שלעכטע וויסענשאַפט איז אין זיך אַליין נאָך ניט דאָס ערגסטע. ערגער פון אַלץ איז — אַ שלעכטער חבר. און פאַר שלעכטער וויסענשאַפט האָבען מיר אַ כלל: זי האָט שטענדיג אַ שלעכטען חבר. איהר חבר איז — רעאַקציע.

וואָרום אינ'ם באַגריף פון בלוט-אונטערשיידען פון קלאַסען און ראַסען וואָרצעלט די גאַנצע רעאַקציע פון אונזער צייט. יעדע רעאַקציאָנערע שטרעמונג פון אונזערע טעג קען אין איין פאָרמע אָדער אין אַן אַנדערער צוריקגעפיהרט ווערען צו אָט דער אַנשויאונג. יעדע אומפאָרשריטליכע טענדענץ ציהט פון דאַנען איהר יניקה.

אייראָפּאַ, ווי באַוואוסט, איז „פילאָזאָפיש“. אַלץ באַגרינדעט זי, פאַר אַלץ געפינט זי אַ טעאָריע. מלחמה, אימפעריאַליזם, פעלקער-האַס זיינען פון אייביג געווען איהר באַליבטעסטער צייט-פאַרטרייב, עקספאַנסיע — דער גרויסער חלום. ווי האָט עס געקענט בלייבען אָהן אַ באַגרינדונג, אָהן אַ פילאָזאָפיע? און אפשר האָט אייראָפּאַ געהערט אַז ס'איז ערגעץ דאָ געוויסען אויף דער וועלט און האָט געוואָלט זיך ריינוואַשען פאַר איהם מיט „אויסריידענישען“. האָט זי ערפונדען די טעאָריע פון—בלוט-אונטערשיידען פון ראַסען און פעלקער.

זשאָזעף גאָבינאָ, דער געניאַלער פראַנצויז, דער מיסטיקער מיט'ן וויסענשאַפטליכען סטיל, איז געווען דער פאָטער פון דער דאָזיגער טעאָריע. אין זיין עסיי, „איבער דער אומגלייכהייט פון די ראַסען“, וואָס איז ערשינען אין מיטען פון 19-טען יאָרהונדערט, שטעלט אַוועק גאָבינאָ דעם כלל, אַז עס

זיינען דאָ קולטור=פעהיגע און קולטור=אונפעהיגע ראַסען. סיי די פעהיגקייטען, סיי די אונפעהיגקייטען זיינען געבאָרענע און אייביגע. די פעלקער וואָס זיינען איצט ניט ציוויליזירט האָט ער אָפּגעזאָגט אויף אייביג: זיי זיינען אויף אייביג פאַראורטיילט צו אַ ווילדען מעמד. פון די באַגאַבטע ראַסען איז די ווייסע — די באַגאַבטעסטע, און אין דער ווייסער דער אַרישער צווייג, און אין דעם אַרישען צווייג — די גערמאַנישע פעלקער.

די אומציוויליזירטע פעלקער — ברייעט ווייטער גאָבינאָ — זיינען אַ שטענדיגע סכּנה פאַר די ציוויליזירטע, די ווייסע, וועלכע, דורך אויסמישונג, וועלען נאָך אַליין אויך פאַרלירען זייערע קולטור=שעפערישע פעהיגקייטען. דער מוסר השכּל אַלזאָ איז:

די אַרישע ראַסע דאַרף מיט'ן שווערד אין האַנד אויפהאַלטען איהר אויבערהערשאַפט. מלחמה און אונגלייכהייט זיינען געווען די טרייב=רעדער פון דער געשיכטע, זאָגט גאָבינאָ. דער געדאַנק אַז אַלע מענשען זיינען ברידער איז אונזין.

עס איז די פילאָזאָפיע פון דעם אייראָפּייאישען אימפעריאַליזם. אייראָפּאַ האָט געדאַרפט אַ טעאָריע און האָט זי געשאַפען. די אימפעריאַליסטישע פּאָליטיק טיילט איין די פעלקער פון דער וועלט אין העכערע און נידעריגערע, און אַזעלכע וואָס קאָנען זיך רעגירען און אין אַזעלכע, וואָס זיינען פון דער נאַטור ניט באַשענקט מיט דער פעהיגקייט פאַר זעלבסט=רעגירונג. עס איז באַוואוסט קיפּלינג'ס „געניאַלע" פראַזע: „די לאַסט פון דעם ווייסען מענש". אויף די פּלייצעס פון דעם ווייסען מענשען, נעביך, האָט די געשיכטע אַרויפגעלעגט די שווערע לאַסט פון דער אָפּגעשטאַנענער, צו ציוויליזאַציאָן און זעלבסט=רעגירונג אונפעהיגער מענשהייט. דיזעלבע טעאָריע האָט דער אַמעריקאַנישער אימפעריאַליזם אַוועקגעשטעלט בנוגע צו מעקסיקאָ. דאָס מעקסיקאַנישע פאָלק, לייענען מיר טאָג=טעגליך אין אַמעריקאַ, איז אין זיין עצם נאַטור אַן אונרוהיגע באַשעפעניש, אָהן דער פעהיגקייט אויף אָרדנונג און זעלבסט=קאָנטראָל. וואָרום דאָס מעקסיקאַנישע פאָלק איז, ווי באַוואוסט, אַ געמיש פון צוויי פאַרשיידענע בלוטען: אינדיאַנער און שפּאַניער. די דאָזיגע צוויי פאַרשיידענע בלוטען שטימען פּשוט ניט צווישען זיך. דעריבער איז דער מעקסיקאַנער ביאָלאָגיש אַן אומרוהיגע בריאה. דעריבער די אייביגע אונרוהען אין מעקסיקאָ. דעריבער אַמע=

ריקאָ'ס „פּליכט" צו גײן קײן מעקסיקאָ און דאָרט טאָן די אַרבײט פון רעגירען די אונטערגירבאַרע. פאַרריכטען דאָס װאָס די ביאָלאָגיע האָט קאַליע געמאַכט.. .

אין דער צײט פון דער מלחמה האָבען די אַליאירטע די דאָזיגע טעאָריע שטאַרק פּאָפּולער געמאַכט — אַלס אַ דײטשע. װער האָט עס ניט געהערט מיט שרעק דעם נאָמען בערנהאַרדי און זײן לערע, אַז מלחמה איז אַ פּליכט, דערפאַר װײל נאָר דורך מלחמה קענען די „העכערע" ראַסען פאַרזיכערען זײער עקזיסטענץ געגען דער אײביגער סכנה פון די נידריגערע ראַסען? דאָס איז געװיס אמת װעגען בערנהאַרדי. אָבער די אַליאירטע האָבען ניט אױסגעזאָגט, אַז זײ האָבען אױך זײערע בערנהאַרדי'ס. אָט איז קאַרל פּירסאָן, דער באַװאוסטער ענגלישער יוגעניקער. שרײבט פּירסאָן אין אַן אָרט: דער װײסער מענש האָט נאָר אײן ברירה — צו גײן אין אַלע װינקלען פון דער װעלט און אױסראָטען די *נידעריגערע* ראַסען אַזױ װי דער „רױטער מאַן" איז אױסגעראָטען געװאָרען אין אַמעריקאַ. און װאָלטער בעדזשאָט שרײבט: די גאַנצע אײראָפּײאישע געשיכטע איז נאָר דער קאַמף צװישען *העכערע* און *נידריגערע* ראַסען פאַר איבערהערשאַפט.

און אַזױ װײטער: סטאָדאַרד, אין אַ בוך „די אױפשטײגענדע כװאַליע פון קאָליר", קלינגט אין די גלעקער, אַז די קאָלירטע ראַסען פאַרמערען זיך אומגעהײער שנעלער װי די װײסע, און די ציװיליזאַציע איז אין סכנה. דעריבער: אײראָפּאַ — געגען אַזיען, אײראָפּאַ *איבער* אַזיען. מעדיסאָן גרענט, אין זײן בוך „דער אונטערגאַנג פון דער גרױסע ראַסע", קלאָגט נעביך אַז דער סאָציאַליזם פאַרשפרײט זיך אַזױ שטאַרק דערפאַר, װײל די װעלט־העגעמאָניע נעהמט איבער פון די *העכערע* צו די *נידריגערע* ראַסען.

אָט דאָס איז די אַטמאָספערע אין װעלכער די טעאָריע פון אײנגעבאָרענע בלוט־אונטערשײדען בײ פעלקער איז געבאָרען געװאָרען, און דאָס איז די אַטמאָספערע אין װעלכער זי געהערט זיך. אַהער פּאַסט זי. װיסענשאַפטליך אָבער איז זי דער רײנסטער אַבסורד. זי װאָלט ניט געקענט לעבען אַ טאָג װען די שװאַרצע כחות װאָלטען זי מיט גװאַלד ניט אױפגעהאַלטען.

װי אַזױ אָבער זי קומט צו אונזער פּראָגרעסיװען נאַציאָנאַליסטישען טעאָרעטיקער, צו דר. זשיטלאָװסקי'ן — דאָס װאָלט געװען פאַר דר. זשיטלאָװסקי'ן אַן אינטערעסאַנטער שטודיום אין „אידען־פאַרבינדונגען".

וואָס זשע, פרעגט זיך נאָך דעם אַלעמען, איז די *ריכטיגע* טעאָריע פון נאַציאָנאַליזם?

דער ענטפער אויף דער דאָזיגער פראַגע געהט ניט אַריין אין די ציעלען און צוועקען פון דער איצטיגער אַרבייט. עס איז דאָ ניט געווען די כונה אַרויסצושטעלען אַן אַנדער טעאָריע פון נאַציאָנאַליזם, אַנשטאַט דער אומגעוואָרפענער. עס וועט דאָ נאָר גענוג זיין אָנצודייטען אויף דער טעאָריע, וואָס ערקלערט די פאַרשיידענאַרטיגקייט פון קולטורען דורך דער פאַרשיידענאַרטיגקייט פון *באַדינגונגען* און *אומשטענדען* אונטער וועלכע די באַזונדערע פעלקער האָבען געלעבט און לעבען, באַדינגונגען קלימאַטישע, געאָגראַפישע, היסטאָרישע, סאָציאַלע, א. אַ. וו. עס וועט דאָ זיין גענוג בלויז אָנצואווייזען, אַז די עצם פראַגע פון די אַלטע טעאָרעטיקער, די פראַגע פאַר וואָס זיינען בכלל אַנטשטאַנען פאַרשיידענע קולטורען, איז אַ פאַלשע. פאַרקערט, עס וואָלט גיכער געווען אַ וואונדער ווען פעלקער-קולטורען וואָלטען זיך *ניט* אויסגעבילדעט פאַרשיידענאַרטיג. ווארום דער כלל איז: די *פריינאַטור ווידערהאָלט זיך ניט*. דאָס מענשליכע געזיכט באַשטעהט איננאַצען פון געצעהלטע עטליכע גלידער, דאָך זיינען צווישען די אונצעהליגע מיליאַרדען מענשליכע געזיכטער וואָס האָבען עקזיסטירט און עקזיסטירען אויף דער וועלט ניטאָ קיין צוויי, וואָס זאָלען זיך זיין אבסאָלוט ענליך. די מענשליכע שפראַך-אָרגאַנען זיינען ביי אַלעמען דיזעלבע, דאָך זיינען קיין צוויי ענליכע שטימען ניטאָ. דיזעלבע האַנט וועט מיט דער זעלבער פעדער, אויפ'ן זעלבען פאַפיר אין דערזעלבער צייט ניט קענען אויפשרייבען דעמזעלבען בוכשטאַב צוויי מאָל, און די צוויי בוכשטאַבען זאָלען זיין פאָלשטענדיג גלייך איינער צום אַנדערען. ווי זשע קען מען ערוואַרטען אַז פעלקער-קולטורען, וועלכע זיינען פאַנאַנדערגעוואָרפען אויף אונצעהליג פאַרשיידענע צייטען און אומשטענדען, די אַרבייט פון די פאַרשיידענאַרטיגסטע קרעפטען און ווירקונגען אין משך פון לאַנגע דורות, זאָלען זיין אַלע גלייך, ווי פון איין שנייד-מאַשין צוגעשניטען?

אַזאַ באַגריף וועגען קולטור-אַנטשטעהונג אַנטשפּרעכט ניט נאָר בעסער דעם וויסענשאַפטליכען גייסט, נאָר באַזייטיגט אויך דעם שאָוויניסטישען און רעאַקציאָנערען מאָמענט אין דער נאַציאָנאַליטעטען-לערע. ווארום אויב די אורזאַכע פון די קולטור-אונטערשיידען ווערט אַריבערגעטראָגען אויף די *אומשטענ*-

ד ע ן, דאַן בלייבען אַלע פעלקער, וואָס אנבאַלאַנגט זייער ביאָלאָגישען און זאָאָלאָגישען וועזען, גלייכע. עס הערט דאַן אויף פון זיך אליין די טענה פון ה ע כ ע ר ע און נ י ד ר י נ ע ר ע ראַסען, פון קולטור=פעהיגע און קולטור=אומפעהיגע פעלקער. דער שאָוויניזם ווערט אונמעגליך אין דעם נאַציאָנאַליזם.

אָט אין דער דאָזיגער ריכטונג איז גענאַנגען די אמת'ע פעלקער=לערע פון אונזערע טעג. אָבער, ווי געזאָגט, עס איז ניט געווען דאָ אונזער אויפגאַבע אויפצושטעלען אַן אַנדער טעאָריע אָנשטאָט דר. וושיטלאָווסקי'ס מערקווירדיגער טעאָריע פון נערווען=אַפּאַראַטען און מאַרך=מאַשינען. עס איז אונז דאָ גענאַנגען נאָר אין איינס, צו ווייזען וואָס עס באַהאַלט זיך הינטער דר. וושיטלאָווסקי'ס אויפגעבלאָזען=פּאַראַדנעם סטיל און זיין געשריי אז י ע נ ע „האָבען קיין ברעקעל ידיעה ניט”...

עס איז אונז דאָ נאָר גענאַנגען צו ווייזען ווי אַזוי עס ווערט ביי אונז „פילאָזאָפירט” און ווי עס ווערען ביי אונז טעאָריעס געמאַכט..

אינהאַלט

זייט

באַגלייט־וואָרט 5

פון דער וועלט־ליטעראַטור 7

אַנאַטאָל פראַנס דער באַפרייער 9

דאַנטע דער געפאַנגענער 17

דאָסטאָיעווסקי און מיר 25

טאָלסטאָי דער בעל־טעות 33

ווילהעלם וואונדט 41

די פילאָזאָפיע פון אונטערגאַנג 47

I. „דער פענגווינען אינזעל“ 47

II. פאָטערמאָרד 51

III. אַ בריף וועקסעל פון צווי ווינקלען 56

IV. „אַן אינדיען־רייזע“ 61

V. „דאָס רייזע־טאַגעבוך איינעס פילאָזאָפען“ 65

אומבאַפרידיגטע 73

פון דער אידישער־ליטעראַטור 81

די דיכטונג פון יהואש 83

„מענשן“ אין פינסקי׳ס ערצעהלונגען 139

די „גרויסע טאַט“ אין דער אידישער ליטעראַטור 149

די „גרויסע אידעע“ אין דער אידישער ליטעראַטור 155

אונזער סטיל 163

דר. זשיטלאָווסקי אַלס טעאָרעטיקער פון נאַציאָנאַליזם 169

היבטע און וועלטען

חיים ליבערמאַן

3 1761 04793312 2

PJ
5124
L5
1923
c.1
ROBA

UTL AT DOWNSVIEW
D RANGE BAY SHLF POS ITEM C
39 04 02 12 10 003 7